STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00271

GEZAMELTE VERK

Z. Libin

Permanent preservation of this book was made possible by
Roslyn & Victor Simon
in memory of
their parents Sarah & Aaron Engelman and Mary & Jacob Simon

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. ליבין

געזאַמעלטע ווערק.

IV.

ארויסגעגעבען פון

„פאָרווערטס“

.1916

געלעכטער און טרעהרען.

1. דעם אפטייקערס שרעק — — — — — — — — — — 3
2. דער לאנגער טיש — — — — — — — — — — — 9
3. דער ליטוואק און זיין אמעריקאנער ווייב — — — 11
4. פון מיין טאגעס בוך — — — — — — — — — — 14
5. מיינע איינגע שיך — — — — — — — — — — — 19
6. מיסטער פוטערמאן'ס בריעף — — — — — — — — 31
7. ווארום דער שוחט האט אויפגעהערט צו שעכטען — 36
8. די צוויי בייזע שפאסען — — — — — — — — — 38
9. מיין ארבע כנפות און דעם גוי'ס צלם'ל — — — 44
10. דער געלעכטער און די טרעהרען — — — — — — 47
11. דער מאן און זיין פרוי — — — — — — — — — 50
12. חיים און חיה — — — — — — — — — — — — 56
13. בעקיע און איהר מאן — — — — — — — — — 62
14. מיין ערשטע גנבה — — — — — — — — — — — 65
15. די פופציג יעהריגע בעפרייאונג — — — — — — 74
16. פארוואס טאראקאנער לאנדסלייט זיינען מיר שונאים 82
17. מען האט זיי נים געקענט צושיידען — — — — — 87
18. א שלעכטער טאג — — — — — — — — — — — 93
19. און זי רעדט אזוי ערנסט — — — — — — — — 97
20. אין פאן שאפ — — — — — — — — — — — — 102
21. מיין נייער סעט מעביל — — — — — — — — — 106
22. „אנליע סטענדינג רום" — — — — — — — — 112
23. דער נים בעשערטער פאבלישער — — — — — — 112
24. די רעוואלוציאנערקע און די אידענע — — — — 118
25. דער סוד פון דעק — — — — — — — — — — 126
26. צוויי פרויען — — — — — — — — — — — — 131
27. אן ערפאהרונג אין פהילאדעלפיא — — — — — 135
28. א טרוקענער רעכענונג — — — — — — — — 141
29. שמערצליכע געדאנקען — — — — — — — — — 145

30. שווייגען איז בעסער — 150
31. צוויי מאָהל באגעגענט זיך — 156
32. דער העט־טשעק — 160
33. א טאָג ארבייט — 165
34. דער טוידטער וועכטער — 170
35. דער ציגישער דענטיסט — 173
36. זאלץ און די וואסער — 175
37. טרייהייט פון א פרוי — 190
38. די צוויי בעזונדערע טישען — 209
39. א פאָרגעפיהל. — 214
40. די אויסנאהמע — 220
41. מיסטער באלאטין'ס זייגער — 226
42. די דיענסטמיידעל און די באָרדערין — 236
43. דאָס בילד וואָס האָט ניט געוואָלט פערלאָרען געהן — 248
44. עס הויבט איהם אָן צו פערדריסען — 259

גע׳לעכטער און טרערען

דעם אפטייקער'ס שרעק

פריהמאָרגענס, ווי נור בערדיאַנסקי דער אַפטייקער האָט אָבגעשלאָסען די טהיר פון זיין אַפטייק אום אָנצופאַנגען זיין ביזנעס־טאָג, איז האַסטיג אַריינגעלאָפען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר עטליכע־און־דרייסיג.

דער יונגערמאַן איז גלייך צוגעלאָפען צום קאָונטער, הינטער וועלכען דער אַפטייקער איז געשטאַנען, און דער קאַסטאָמער האָט אָבהענדיג און דערשראָקען אַ זאָג געטהאָן:

— גיט מיר פאַר צעהן סענט קאַרבאָל־זויערע.

— האָט איהר אַ באָטעלע? — האָט דער דראָגיסט אויטאָמאַטיש געפרעגט.

— ניין, איך האָב ניט. — האָט געענטפערט דער יונגערמאַן.

ווען דער דראָגיסט האָט אַ קוק געטהאָן אויף דעם אויפגערעגטען יונגענמאַן האָט ער גלייך פערשטאַנען אז ער האָט דאָ צו טהאָן מיט זעהר אַ פערדעכטיגע געשיכטע.

אויף דעם טוידט־בלאַסען געזיכט פון דעם קאַסטאָמער איז געוועזען קענטיג אַ פערצווייפעלטע מידקייט; מען האָט געקענט זעהען, אַז דער יונגערמאַן האָט פערבראַכט אַ שלאָפלאָזע נאַכט; מען האָט געקענט זעהען, אַז עטוואָס איז ניט גלאַטיג מיט דעם יונגענמאַן...

— ער וויל זיך פער'סם'ען... — איז דעם דראָגיסט אַרויף אַ חשד אויף די געדאַנקען, ער האָט נאָך אַ מאָל אַ בליק געוואָרפען אויף זיין קאַסטאָמער און פיעלבעדייטענד אַ פרעג געטהאָן:

— צו וואָס דאַרפט איהר דאָס? — און שטעלענדיג דיזע פראַגע האָט דער דראָגיסט אויפמערקזאַם אַריינגעקוקט אין די אויגען פון זיין קאַסטאָמער. עפּעס אַזוי ווי פּרובירענדיג דערגעהן וואָס עס טהוט זיך ביי דעם יונגענמאַן אויפ'ן הארצען.

— איך דאַרף. — האָט דער קאַסטאָמער געגעבען אַ קורצען ענטפער.

— דאָס איז גיפט... מען דאַרף מיט דעם זיין זעהר פאָרזיכטיג...

— האָט דער דראָגיסט ווייטער עקזאמינירט זיין קאָסטאָמער און האָט פון איהם אן אויג ניט ארונטערגענומען.

— איך וויים, איך וויים... — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט עפּעס מיט א מאָדנע שטימע, און אויף דעם קאָסטאָמער'ם ליפּען האָט זיך אויסגעלעגט א זעהר פערדעכטיגער שמייכעל.

דעם אפּטייקער'ם חשד איז פערשטארקערט געוואָרען.

בערדיאנסקי האָט שוין געוואוסט ענטפערען אז אָהן א דאָקטאָר'ם ערלויבנים פערקויפט ער ניט קיין קארבאָל־זויערע אין זיין אפּטייק, ווען דורכ'ן פענסטער האָט ער דערזעהען ווי אין דער אַפּטייק איבער'ן וועג האָט זיך די טהיר געעפענט און א פרוי האָט ארויסגעטראָגען א גאנצען פעקעל מיט אפּטייקארסקע סחורה.

דעם אפּטייקער האָט א שטאָך געטהאָן אין הארצען.

בערדיאנסקי האָט אין זיין אפּטייק קיין מאָל קיין איבעריג גוטע געשעפטען ניט געמאכט. זינט ער האָלט די ביזנעס פיהרט ער קוים קוים צוזאמען א ברעג מיט א ברעג, קומט מען און מען עפענט אן אפּטייק איבער'ן סטריט, אויפ'ן צווייטען קארנער, פונקט געגענאיבער זיין סטאָר.

האָבען זיינע ביזנעס גענומען ערגער ווערען פון טאָג צו טאָג. דער קאָנקורענט איבער'ן סטריט רייסט אָהן א ברעקעל רחמנות זיין לעצטען ביסען ברויט פון מויל, און יעדעס מאָל ווען בערדיאנסקי זעהט, אז דאָרטען איבער'ן סטריט לייזט מען, פיהלט ער אז זיין הארץ ווערט צושפּרונגען פון פערדרוס און שמערצען.

יעצט, ווען בערדיאנסקי האָט דערזעהען אז דאָרטען, איבער'ן וועג, לייזט זיך שוין, האָט ער פאר כעס און פערדרוס פערגעסען אויף אלעם אין דער וועלט און ער איז אוועק אין זייטיגען צימער צו נעהמען א באָטעלע אויף צו געבען זיין קאָסטאָמער קארבאָל־זויערע.

זוכענדיג א פּאסענדע באָטעלע האָט דער אפּטייקער דורכ'ן טהיר אונגערן א בליק געוואָרפען אויף זיין קאָסטאָמער.

דער יונגערמאַן האָט אונרוהיג און שרעקליך אונגעדולדיג ארומ־געשפּאנט הין און צוריק איבער'ן סטאָר... מען האָט געקענט זעהען, אז דער מענש האָט פאר זיך קיין אָרט ניט...

„דער יונגערמאַן וועט זיך נעהמען דאָס לעבען...“ — האָט דער

אפטייקער ווייטער א טראכט געטהאָן, און גיסענדיג דעם גיפט אין באָטעלע האָבען זיינע הענד גענומען ציטערען...

דעם אפטייקער'ס פאַנטאַזיע האָט גענומען שילדערען א בילד ווי דער יונגערמאַן טרינקט דעם גיפט.... ווי ער פאַלט אוועק מיט א שמערצליכען אויסגעשריי... ווי דער פער'סם'טער וואַרפט זיך אין קאָנוואולסיעס... ווי זיין געזיכט ווערט שרעקליך אויסגעקרימט, ווי ער שטאַרבט א. ז. וו.

דער אפטייקער האָט שוין אריינגעגאָסען דעם גיפט אין דער פלעשעלע, פערשטאָפּט מיט א קאָריק... נור פון דעם צימער האָט ער ארויסגעהן ניט געקענט...

אינוועניג אין דעם אפטייקער'ס הארצען האָט גענומען רעדען די שטימע פון זיין געוויסען:

„ניט פערקויף, מען דאַרף ניט..."

„וועט ער לויפען אנטקעגען איבער'ן וועג" — האָט אין דעם אפטייקער'ס הארצען אָבגעענטפערט א צווייטע שטימע... דאָס איז געווען די קאַלטע שטימע פון ביזנעס, דער טרוקענער קול פון דעם טרוקענעם אינטערעס.

„פערקויף ניט... —האָט גע'טענה'ט דעם אפטייקער'ס געוויסען— פערקויף ניט דעם גיפט... דער יונגערמאַן געהט זיך פערגיפטען... ווען דו וועסט איהם ניט געבען קיין גיפט וועט ער אפשר מעהר קיין מוטה ניט האָבען צו געהען אין אַן אנדער סטאָר.. די מינוט פון פערצווייפלונג וועט אריבער און ער קען חרטה האָבען..."

בערדיאַנסקי האָט אוועקגעלעגט די פלעשעלע מיט די קארבאָל־זויערע, ער האָט שוין געוואָלט אריינגעהן אין סטאָר און אָבזאָגען דעם קאַסטאָמער, ווען זיינע בליקען זיינען ווייטער געפאַלען איבער'ן סטרית אויפ'ן אפטייק, און ער האָט ווייטער דערזעהן ווי דאַרטען עפענט זיך די טהיר און א קליין מיידעלע געהט אריין...

דעם אפטייקער'ס געוויסען איז ווי דורך א צויבער פערשטומט געוואָרען... ער האָט געכאַפּט די פלעשעלע מיט גיפט, האַסטיג אריינ־געגאַנגען אין סטאָר, אָנגעקלעפּט א לייבעל, וועלכער האָט געלויטעט: „גיפט", און ער האָט די פלעשעלע דערלאַנגט דעם קאַסטאָמער.

דער יונגערמאַן האָט א וואָרף געטהאָן א קוואָדער אויפ'ן קאונטער און גענומען לויפען צום טהיר, פערגעסענדיג די רעשט צו בעטען.

— מיסטער, אייער טשענדזש! — האָט דער אפטייקער אָבגעהאַל־טען זיין קאַסטאָמער, און ער האָט דעם יונגענמאַן די פופצעהן סענט דערלאַנגט.

דער קאַסטאָמער איז האַסטיג פון טהיר ארויסגעלאָפען, און דעם אפטייקער האָט ווייטער א קלאַפּ געטהאָן אין די געדאַנקען:

„דער יונגערמאַן וועט זיך פערגיפטען".

בערדיאַנסקי'ן האָט גענומען שטאַרק פערדריסען אויף דעם וואָס ער האָט דעם יונגענמאַן דעם גיפט פערקויפט... זיינע געדאַנקען האָבען איהם גענומען שרעקליך פּלאָגען און וואָס מעהר ער האָט געטראַכט וועגען דיעזער געלעגענהייט, אַלץ זיכערער און זיכערער איז ער געוואָרען, אַז ער איז דאָ געווען אַ מיטהעלפער צו א זעלבסטמאָרד, און ביי דעם אפטייקער אויפ'ן הארצען האָט זיך אָוועקגעלעגט א שווערע, שווערע משא...

א גאַנצען טאָג האָבען דעם אפּטייקער'ס צורודערטע מחשבות געפּלאָגט איהם מיט שוידערליכע בילדער: דאָס האָט ער געזעהן ווי דער קאַסטאָמער, וועמען ער האָט דעם גיפט פערהאַנדעלט, וואַלגערט זיך אין שוידערליכע שמערצען; דאָס פלעגט זיך איהם דאַכטען ווי דער יונגערמאַן ליעגט א טוידטער און עס בעקלאָגען איהם אַן אַלטע מאַמע און קליינע קינדער. דער אפּטייקער איז געוואָרען זעהר נערוועז, די ארבייט איז איהם געפאַלען פון די הענד, און דער מאַן האָט פאַר זיך א גאַנצען טאָג קיין אָרט ניט געהאַט.

אבענד־צייט, ווען בערדיאַנסקי איז געשטאַנען אויף א הויכען שטוהל און אָנגעצונדען דעם גרויסען גאַז־לאָמפּ פונ'ם סטאָר, האָט ער דערהערט ווי אין סטריט שרייען צוויי מענער מיט אַזעלכע בענומענע גוואַלדען: „עקסטרא!!"

„דאָס איז ער!" — האָט דעם אפּטייקער א קלאַפּ געטהאָן איבער'ן הארצען. ער האָט האַסטיג א שפּרונג געטהאָן פון דעם הויכען טשער, שיער א פּוס ניט אויסגעבראָכען זיך, ווי א משוגענער אין גאַס ארויס־געלאָפען, געכאַפּט אַן „עקסטרא", געגעבען א ניקעל, פערגעסען טשענדזש נעהמען און געכאַפּט לעזען די נייעס...

עפּעס א געוויסען מערדער האָט די גערעכטיגקייט געטוידטעט אין סינג־סינג אויף דעם עלעקטרישען טשער — וועגען דעם איז דאָס די „עקסטרא" געווען.

און בערדיאנסקי האָט דעם אָטהעם אָבגעכאַפּט!

מיט א פּאָר שטונדען שפּעטער איז אין בערדיאַנסקי׳ס אַפּטייק אריינגעקומען אַן עלטערער אידעל, האסטיג צוגעלאָפען צום קאַונטער און א וואָרף געגעבענדיג די פלעשעלע אויפ׳ן טיש האָט דער אלטער צאָרנדיג א פרעג געטהאָן ביי דעם אפּטייקער:

— זאָגט נור מיר, מיסטער אַפּטייקער, דאָס האָט איהר היינט מיין זוהן פערקויפט פאר צעהן סענט קארבאָליק?

איין בליק און בערדיאַנסקי האָט דערקענט די אין־דער־פריהענדיגע פלעשעלע. זיין הארץ איז איהם שטעהען געבליעבען. פאר שרעק האָט ער גאָר נישט געקענט ענטפערן און אָנגעקוקט דעם אלטען מיט אויס־געגלאָצטע אויגען.

— איהר? — האָט דער אלטער געבייזערט זיך — האָט איהר ניט געקענט געבען אביסעל שטארקערע? עס איז צו שוואך!

— צו שוואך? — האָט בערדיאַנסקי אויטאָמאטיש איבערגערעדט דעם אלטענ׳ס ווערטער — וואָס הייסט צו שוואך?

— יעס, צו שוואך... עס טשעפּעט זיי גאָר ניט...

— ועמען? — האָט דער אפּטייקער געפרעגט...

— די וואַנצען...

דער אַפּטייקער האָט אויסגעשפּייט און צולאכט זיך אויפ׳ן קול...

— וואָס־זשע לאכט איהר אזוי?... — האָט דער אלטער אָנגעקוקט דעם אַפּטייקער — אויב איהר האָט ניט קיין שטארקערע דאַרפט איהר ניט פערקויפען...

— איז דאָס אייער זוהן געוועזן? — האָט בערדיאַנסקי ניט געקענט קאָנטראָלירען זיין געלעכטער.

— געוויס מיין זוהן. וואָס־זשע לאכט איהר אזוי?

— ווייל איהר זייט אין כעס וואָס עס איז געוועזן צו שוואך. — האָט דער אַפּטייקער שוין יעצט ערלויבט זיך צו שפּאַסען — וואָס איז אבער אייער זוהן געוועזן אזוי אויפגערעגט?

— וואָס רעדט איהר! — האָט דער אלטער ערקלערט ווארום זיין זוהן איז געוועזן אזוי אויפגערעגט — וואָס רעדט איהר, מען איז נעכטען ערשט געקומען פון דער חתונה.

— פון וועמעס חתונה? — האָט בערדיאַנסקי איבערגעשלאָגען דעם אַלטען.

— ביי דעם זעלבינגען זוהן איז געכטען חתונה געווען אין באָסטאָן, האָט מען דאָס געכטען ביינאַכט צו מיר די שנור אַראָבגעבראַכט. בקיצור, אַ נייע שנור דאַרף דאָך זיך נאָכגעבען... חריפות צייגען... האָט זי עפּעס דאַרטען בעמערקט אין בעט... נו, נו, האָט זיך אַביסעל אָבגעטהאָן... האָט זי זיך אפילו צולעגען ניט געוואָלט, און דאָס פּאָר פאָלק האָבען ביידע מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט... גיסט נאָך אָן פּאָר צעהן סענט, אבער שטאַרקערע... — האָט דער אַלטער מוסיף געווען מיט אַ ביזנעסמעסיגען טאָן — וואָרום מיין אַלטע זאָגט, אַז עס העלפט ניט — די מזיקים זיינען נאָך דאָ...

אויך יעצט ווען דער אפּטייקער האָט געגאָסען די קאַרבאָל־זויערע אין פלעשעלע האָבען זיינע הענד געציטערט... — געציטערט פון געלעכטער.

דער לאנגער טיש

צו פערדאנקען מיין פריינד ג... בין איך געווען אן איינגעלאדענער גאסט אין צוויי רייכע הייזער. אין דיעזע רייכע הייזער האב איך פיעל רייכקייט געזעהן. רייך־פערפוצטע צימערען, זעלטען שעהנעס מעבעל, זילבער, גאלד, סטייל און פאמפ, נור גליק האב איך אין דיזע הייזער ניט בעגעגענט. דאס זילבער און דאס גאלד האבען אין דיזע הייזער, דאכט זיך, א הערצרייסענדע טראגעדיע אריינגעבראכט.

מיין פריינד ג... קומט אפט אריין אין רייכע הייזער. ער האט די מעגליכקייט אריינצוקומען אין די אידישע „הויכע פענסטער" און צו איהם האב איך אמאל מיט א בקשה געווענדעט זיך:

— ברודערל, נעהמט מיך אמאל אריין אין די רייכע הייזער, צו ניו יארקער פערמעגליכע אידען, עס וואלט זיך וועלען אביסעל מיט זייער לעבען בעקענען. אבער אזא קבצן ווי איך, ווי קום איך צו זיי?

ג... איז זעהר א פריינדליכער מענש. א פרייע, א לוסטיגע, אן אפענע נשמה. און מיין פריינד האט מיר פערשפראכען:

— אלל־ראיט, איך וועל זעהן געפינען א וועג ווי אזוי אייך צו בעקענען מיט איינִיגע זעהר רייכע פאמיליעס.

ג... האט זיין ווארט געהאלטען, און א דאנק איהם האב איך אין איין און דעמזעלבען אבענד בעזוכט צוויי זעהר רייכע הייזער.

א פרייטאג־צו־נאכט איז דאס געווען. און אין דער רייכער הויז וואו איך און מיין פריינד ג... האבען דעם ערשטען וויזיט געמאכט, איז די גאנצע פאמיליע ביים טיש געזעסען און מען האט ערשט נור גענומען עסען דעם שבת'דיגען סאפער.

מען האט אונז צום טיש איינגעלאדען, און איך און מיין פריינד ג... האבען דיעזע איינלאדונג אנגענומען.

א רייך־פערפוצטער דיינינג־רום, זעהר א לאנגער טיש, זעהר שעהן, אידישלעך און שבת'דיג פערפוצט. עס ערינערט אביסעל אן א רייכער אידישער הויז אין דער היים, אין דער ליטא. זילבערנע לייכטער מיט „אבגעבענשטע" ליכט, היימישע חלות, וויין, משקה, זילבערנע בעכער; אויבענאן זיצט דער פאטער — די מוטער פעהלט

דאַ אין הויז, מיט יאָהרען צוריק האָט זי דער טויט צוגענומען. אין דייניגג רום העגגט איהר בילד אין א שעהנער גאָלדענער פריים, אוי עס קוקען אַרויס פון דער פרוי צוויי גוטע מוטערליכע אויגען.

ביי ביידע זייטען פונ'ם טיש, נעבען פאטער, זיצען זיינע צוויי עלטערע קינדער — זוהן און טאָכטער. נעקסט קום איך זעלבסט און מיין פריינד ג... ווייטער ציהט זיך אַוועק א לאַנגער, ניט פערנומענער שטח, און ביים ווייטען ברעג פונ'ם לאַנגען טיש זיצען די פיער איבריגע קינדער, די איננסטע קינדער, דריי מוידען און א באָי פון א יאהר אכטצעהן.

און מיר האָט זיך געדאכט אז דאַ אין צימער געפינט זיך דער לענגסטער טיש אין דער וועלט, צווישען איין ברעג טיש און דעם צווייטען איז א טיעפער ווייטער אַבגרונד געלעגען אויסגעשפרייט.

דער פאטער איז א משכיל פון דער היים, א איד מיט א אידישע נשמה; לעזט העברעאישע זשורנאַלען, העברעאישע ליטעראַטור, אינטערעסירט זיך מיט זשאַרגאָן, געהט אין אידיש טהעאַטער. אין איהם איז פערבליעבען לעבען דער היימישער אידעאַל, דער איד. עס איז ערשט א יאהר אכט—צעהן זינט ער איז אויפגעקומען און זעהר רייך געוואָרען, און דאָס עשירות האָט זיין פאמיליע אויף צוויי לאַגערן צוטהיילט.

די עלטערע קינדער, וועלכע געדענקען נאָך דעם טאַטען אַלס אָרעמאַן, די עלטערע קינדער וועלכע זיינען אין אָרעמקייט ערצויגען געוואָרען, זיינען פריינדליך צום פאטער, רעספעקטירען איהם, ליעבען איהם. עס איז קענטיג אז עס איז א געטרייער פאטער מיט געטרייע קינדער... פאטער און קינדער רעדען דעם זעלבען לשון, אידיש, זיי האָבען פיעלע געמיינשאַפטליכע אינטערעסען אין לעבען, מען איז אייגענע מענשען — איין פאמיליע.

ביים צווייטען זייט טיש זיינען שוין געזעסען ווילד־פרעמדע מענשען... דאָרט האָט מען גערעדט ענגליש, און עס איז געווען זעהר לייכט צו בעמערקען, אז יענער זייט טיש שעהמט זיך מיט דעם זייט טיש...

יענע קינדער, ביי יענער זייט טיש, זיינען שוין אמעריקאַנער, ערצויגען געוואָרען אין פערגניגען, אין רייכקייט, און מען שעהמט זיך מיט דעם פּאָפּאָ'ס פערגאַנגענהייט...

דאָ ביי דעם זייט טיש האָבען מיר גערעדט וועגען אידיש טהעאַטער, דאָרט, אויפ'ן צווייטען זייט טיש, האָט מען גערעדט וועגען אינגליש וואָדעוויל; מיר האָבען גערעדט וועגען אידישע שרייבער, דאָרט האָט מען „געספּאָרטעוועט" וועגען אַמעריקאַנער טהעאַטער־סטאַרס. און איך האָב געזעהען אַז יענער זייט טיש בעטראַכט אונזער זייט טיש אַלס מענשען פון אַ פיעל ניעדריגערען שטאַנד.

האָב איך אַ פראַגע געשטעלט צו יענעם זייט טיש, האָט מען מיר מיט אַ האַלב מויל געענטפערט, און דער צווייטער האַלב מויל האָט זיך אויסגעקרימט מיט אַ פעראַכטליכען שמייכעל; האָט דער פאַטער געזאָגט אַ פּאָאַר ווערטער צו יענעם זייט טיש, האָט מען פון דאָרט ניט גערעכענט פאַר נויטיג אפילו מיט אַ וואָרט צו ענטפערן.

און איך האָב געזעהן ווי דעם פאַטער'ס שטאָלץ ווערט ברוטאַל און שמערצליך אָנגעגריפען פון זיינע אייגענע קינדער, פון די אַמעריקאַנער, פון די יונגע קינדער.

און מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך זיץ דאָ ביי דעם לענגסטען טיש אין דער וועלט...

אַ טיעפער, ווייטער, ווייטער אַבגרונד האָט דאָ אָבגעטהיילט איין ברעג טיש פון דעם צווייטען.

דער ליטוואַק און זיין אַמעריקאַנער ווייב.

מיט איינינגע שטונדען שפּעטער האָט מיך מיין פריינד ג... אַריינגעפיהרט אין אַ צווייטער רייכער הויז... דאָ איז שוין געווען נאָך סאַפּער, איז מיר ניט אויסגעקומען זיצען ביי אַ לאַנגען טיש... קיין קינדער זיינען דאָ אין הויז ניטאָ. עס איז נור דאָ אַ מאַן און ווייב מיט עטליכע דיענסטען.

ווען איך האָב פערבראַכט אין הויז ביי אַ שטונדע צייט, איז מיר אַרויף אַ געדאַנק אַז דאָ אין דיינינג־רום דאַרף דער טיש אויך זיין זעהר, זעהר לאַנג. ביי איין ברעג טיש דאַרף זיצען דער מאַן, ביים צווייטען — די ווייב, וועהרענד צווישען די ביידע ליעגט אַ ווייטער, טיעפער, לעבערליכער אַבגרונד.

ועה, וואָס פאַר אַ רייכקייט!

קארפעטס, קאסטבארע ראגס, זעלטענע מעבעל, בילדער, מערק־ווירדיגע בעפוצונג...און אלץ עפעס אזוי פיעל, אהן א שיעור, אהן אן ארדער, און שרעקליך איבערטריעבען... קענטיג מען האט דא אין הויז אריינגעשלעפט אזוי פיעל זאכען, אז מעהר קען מען שוין גאר ניט אריינברענגען, קענטיג אז מען ספענדט דא געלד — אז געספענדט זאל זיין!

און וויפיעל צימערען! עפעס אהן א סוף, אהן א ברעג! א דריי־פלאריגע פריוואט־הויז פערנעהמען די צוויי רייכע מענשעלעך. אויף וואס דארפען זיי אזוי פיעל צימערען? וואס טהוען זיי דא?

האט מען מיך גענומען ארומשלעפען פון איין צימער אין צוויי־טען... אנגעצונדען די עלעקטריק, געצייגט די פיער ווענד, געצייגט דאס מעבעל, די בעפוצונגען, אויסגעלאשען דאס ליכט און מארש אין א צווייטען, און ווייטער געצייגט די ווענד, די זאכען...

די ווייב צייגט די קאסטבארע זאכען און דער מאן געהט נאך א פערשלאפענער, און מיט אן אומעטיגער שטימע רעכענט ער אויס פינקטליך וויפיעל יעדע זאך קאסט.

דער מאן איז א געוועזענער קאסטאמער פעדלער, יעצט איז ער א רייכער פאר־מאנופעקטשורער, א ליטוואק מיט די ביינער. די ווייב איז אן אמעריקאנערין — דאס האט הפנים געלד — יחות געקויפט!

די אמעריקאנערין שעהמט זיך מיט דעם ליטוואק, און דער ארעמער ליטוואק ציטערט פאר זיין ווייב'ס מינדסטען בליק. אין זייער ביידענס בענעהמען זיך האט זיך דאס געפיהלט.

די הויז האט זי דאס אזוי אויפגעפיקסט, זי, די אמעריקאנערין. זי האט זיך אין דעם זעלבסט אויסגעבעריהמט, און ער, דער מאן איהרער, דער ליטוואק, האט אונטערטהעניג צוגעשמייכעלט. נור נאך די אויגען נאך האט מען געקענט זעהן אז ער וואונדערט זיך און טראכט ביי זיך:

„צו וואסערע שווארצע יאהר דארף מען דאס אלעם האבען!"

עס איז געוועזען זעהר לייכט צו בעמערקען אז דעם געוועזענעם פעדלער זיינען זיינע גרויסע פופצעהן רומס אייגנ ווי א פריזאן, אז ניט אין איינעם פון די אלע פופצעהן צימערען האט ער פאר זיך אן ארט. עס האט זיך געדאכט, אז דער מענש ציטערט צו בעריהרען זיינע אייגענע פארניטשור, אז ער האט מורא אנצוטרעטען די קאוויארען

אויפ'ן פלאָר... מען האָט געזעהן ווי דער מענש האָט קיין היים ניט, אז ער פיהלט זיך אין די פופצעהן רומס עלענד, וויסט און פרעמד... דער אויפגעקומענער עושר האָט זיך עפּעס ווי א פערבלאָנזשעטער באָק ארומגעבלאָנקעט זיך אין זיין אייגענער הויז.

אויך די אמעריקאנערין פיהלט זיך דאָ ניט איבריגס גליקליך, דער מאַן איהרער שטעכט איהר שטענדיג ווי א דאָרן אין די אויגען...

אומעטיג, ענג און שטיקענד האָב איך זיך געפיהלט אין די גראַמע, רייך־פערפוצטע צימערען, און ווען איך בין ענדליך ארויס אין דער גאַס, אויף דער פרייער לופט, האָב איך לייכטער און פרייער אויפגעאָטהעמט...

פון מיין טאגעבוך

צוליעב וואס אייגענטליך איך נעהם היינט די פעדער אין האנד, וויים איך זעלבסט ניט.

עס איז מיר ארויפגעקומען א געדאנק צו פערשרייבען די פאסי־רונגען, די פערזענליכע איינדריקע פון היינטיגען טאג; איך קען פון דיעזען געדאנק ניט בעפרייען זיך. איך פאלג איהם און איך זעץ זיך שרייבען.

היינט איז א שעהנער זומער־טאג.

עס איז באלד זיעבען יאהר, אז איך בין פערהייראטה מיט מיין ליעבער געטרייער סאפיע. ביז היינטיגען טאג איז מיין פרוי געווען די מוטער פון אונזערע צווי קליינע קינדערלעך און די ווירטהין אין הויז, און אויף מיר איז געלעגען דער עול פון פרנסה. היינט האבען מיר זיך געביטען מיט די ראלען: איך בין פערבליבען מיט די קינדער־לאך און אטענד די הויז, און סאפיע איז אוועק אין שאפ ארבייטען.

ביטערע אומשטענדען האבען געבראכט צו דיעזען איבערוועקסלען פון די ראלען!

איך האב געארבייט אין א פיינט פעקטארי און האב אויס־געמאכט פיינע וויידזשעס, בין איך אבער קראנק געווארען און האב געמוזט מיין ארבייט אבגעבען.

דאס האט פאסירט מיט א קנאפען יאהר צוריק, און זייט דאן פלאג איך מיך ארום; איך ווער קראנקער און קראנקער און אנדערע דאקטוירים ווילען האבען, אז ביי מיר ענטוויקעלט זיך די שווינדזוכט.

איך האב פיעלעס פרובירט טהאן, אום צו מאכען א לעבען. איך האב זיך געווארפען אין אלע זייטען, אבער אומזיסט! איך קען קיין לעבען ניט מאכען... איך האב זיך אין מיינע ביטערע, שלעכטע צייטען געווענדעט צו מיינע פריינד — אבער קיינער האט מיר ניט געהאלפען.

אן עלטערען ברודער האב איך דא אין לאנד. ער איז נאך סינגעל און איז גאנץ גוט אב; ער איז פראוויזאר אין א גרויסען אפטייק, פערדיענט פיינע וויידזשעס און האט עטליכע דאלאר אין די בענק... צו איהם האב איך זיך געווענדעט נאך הילף און... און היינט האב איך

געמוזט מקבל זיין די הילף פון מיין איינציגען פריינד — פון מיין אָרעמער פרוי.

זי איז אוועק ארבייטען...

אוי, ווי ליעב איך האָב זי און מיין הארץ טהוט אויף איהר וועה...

ווען זי איז אוועק ארבייטען, ווען זי האָט פערמאַכט אהינטער זיך די טהיר פון אונזער הויז, האָב איך זיך צואוויינט ווי א קינד...

סאָפיע, טהייערע, אָרעמע סאָפיע מיינע!

אזא שוואכע, אזא שטילע, ווי זי איז!

ווי זי האָט ליעב די קינדערלעך.

און ווי געהט עס יעצט אוים איהר הארץ דאָרטען, אין פינ־סטערען שאפ, נעבען דער נעהמאשין, בענקענדיג נאָך איהרע קינדער! און אפשר אויך נאָך איהר קראַנקען מאַן...

אוי, איך בין א שלעכטער!

איך האָב ניט בעדאַרפט געברויכען דעם וואָרט „אפשר“... זי האָט מיך ליעב, און זי ליידעט איבער מיר.

איך בין א קראַנקער מענש, דערפאַר בין איך פערביטערט.

איך וועל פערצייכענען איינינע קלייניגקייטען וועגען דעם מאָמענט, ווען זי איז אוועק צו דער ארבייט:

זי איז היינט אויפגעשטאַנען פריהער ווי אימער, און איך האָב ביי איהר געפרעגט וואָרום זי טהוט אזוי.

א ווייַלע האָט זי מיך אָנגעקוקט, דאַכט זיך, מיט מיטלייד און נאַכהער האָט זי געזאָגט:

— איסאַק, איך רעכען געהן ארבייטען...

מיר האָט עפּעס א ריס געגעבען אין הארצען און איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

נאַכהער האָט איך געוואָלט זאָגען: „צו וואָס? וואָרט נאָך אָב... אפשר...“

איך האָב אָבער גאָרנישט געזאָגט. איך האָב גוט געוואוסט אז דאָס איז דער איינציגער וועג, ווי אזוי מיר קענען זיך רעטען פון א הונגער־טויט... און איך האָב ווייטער געשוויגען...

— זאָלסט נור דאָ קענען אכטונג געבען אויף די קינדער.... — האָט מיין סאָפיע ווייטער צו מיר געזאָגט.

— סאָפיע! — האָב איך זיך אָבגערופען שטיל.

זי האט בעמערקט אין מיינע אויגען טרערען און זי האט צו מיר געזאגט:

— וואס וויינסטו? נאר!

און זי האט אויף מיר אזא מאדנעם בליק געגעבען...

איך וויים ניט ווארום, נור דער בליק האט מיך דערשראקען.

— סאפיע, ניט געה ארבייטען!

— וואס דען זאלען מיר טהאן?

איך האב ניט געהאט וואס צו ענטפערן...

פאר'ן אוועקגעהן האט זי מיר געגעבען אייניגע אינסטרוקציאנען ווי צו טענדען די הויז און די קינדער.

די קינדער האט זי שטארק געקושט פאר'ן אוועקגעהן... און איהרע אויגען זיינען געווען פייכט פון טרעהרען — נור זי האט ניט געוויינט...

מיך האט זי גענומען פאר'ן האנד און... און...

אך, ווי די קראנקע מענשען זיינען נאריש און פערדעכטיג!

איהר בליק האט מיך ווייטער דערשראקען...

זי איז אוועק און איך האב זיך צוואוויינט...

מיר שיינט אז זי האט מיין וויינען געהערט...

געהענדיג איבער די טרעפ האב איך געהערט ווי זי האט זיך א ווילע אבגעשטעלט — און איז ווייטער אוועק...

אפשר האט זי געוואלט אומקעהרען זיך צוריק, און שטילען מיין וויינען?...

סאפיע, מיין טהייערע סאפיע!

זי איז אוועק אין יענעם שאפ, וואו זי האט געארבייט מיט זיבען יאהר צוריק, איידער זי האט געהייראטה.

דאן האט זי געקענט האפען, אז דער הייראטהען וועט זי בעפרייען פון שאפ... אויף וואס וועט זי יעצט האפען?

מיין סאפיע!

ווייטער טראבעלט מיך איהר בליק... פאר וואס האט זי מיר ניט א קוש געגעבען פאר'ן אוועקגעהן?

זי האט דאך געזעהן, אז איך בין אזוי קראנק... אז איך לייד אזוי....

א מאדנעם שמייכעל האט זי געגעבען...

הפנים איך האָב טאַקע די שווינדזוכט... וואָרום נור דערניקעס קענען טראַכטען אַזוי נאַריש און אַזוי גיפטיג...

וואָס! בין איך פערריקט?... איז דען איהר אין קאָפּ געווען צו פּראָווען מיט מיר ראָמאַנטישע סצענען?

איך וועל צורייסען וואָס איך האָב אָנגעשריעבען... קיינער אין דער וועלט טאָר דאָס ניט לעזען...

איך וואָלט וועלען בעשרייבען ווי אַזוי איך האָב געפיהרט די הויז, איך קען אָבער דאָס יעצט ניט טהאָן... אַן אַנדערס מאָל... ניט יעצט...

איך ווער זעהר אונרוהיג און איך קען יעצט ניט שרייבען... עס איז שוין נאָך זעקס דעם זייגער — און זי קומט ניט פון דער ארבייט...

וואָס קען עס זיין?

איך ווער משוגע!

איך און מיין קליינער דריי־יאָהריגער זוהנעלע זיצען ביים פענסטער און וואַרטען אויף „מאַמאַ".

מיין זוהנעלע האַלט זיין קעפּעלע ווייט אין פענסטער ארויס און רופט אַלץ: „מאַמאַ! מאַמאַ!"...

און מיר געהט אוים מיין האַרץ פון וועהטאָג.

מיין אינגערע קינד, מיין צוויי־יאָהריגע דאָרעלע, איז איינגעשלאָפען... האָט נעבעך אַ טאָג אָנגעוויינט זיך...

קינדערלעך, אָרעמע מיינע, ווי זיי בענקען נאָך דער מאַמען!

וועה, וועה איז צו יענעם, וועד עס דאַרף אָוועקשיקען די מוטער פון זיינע קינדער צו פערדיענען דעם שטיקעל ברויט!...

עס ווילט זיך מיר רייסען די האָאַר פון קאָפּ...

— „מאַמאַ, מאַמאַ!" — הערט ניט אויף צו רעדען מיין קינד...

און זי קומט ניט...

וואָס קען עס זיין?!

עס געהט מיר אוים מיין האַרץ... מיר דאַכט זיך, עס וועט באַלד פערשטאַרבען ווערען פון וועהטאָג און פון אונגעדולד...

וואָרום קומט זי ניט??

איך וועל אויפוועקען די בייבי און וועל לויפען צום שאָפּ... איך קען עס לענגער ניט אויסהאַלטען...

איך וועל דאָ שטאַרבען ביים פענסטער...

איך קען די בייבי ניט וועקען... איך האָב קיין הארץ ניט עס צו טהאָן... זי שלאָפט אזוי געשמאַק... וועה איז מיר, מיין אָרעמע דאָרעלע, וואָס זי האָט זיך נעבעך היינט אָנגעוויינט...

די מאַמע איז דאָך איהר גאַנצער לעבען...

שאַ... דער בריעפטרעגער רופט... אַ בריעף... צו וועמען ?...

יאַ... מיין נאָמען...

צו מיר אַ בריעף... פון וועמען ?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָבער וואָס זאָל איך טהאָן ?

זאָל איך שפּרינגען מיט די קינדער צוזאַמען פון פענסטער...

אוי, וואָס טהו איך ? !... וואָס טהו איך ? !...

קינדערלעך, אָרעמע פייגעלעך מיינע... אייער מאַמע וועט ניט קומען... אַ בריעף האָט זי צוגעשיקט... זי האָט מיך און אייך פערביטען אויף מיין ברודער... אויף אייער ליעבען אָנקעל... זי איז אַנטלאָפען פון אונז...

„ליעבע", שרייבט זי... כאַ ! כאַ ! כאַ ! כאַ ! כאַ ! כאַ !

ביז היינט האָב איך געשפּיגען מיט בלוט... יעצט ווילט זיך מיר לאַכען מיט בלוט... לאַכען... לאַכען, מיט בלוט...

אָבער מיינע קינדערלעך ! !

אוי, מיין קאָפּ ! !

מיינע ענגע שיך

נו, זיינען דאָס געווען שיך!

שוין איינמאָל שיך! ס'דאכט זיך מיר, ביז מען וועט מיר לעגען שערבלעך אויף די אויגען וועלען יענע פּאָר שיך אין מיין זכרון ליעגען.

אין יענע גוטע צייטען בין איך געווען אַן אַפּערייטאָר ביי קאַפּען (היטלעך), און אונזער שאַפּ האָט דאַן מיט אונזער באָס געסטרייקט פאַר העכערע פּרייזעס און מענשליכערע בעהאַנדלונגען, הייסט עס, בין איך אַ סטרייקער געווען!

ווען מען איז אַ פערהייראַטהער מאַן, אַ טאַטע פון צוויי קינדער־לעך זאָלען לעבען, און ווען מען איז אַן ארבייטער, און מען געפינט זיך אַ צייט פון פיינע עטליכע וואָכען אין אַ סטרייק פאַר בעסערע פּרייזען און מענשליכערע בעהאַנדלונגען, דאַרפט איהר פערשטעהען אַז אויפ'ן הארצען איז געווען ניט אַזוי יום־טוב'דיג.

איך דערצעהל אייך דאָס אַנטקעגען דעם, וואָס עס הייסט יונג זיין! דאכט זיך געווען אויף געשמאַקע צרות, פונדעסטוועגען האָט זיך געוואָלט לעבען, פערברענגען און האָבען אַ „גוד־טאַים". און ווען אונזער דווינסקער פעראיין האָט דאַן אַ באַל געהאַט, האָב איך געברענט פון חשק דיעזען באַל בייצוואַווינען!

דאָס הייסט, ווען איך זאָל וועלען דורכאויס מיט אייך דעם ריינעם אמת רעדען דאַרף איך אייך זאָגען, אַז איך בין ניט אַזוי אויסען געווען דעם דווינסקער יעהרליכען באַל, ווי די שעהנע, שוואַרץ־חנ'עוודיגע סערע, וועלכע איך האָב ערוואַרטעט אויף דיעזען באַל צו טרעפען.

אַך, סערע, סערע, ווען נור מיר דערמאָהנט זיך וועגען איהר, טהוט מיר אַ קלאַפּ איבער'ן הארצען!

דער טייוועל זאָל זי טרעפען ווי שעהן זי איז געווען! אַ פּאָר אויגען — מאַמעלעך מיינע! טאַקע אַזוי ווי מען בעשרייבט אין די ראָמאַנען: שוואַרצע בריליאַנטען!... געברענט האָבען זיי אַזוי ווי מיט העלישע פלאַמען, אין סאַמע הארצען אריינגעריסען זיך און דאַרטען אַ וויסטען חורבן געמאַכט, הייננט איהר פּנים! עפּעס אַזאַ זיסע, אַזאַ

מחיה'דיגע, אזא היימליכע שעהנהייט, איהר שעהנע פיגור און איהר זיסער, איהר צוציהענדער בענעהמען זיך! — נו, דאס איז געווען א מיידעל, שוין איין מאל א מיידעל!

עס איז שוין א מעשה פון א וועלבע צעהן יאהר און איך קען זי נאך עד היום ניט פערגעסען, און איך קען מיט אייך אברעדען גאנצע מעת־לעת'ן ווען נור מען דערמאהנט וועגען איהר א ווארט.

מיר האט זיך דאן גע'חלום'ט, אז אט די שעהנע סערע איז צו מיר א ביסעל ניט גלייכגילטיג, און עס האט מיך צו איהר געצויגען אזוי ווי מיט מאגנעטען.

געבליעבען בין איך א נארר, גישט איך אליין נור נאך עטליכע מיטגליעדער פון דעם דווינסקער רעוואלוציאנערען פעראיין האבען וועגען דער זעלבער סערע'ן גוטע האפנונגען געהאט. דער סוף איז געווען, אז די מיידעל האט אונז אלעמען אבגענארט און האט חתונה געהאט עפעס פאר א רייכען סאלון־קיפער מיט א פליכעוואטען קאפ און איך ווייס אפילו ניט וואו די סערע איז יעצט אהינגעקומען...

מילא, געווען א סערע, ניטא מעהר, פערפאלען! אבער דאן בין איך פאר דער מיידעל משוגע געווען, און איך האב געוואוסט, אז אויף דעם דווינסקער באלל וועט סערע זיין איז שוין ביי מיר געווען אבגעמאכט אז איך זאל אויך אויף דעם זעלבען באלל זיין.

איז געקומען דער טאג, ווען דער דווינסקער באלל האט בעדארפט זיין, האב איך זיך מיר געגומען צו דער שמחה גרייטען. אבגעלעגט א ווייסען קראגען, א ווייסע אויבערשטע העמד, אויסגעפוצט די מלבושים און אליין זיך מטריח געווען און די הויזען א פרעס געטהאן, ווען איך האב אבער בעטראכט מיינע שיך, איז מיר פינסטער געווארען אין די אויגען—צוריסען, אויסגעקרימט, אויסגעלאמט, א מיאוסקייט!

עס איז מיר ארויף א געדאנק — נייע שיך קויפען!

איהר פערשטעהט דאך, אז אין סטרייק פאר בעסערע ווייזשעס און מענשליכע בעהאנדלונג איז די לאגע ניט אזא פרעהליכע, פונ־דעסטוועגען האט דאס מיך ניט אבגעהאלטען. איך האב געוואוסט, אז אין הויז זיינען נאך דא עטליכע דאלאר און עס איז ביי מיר געבליבען צו געהען און קויפען נייע שיך. איז אבער ביי מיר א פראגע געווען: וואס טהוט מען אבער מיט דער ווייב?

מיין פרוי האט גאר ניט געוואוסט, אז איך געה אויף א באלל.

זי וואָלט דאָך מיך ווי א משוגענעם אָנגעקוקט... אזעלכע צרות, מען ארבייט ניט, מען סטרייקט און דאָ ליעגען מיר גאָר אין קאָפּ בעלער! דערצעהל איך מיין פרוי, אז איך געה היינט צו א וויכטיגען מיטינג פון די סטרייקערס... שוין, פערענטפערט! אבער וואָס טהוט מען וועגען שיך?

איך בין געווען זיכער, אז מיין חאַנטשע (אזוי האָט געהייסען מיין ווייב) וועט געווים ניט איינשטימען אויף קויפען נייע שיך, און זי וועט מיך שיקען אין קעלער צום שוסטער די אַלטע שיך פיקסען. וואָס טהוט מען? האָב איך גענומען האַנדלען דיפּלאָמאַטיע.

מיין פרוי, מוז איך אייך דערצעהלען, איז א גרויסע בעל־גאוה'ניצע, אָן אמת'ער „האָנער"; פערשטעהט איהר מיך, שטאַמט פון רייכע עלטערן און טאַקע א גרויסער יחוס... איז טאָר קיינמאָל קיינער ניט וויסען ווי אזוי אונזער לאַגע איז... עס זיינען ביי אונז צייטען געווען, ווען אין הויז איז, גאָר פּראָסט גערעדט, קיין ברויט ניט געווען, און א שכן, א פרעמדער האָט געקענט מיינען, אז אונז געהט וואויל ווי די וועלט.... אין שטוב, הינטער פערשפּאַרטע טהירען, פלעגן מיר זיך גוט אויסוויינען אויף דעם שווערען לעבען... אָבער ווי נאָר ארויס אויף דער צווייטער זייט טהיר, האָט זיך שוין בעוויזען א פרעהליך פּנים... כאָטש נעהם און רוף זי צום טאַנצען — אזא מענש איז זי, מיין חנה'קע!

און אז עס איז געוואָרען דער סטרייק און איך האָב אויפגעהערט צו ברענגען ווייד־זשעס, האָט זי דאָך מורא געקראָגען, טאָמער וועט אימי־צער דערשפּירען, אז מיט אונז האַלט עס ניט אזוי פּויגעלדיג, האָט זי אויסגעפּוצט די קינדערלעך אין דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע, און אויף זיך אַליין אויך ארויפגעצויגען דעם יום טוב, אויף מיר אויך גע־נומען השגחה געבען, אז מיינע מלבושים זאָלען חס וחלילה די ריכ־טיגע לאַגע ניט ארויסגעבען, און אפילו שכנים מיינען, אז איך האָב ניט אַנדערש ווי א ירושה בעקומען.

מען האָט גענומען פון דער יוניאָן די סטרייקער „סטרייק בענע־פיט" אויסצאָהלען — דערצעהל איך מיינער וועגען דעם, און זי איז ווי קאַלך בלייך געוואָרען.

— זלמן — זאָגט מיין חנה'קע צו מיר א פערציטערטע — זאָלסט זיך ניט אַטוואַזשען צו צוברעכענעם סענט נעהמען.

— פאר וואס ניט ? — פרעג איך.
— קצבה ? נדבות ? — קוקט זי מיך אן מיט טוידט שרעק.
— דאס איז ניט קיין קצבה, ניט קיין נדבות — ערקלעהר איך.
זי פערשטאפט די אויערען און וויל ניט הערען.
— בעסער פון הונגער שטארבען, איידער אזעלכע געלד — שרייט זי צו מיר מיט א פערשטיקט קול — א סעגט ניט, דו הערסט, איך וועל זיך דאס לעבען נעהמען.
— מילא, ניט, איז ניט ! האב איך געפאלגט מיין ווייב און האב זיך ענטזאגט צו נעהמען סטרייק־בענעפיט אין דער יוניאן. איז מען מיט מיין אבזאגען זיך געווען זעהר צופריעדען.
און ווען עס איז דא געקומען די געשיכטע מיט די שיך, זאג איך צו מיין ווייב :
— דו הערסט, חנה, איך האב מורא, אז אויף היינטיגען מיטינג וועל איך מוזען נעהמען סטרייק־בענעפיט.
— וואס הייסט, דו וועסט מוזען ? — פרעגט מיין חנה׳קע אונ־רוהיג.
— ווייל מען פערשטעהט שוין אין דער יוניאן, אז עס האלט מיט אונז זעהר שמאל — זאג איך זיך אב גאר בנעימות׳דיג.
— פון וואנען פערשטעהט מען ? — ווערט שוין מיין חנה׳קע דערשראקען.
צייג איך איהר מיינע שיך.
— פיקס — זאגט צו מיר חנה׳קע.
— שוין צעהן מאל געפיקסט — ענטפער איך.
— נו, פיקסט מען אן עלפטען מאל...
אויף א ווײלע בלייב איך א פערלארענער, נור באלד קום איך צו זיך און פיהר אן ווייטער מיין פאליטיק.
— דער טשערמאן פון אונזער סטרייק־קאמיטע האט מיר שוין עטליכע מאל געזאגט :
— אייערע שיך בעטען סטרייק־בענעפיט...
ווערט מיין חנה׳קע א פערציטערטע און פרעגט ערשטוינט :
— מען קוקט דען אין דער יוניאן דארט ביי די סטרייקער אויף די פיס... וואס זייט איהר, סאלדאטען ?
— ווען עס ווארפט זיך אין די אויגען, קוקט מען — ענטפער

איך, און איך רעד ווייטער צו מיין ווייב, און מיט מיינע ווערטער מאך איך אויף איהר אזא איינדרוק, עפּעס אזוי ווי ביי אונז אין דער יוניאָן שפּאַרט מען „סטרייק־בענעפיט“ איינפאַך מיט געוואַלד. בקיצור, עס האָט מיר לאַנג ניט גענומען און מיין חנה זאָגט צו מיר:

— געה קויף זיך שיך.

האָב איך דאָך אויסגעפיהרט! נור בשעת מעשה האָט עפּעס מיר מיין חנה׳ס ערלויבען צו קויפען זיך נייע שיך א ריס געטהאָן... א שטאַרקען רחמנות האָב איך דערפיהלט צו מיין אָרעמער, אָרעמער פרוי, מיר האָט זיך אָבגעוואָלט צו געהן אויפ׳ן באַלל פון די דווינס־קער רעוואָלוציאָנערען, מיר האָט זיך אָבגעוואָלט צו קויפען זיך נייע שיך.... דער בעסערער מענש האָט אין מיר אָנגעהויבען צו רעדען און רעדען שטאַרק, רעדען מיט וועהטאָג... נור דער יצר־הרע איז דאָס א גבור... גובר געווען האָט ער מיך דער „ימח־שמוניק“ און באַלד בין איך שוין געזעסען אין א שוה־סטאָר און האָב זיך שוין נייע שיך אָנגעמאָסטען.

נור מעסטענדיג די שיך האָב איך זיך געפיהלט ניט מיט אַלע־מען; פאַר מיינע אויגען איז געשטאַנען מיין פרוי מיט איהר אונ־ענדליך גוטען פּנים, און עס האָט זיך מיר מאָדנע מיין האַרץ צו־וועהטאָגט, דערפאַר וואָס איך האָב זי אזוי געמיין אָבגענאַרט, איך בין געוואָרען זעהר צוטראָגען, איך האָב עפּעס גאָר ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר א וועלט איך געפין זיך און דער פועל יוצא איז געווען, אז איך האָב זיך אָנגעלאָפען א גרויסען אונגליק. דער סטאָר־קיפּער האָט זיך הפנים מיט מיין צוטראָגענהייט בענוצט און מיר אריינגע־האַקט א פּאָאַר צרה׳דיגע איינגע שיך.

איך בין קוים אָבגעגאַנגען א בלאָק פון דעם גוטען אָרט, וואו איך האָב מיין מציאה געהאַנדעלט, האָב איך שוין דערפיהלט מיין גרויסען בראָך.

— אי, וועה, ווי עס קוועטשט אין די פיס־פינגער!

איך געה מיר אָב נאָך א בלאָק...

שלעכט! עס קוועטשט אזוי, אז די האַרץ דערגעהט פאַר וועה־טאָג. פּאַסירט האָט דאָס אזוי אַרום חנוכה־צייט, דער וועטער איז געווען אזא צרה׳דיגער, אין דרויסען איז געווען שטאַרק בלאָטיג. איך האָב געוועון א טראַכט געטהאָן לויפען צוריק אין שוה־סטאָר פּרובירען

בעטען אנדערע שיך, זיינען מיינע שיך געווען שוין אזוי פערבלאַ־טיגט, אז איך האָב גלייך איינגעזעהען, אז מיין ארבייט וועט זיין אָן אומזיסטע. איך האָב בעדארפט אריינגעהן אין אייניגע ערטער און עס איז מיר אויסגעקומען צו געהן א גאנץ ווייטען מהלך, געה איך זיך פּאַמעלעך בדרך, און איך האָף אַלץ טאָמער וועלען זיך די שיך „איינ־געהן“ און עס וועט ניט אזוי קוועטשען, אָבער א נעבטיגער טאָג! וואָס לענגער איך בין געגאנגען, האָבען מיינע איינגע שיך אַלץ טיע־פער אין מיינע פיס־פינגער איינגעשניטען זיך. אוי, ביטער, איך פיהל דעב טעם פון טוידט!

ווען איך בין אין הויז אריינגעקומען, האָבען מיר שוין מיינע אָרע־מע פיס ווי אין גליהענדע פונקען געברענט.

— נו, געקויפט זיך נייע שיך? — קומט מיר מיין חנה אנט־קעגען.

— געקויפט! — ענטפער איך.

— עס איז אפילו א ריס אין הארצען — מאכט צו מיר מיין ווייב

— נור, אז שוין געקויפט, טאָ טראָג געזונדערהייט!

— א דאנק — זאָג איך און גיב זיך מיר א זעץ אויף א שטוהל ווי אָן אונטערגעהאקטער.

— וואָס איז? — קוקט מיך אָן מיין חנה — וואָס ביזטו יעצט ניט צופריעדען? האָסט דאָך שוין נייע שיך!

— ווער זאָגט דיר, אז איך בין ניט צופריעדען? — פערלייקען איך מיינע ריכטיגע געפיהלען.

— וואָס דען איז דער פנים ביי דיר אזוי אויסגעקרימט?

— וואָס? ווען? עס חלום׳ט זיך דיר עפּעס — פערלייקען איך מיינע גרויסע צרות!

נו, וואָס דען? איך וועל איהר געהן דערצעהלען מעשות? זי וואָלט זיך אודאי דאָס לעבען גענומען.

שווייג איך וועגען מיין בראָך, אָבער די אָנגעריבענע פינגער ברענען דאָך... טהו איך זיך יעדער ווייל וווילנעדיג, ניט ווילענדיג א כאַפּ פאַר די פיס...

ווערט מיין חנה׳ען מיין אויפפיהרען זיך א ביסעל קשה׳דיג און זי פרעגט מיר שטארק דערשראָקען:

— צו זיינען דיר דיינע נייע שיך ניט איינג?

און איך זעה, אז די אידענע איז שוין האלב־טוידט פאר שרעק.

— וואס רעדסטו, חנה? נאר איינג? וואס הייסט איינג? — טרייסעל איך זיך אב פון מיין ווייב׳ס בעהויפטונג.

—וואס־זשע זיצסטו אזוי ווי א קריפעל?

— נו, וואס דען? איך זאל זיך לייגען? — מאך איך כלומר׳שט א וויטץ.

— און וואס האלטסטו זיך עפעס מיט די פיס?

— איך טאפ די „לעדער“ פון די נייע שיך — לאך איך מיט יאשצערקעס.

— און ווארום געהסטו ניט צו דיין מיטינג?

— שור, איך געה גלייך!

איך האב זיך אויפגעהויבען... עטליכע טריט געגעבען.

אוי, וועה! עס רייבט די פיס־פינגער אזוי ווי מיט אנגעברענטע רייב־אייזענס.

איך „פערשטשעמע“ מיט די צייהנער פאר וועהטאג, נור איך געה צום טיהר — א ברירה האב איך?

— א גוטע נאכט — זאגט צו מיר חנה׳קע!

— א גוטע נאכט!

און איך האב פערמאכט די טיהר הינטער זיך.

ווייסט איהר דאך שוין, אז געפלאנעוועט האב איך צו געהן אויף דעם דווינסקער יעהרליכען באלל און דארטען צו טרעפען זיך מיט דער שעהנער סערעלע׳ן, נור מיינע ענגע שיך האבען מיר מיינע אלע גוטע פלענער צושטערט!

דער הויפט־געדאנק, אז דארט אויפ׳ן באלל וועל איך ניט האבען קיין געלעגענהייט צו זיצען רוהיג אויף אן ארט און מיר וועט פיעל־לייכט אויסקומען טאקע מיט סערען ארוממארשירען הין און צוריק איבער דעם לאנגען, לאנגען האלל — דיעזער געדאנק האט מיך פשוט געמאכט צום ציטערען.

„היינט טאמער איז דער באלל אן ערפאלג“ — האב איך ביי זיך געטראכט — „וועט דאך זיין אן איינגעשאפט, א שטופעניש און מסתמא וועט מען מיר יעדע ווילע ארויפטרעטען אויף מיינע צו־קאליעטשעטע פינגער!“

און ווען איך האב אזוי געטראכט, האט מיר גענומען פשוט

גרוילען. ווייטער איז עפעס טאקע אויפ'ן הארצען געוואָרען זעהר נים פויגעלדיג דערפאר וואָס מען האָט מיך אין שוה־סטאָר אזוי שענדליך אָבגענארט, ווייטער האָט גענומען פעררריסען אויף דער גאנ־צער געשיכטע: „צו וואָס האָב איך טאקי בעדארפט קויפען נייע שיך? אזא ביטערע, אזא פינסטערע לאנגע! חנה שפּאָרט פון זיך דעם טרוקענעם שטיקעל ברויט, די קינדערלעך געהען ארום אין פערלאָ־טעטע שיכלעך און איך פראנטעווע נאך."

האָט דאָס הארץ גענומען שטארק וועה־טהאָן... און דאָ גיב איך נור א טראכט ווערען ד יסורים, די וועהטאָגען אלץ גרעסער און גרע־סער, איך קען זיך נים פאָרשטעלען קיין גרעסערען פערגעניגען אויף דער וועלט ווי ארונטערצוואוארפען פון זיך מיינע צרה'דיגע שיך אָדער אם ווענינסטען אוועקזעצען זיך אויף איין אָרט און זיצען ווי א פּאראליזירטער, און דאָס ווייס איך, אז אין לאָקאל, וואו עס „מי־טען" אונזערע סטרייקער, וועל איך אם ווענינסטען קענען זיצען אויף איין אָרט — בין איך טאקע אוועק צו די סטרייקער.

נור ביז וואנען איך בין דערגאנגען צום לאָקאל, וואו אונזערע סטרייקער האלטען אָב זייערע מיטינגען, בין איך באלד געוואָרען א פּארבייאיגער!

דרויסען האָט גערעגענט. מיינע נייע שיך האָבען זיך אָנגע־זאפּט מיט פייכטקייט און דער נאסער לעדער האָט זיך נאך מעהר איינגעצויגען און אין די פים איינגעגעסען. מיר האָט זיך גערדאכט, אז אָט־אָט חלש איך פאר וועהטאג, און קרעכצענדיג ווי א מסוכן'ער חולה, בין איך אין אונזער לאָקאל אריינגעפאלען.

איך האָב זיך ביי דער רעכטער טהיר, אויף דעם ערשטען לעערען סיט א זעץ געטהאָן ווי א פער'חלש'טער!

ווען איך בין צו זיך געקומען, האָב איך דערהערט ווי דער טשער־מאָן קלייבט אוים סטרייקער צו „פיקעטען" היינטיגע נאכט אונזער שאפּ.

— ברודער וואָליק — רופט אוים דער טשערמאן — אייך אפּאינטע איך היינט פאר א פיקעט!

הויבט זיך אויף דער ברודער וואָליק און ענטפערט:

— ברודער טשערמאָן און מיינע ווערטהע ברידער! אייך אלע־מען איז בעוואוסט, אז איך בין א טהעטיגער סטרייקער און פון פיקע־

מען האָב איך זיך קיינמאָל ניט אָבגעזאָגט, און אז מען דארף געבען א קלאַפּ א סקעב אָדער קריגען א קלאַפּ, בין איך אויך דאָ צו יעדער צייט אויפ'ן אָרט... נור היינט בעט איך, מען זאָל מיך פון פּיקעטען אָבלאָזען.

— וואָס איז דער מעהר מיט אייך היינט ? — האָט דער טשער־מאַן געפרעגט — מה נשתנה הלילה הזה ?

— איהר זעהט דאָך דאָס וועטער דרויסען — ענטפערט אויף דעם ברודער וואַליק — און יעצט זייט מוחל, זעהט מיינע שיך.

און וואַליק הויבט אויף איין פוס און א צווייטע און צייגט זיינע צוריסענע, צופלאַטערטע שיך, פון וועלכע עס סטאַרטשען ארויס די פיס־פינגער, און ער רעדט ווייטער כמעט מיט טרעהרען אין די אויגען:

— איך וועל דאָך קראַנק ווערען, מיינע עופה'לעך וועלען דאָך יתומים בלייבען !

— ברודער האַלץ ! — שרייט אוים דער טשערמאַן — איך אַפּאַינטע אייך אַלס פּיקעט....

רעדט ניט אוים דער ברודער האַלץ קיין איין איינציג וואָרט, הויבט זיך אויף, הויבט אויף איין פוס, נאָכהער די צווייטע און זאָגט, אז זיינע שיך זיינען ניט בעסער אָב פון דעם ברודער וואַליק'ס שיך.

— ווער עס האָט דאָ גאַנצע שיך, זאָל זיך מעלדען — האָט דער טשערמאַן אויסגערופען.

„וואָס טהוט מען ? אני הגבר, איך האָב דאָך נייע שיך !" — האָט מיר א קלאַפּ געטהאָן אין הארצען — „וואָס טהוט מען דאָ ?"

און דאָ האָבען זיך אַלע סטרייקער ווי איין מאַן אויפגעהויבען און אַלע האָבען אָנגעהויבען צייגען צוריסענע, צולאַטעטע שיך ; און דער ברודער טשערמאַן זעלבסט איז אויך ניט פויל געווען, הויבט אויף די פיס און צייגט, אז ער איז נישט אים שטאַנד צו זיין א פּיקעט. פון אַלע סטרייקערס זיינען געבליבען זיצען נור צוויי ברידער : איך מיט מיינע צרה'דיגע, איינגע, אָבער דאָך גאַנצע שיך, און נאָך איי־נער, א סטרייקער, מיט דעם נאָמען זינדעל.

דער נסיון צו דארפען זיין א פּיקעט און א גאַנצע נאַכט זיין דרויסען אין מיינע ענגע שיך מיט מיינע צוקאַליעטשעטע פיס, האָט מיך געמאַכט צו שוידערען, און איך האָב אין טוידט־שרעק גענומען

פערדרוקען הינטער'ן באנק מיינע פיס, אז עס זאָלען זיך ניט אַרויס־זעהן מיינע נייע שיך.

און עס האָט זיך אויפגעהויבען דער ברודער זינדעל און נעהמט דאָס וואָרט:

— ברודער טשערמאַן און ברידער סטרייקער! עס איז אמת, אז איך בין ערשט נעכטען געווען א פּיקעט, און עס איז נישט מיין רייהע צו זיין א פּיקעט, אָבער שיך האָב איך ד אָ ך גאַנצע, ערשט אייער־נעכטען געליינט „סאָלם און הילדס“, דעריבער נעהם איך אויף זיך דעם דזשאָב צו געהן פּיקעטען.

— בראַוואָ! בראַוואָ! — האָבען אַלע סטרייקערס אויסגערופען בעגייסטערט אויף ברודער זינדעל'ס אָפּפערוויליגקייט.

— אָבער ברודער טשערמאַן און מיינע ברידער — האָט זינדעל ווייטער גערעדט — איהר וועט דאָך ניט פאָדערען, איך זאָל איינער אַליין געהן פּיקעטען דעם שאָפּ, גיט מיר כאָטש נאָך איין ברודער!

איך האָב שוין געזעהן, אז הפּנים מיר איז דורכאויס בעשערט, אז מיינע אונגליקליכע שיך זאָלען מיר מיין לעבען דערענדיגען, און איך בין געזעסען, ווי א בעגראָבענער, מעהר טוידט ווי לעבעדיג. אין מיינע מחשבות זיינען דורכגעלאָפען מיינע אַלטע, צולאַטעטע, צורי־סענע שיך, און איך האָב צו זיי דערפיהלט אזא מין ליעבע, אזא מין בענקעניש, עפּעס אזוי ווי זיי וואָלטען מיר צוויי לעבעדיגע געטרייע קינדערלעך געווען!

מיין בעהאַלטען די פיס האָט מיר ניט געהאָלפען; מען האָט מיך ענטדעקט; מען האָט מיינע נייע שיך דערזעהן!

מיין פינסטערער מזל איז פערזיעגעלט געווען, איך האָב געמוזט די נאַכט פּיקעטען געהן!

אומזיסט האָב איך גע'טענה'עט, אז די שיך זיינען מיר ענג, אז איך קען ניט א טרעט טהאָן.

די סטרייקערס האָבען מיך אויסגעלאַכט, און אזא תירוץ ווי ענגע שיך האָט פאַר קיין פאַל ניט געקענט גילטען.

איך האָב געפּרובירט זאָגען, אז מיין ווייב וועט ניט וויסען וואָס איבערצוטראַכטען, ווען איך וועל א נאַכט אהיים ניט קומען. האָט א סטרייקער זיך אונטערגענומען צו געהן צו מיר אהיים און זאָגען

מיין ווייב, אז מען האָט מיר אויסגעקליבען אַלס פּיקעט אויף היינטי־גער נאַכט.

פּאַרפּאַלען! איך האָב זיך ניט געקענט ראַטעווען.

— געהט, ברידער, פּיקעטען — האָט דער טשערמאַן געגעבען דעם אָרדער.

— קומט, ברודער — האָט צו מיר זינדעל אַ וואונק געטהאָן.

איך האָב זיך אויפגעהויבען, גענומען געהן צו דער טיהר און מיינע איינגע שיך האָבען גענומען טהאָן זייער מערדערליכע אַרבייט.

— איהר הערט, ברידער פּיקעטס — האָט דער טשערמאַן אונז געגעבען די לעצטע „אינסטראַקשאַנס“ — וויסען זאָלט איהר, אַז דעם שאָפּ בעוואַכען פּאָליסלייט, און איהר האָט אַ גוטען טשאַנס צו זיין אַרעסטירט אָדער צו קריגען מיט אַ קלאָב איבער'ן קאָפּ, זאָלט איהר נור אַכטונג געבען, קיין איין סעקונדע ניט שטעהן אויף איין אָרט. קוים שטעלט איהר זיך אָב, קען אייך אַ פּאָליסמאַן אַבהאַלטען. איהר זאָלט די גאַנצע צייט האַלטען אין איין ארומגעהן, וועט אייך קיין שלעכטס ניט געשעהן...

און ווען איך האָב דערהערט די דאָזיגע גוטע ווערטער, אַז איך וועל מוזען די גאַנצע נאַכט ארומגעהן, האָט זיך מיר געדאַכט, ווי אַ קאַלטער שוויים קומט מיר ארוים איבער מיין גאַנצען לייב.

יעצט האָט שוין מיך נאַטירליך פערדראָסען ווארום איך בין ניט נעגאַנגען אויפ'ן באָל צו די דווינסקער. געשאָלטען, געפלוכט האָב איך מיינע אונגליקליכע נייע שיך. אָבער וואָס וויסען שיך פון קללות? זיי האָבען זיך כסדר געטהאָן זייער מלאכה: געקוועטשט מיינע אָרימע פּיס־פינגער, געקוועטשט ביז בלוט!

ווי אַזוי איך האָב די דאָזיגע נאַכט איבערגעלעבט, קען איך זיך עד היום ניט ערקלעהרען. אָט הפנים עס איז טאַקע אמת, וואָס מען זאָגט, אַז ווען אַ מענש איז יונג, האָט ער אין זיך טויזענד לעבענס!

מיט'ן טאָג, ווען איך בין אַהיים געקומען, האָב איך זיך גלייך אין בעט אריינגעוואָרפען אַזוי ווי איך שטעה און געה, אין די נאַסע קליידער און אין די גיהנום־שיך, און אַזוי בין איך געבליבען ליגען אַ האַלב־טויטער.

מיין חנה איז צו מיר צוגעלאָפען אַ צושראָקענע, אַ פערצווי־טערטע.

— וועה איז מיר, זלמן, וואָס איז מיט דיר ? !

איך קרעכץ, נור ענטפערען ענטפער איך גאָר ניט.

חנה האָט מיך גענומען פאַרנאַנדערטהאָן.... איך האַלט אין איין קרעכצען, נור וואו מיינע וועהטאָגען זיינען, וויל איך אַלץ ניט דער־צעהלען.

האָט מיין חנה'קע גענומען אַרונטערשלעפּען פון מיר מיינע נייע שיך, האָב איך דערפיהלט אזעלכע מין גיהנום־יסורים, אז איך האָב זיך שוין מעהר ניט געקאָנט קאָנטראָלירען און איך האָב געמאַכט אזעלכע געוואַלדען, אז שכנים זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען.

מען האָט מיר מיינע גוטע שיך ענדליך אויסגעטהאָן און מיין חנה האָט דערזעהן מיינע פערשוואָלענע, פערדראָלענע, צוקאַליעטשע־טע פיס־פינגער, האָט זי שוין פערשטאַנען מיין אונגליק. און די אָרעמע פרוי האָט נור געוואָלט נעהמען מיינע נייע שיך און זיי פער־ברענען.

איהר פרעגט, מיט וואָס די געשיכטע האָט זיך געענדיגט : גאָר־נישט !

איך האָב צוריק אָנגעטהאָן מיינע אַלטע שיך און איך בין גאָר א נייער מענש געוואָרען.

מיינע איינגע שיך האָב איך פערהאַנדעלט פאַר א העלפט פּרייז צו מיינעם א שאָפּ־ברודער, וועלכער איז געווען זעהר א קליין־געוויק־סיגער און געטראָגען שיך מיט צוויי סייזעס קלענער ווי עס איז גע־ווען די סייז פון מיינע איינגע שיך.

האָבען מיינע שיך אָבער אין זיך געהאַט עפּעס אזא מין שווארצע גבורה, אז אפילו מיין קליין־געוויקסיגער שאָפּ־ברודער האָט אויך גע־שריען, אז עס קוועטשט איהם אין די פיס־פינגער.

נור דאָס איז שוין ניט מיין דאגה... א צוויטען מעג קוועטשען !

נו, זיינען דאָס געווען א פּאָאַר שיך ! ביז'ן קבר וועל איך זיי ניט פערגעסען !

מר. פוטערמאַנ'ס בריעף

פוטערמאַן איז אַ מענש, וועלכער בעקומט אַפט בריעף. כמעט יעדען טאָג, ווען נור ער קומט פון זיין טעגליכער בעשעפטיגונג און שליסט אויף זיין לעטער־באקס, איז דאַ „מייל" פאר איהם.

פון וועמען בעקומט פוטערמאַן אזוי אַפט בריעף?

פון פערשיעדענע ערטער, פון פערשיעדענע פערזאָנען.

פוטרמאַן איז אַ מענש, וועלכער האָט זעהר ליעב צו קאָררעס־פאָנדירען מיט דער וועלט. וואו נור מען פערלאַנגט אַן אדרעס, איז פוטערמאַן דער ערשטער, וועלכער שיקט ארויס זיין אדרעס; וואו נור עס ערשיינט אַן אדווערטייזמענט וועגען עפּעס אַ נייעם ארטיקעל, און מען באַט דערביי אַן ארויסצושיקען אַ פרייען סעמפּעל פון דעם אד־ווערטייזטען ארטיקעל צו יעדען איינעם, ווען ער וועט נור צושיקען אַן אדרעס — זיצט שוין פוטערמאַן ביי זיין דעסק און קאָררעספּאָנדירט... ווייטער האָט ער גלאַט ליעב דער וועלט פראַגעס צו שטעלען... דאָס פאַלט איהם איין אַנצופרעגען זיך אין וואשינגטאָנער ווהייט־הויז, אויב אַ איד מעג לויפען פאר פרעזידענט; ביי איהם איז רעכט אוועק־צושיקען ראקעפעללער'ן אַ פראגע וועגען געוויסע איינענשאַפטען פון איל. דער מענש האָט שוין געפּרובירט שרייבען בריעף אין קיטאַי צום אמעריקאַנעם קאָנסול, צום רוסישען פינאַנץ מיניסטער וועגען אַ געוויסען פינאַנציעלען פלאַנטער, צו איבסען'ען (ווען דער דראַמאַ־טורג האָט נאָך געלעבט) וועגען דער מיינונג פון זיינער אַ געוויסער דראַמאַ.

ווייטער איז פוטערמאַן אַ פרויען־פריינד; ער האָט זעהר ליעב די נעזעלשאַפט פון דעם שעהנעם געשלעכט. ער האָט פערשיעדענע פערבינדונגען מיט פערשיעדנע פרויען און בעקומט פון דיעזע פרויען אַפטע בריעף.

פוטערמאַן איז אַ פערהייראַטהער מאַן און האָט אַ פרוי אַ גאַנץ לייטישע ווייבעל, נור איין חסרון האָט די פרוי זיינע — זי איז צו איהר מאַן אייפערזיכטיג, און איהר אייפערזוכט דערגרייכט מאַנכעס מאָל ביז וואהנזין.

פוטערמאַן'ס פרוי, אַדער אַדעלע, ווי זי הייסט מיט איהר נאָמען, האָט איהר מאַן גאַנץ ליעב, אָבער איבער איהר אייפערזוכט איז זי אָפט צו איהר מאַן גרויזאַם ווי אַ בייזע, ווילדע חיה.

אַלע בריעף, וועלכע פוטערמאַן בעקומט, מוז ער אונבעדינגט געבען זיין פרוי איבערצוקוקען, און אַז אָך און וועה איז צו פוטערמאַן'ען, ווען זיין פרוי קריעגט נור אַ פערדאַכט, אַז ער פערלייקענט פון איהר אַ בריעף — איבער אַזאַ פערדאַכט איז מעגליך, אַז ביי די פוטערמאַן'ס זאָל ארויסקומען דער גרעסטער פאַמיליען־סקאַנדאַל.

און וועגען די בריעף, וועלכע דער מאַן פערלייקענט שוין ניט און גיט זיי איבערקוקען זיין פרוי, איז אויך ניט אַלעס אָלל־רייט, וועגען אַזעלכע בריעף ווי די אַנטוואָרטען פון „וואהייט הויז", אָדער פון דעם קאָנסול אין קיטאַי, אָדער די קאָררעספּאָנדענץ מיט פערשיעדענע אַדוועטייזינג פירמעס — וועגען דיעזע בריעף קימערט זיך אַדעלע זעהר ווייניג — גרויסע צרות איז מיט די בריעף פון פוטערמאַן'ס בעקאַנטע פרויען.... דאָ איז אַדעלע'ס צענזורע זעהר שטרענג... און ווען עס מאַכט זיך, אַז איין אַ וועלכען עס איז בריעף דריקט זיך אויס איינע פון פוטערמאַן'ס בעקאַנטע אַ ביסעל צו פריינדליך, טהוט זיך אָפּ חושך! און דער אָרימער פוטערמאַן אַרבייט מיט דער גאַל ביז עס גיט זיך איהם איין צו איבערציינען זיין פרוי אין דער פאָלקאָמענער אונשולד פון דעם בעטרעפענדען בריעף.

איין מאָל האָט פוטערמאַן אַ געוויסע צייט קיין בריעף ניט בעקומען.... אָבער אַלץ הייסט ניט בעקומען! טאַקע גאָר נישט, איין בריעף ניט, עפּעס אַזוי ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך צוזאַמענגערעדט צו איגנאָרירען פוטערמאַן'ען און ניט צו שיקען איהם קיין איין בריוועלע...

יעדען טאָג קומט פוטערמאַן פון זיין אַרבייט.... לויפט צו צום לעטער־באַקס, שליסט אויף די טיהרעלע... גאָר נישט! פּוסט!

דער מענש האָט זיך גענומען פיהלען עלענד און פערלאָזען און ער איז באַלד משוגע געוואָרען פון בענקען נאָך אַ בריעף.

ווען די טעג האָבען זיך אָוועקגעצויגען און פוטערמאַן האָט אַימער קיין בריעף ערהאַלטען, האָט ער גענומען שטאַרק חושד זיין זיין פרוי: איהם האָט גענומען פלאַגען אַ פערדאַכט, אַז אַדעלע האָט גענקראָגען אַ בעזונדער שליסעל צום לעטער־באַקס און אַז זי נעהמט ארויס אַלע זיינע בריעף.

„ווער קען וויסען וואס'ערע בריעף זי גנב'עט ארויס" — פלעגט פוטערמאן טראכטען און ער האט זיך גענומען פיהלען זעהר אונרוהיג, זעהר נישט זיכער פאר זיין שיקזאל... עס האט זיך איהם גענומען דאכטען, אז זיין פרוי דערוויסט זיך וועגען זאכען, וועגען וועלכע זי טאר ניט וויסען... און ער האט גענומען שרעקען זיך פאר זיין אדעלע'ס א בליק.... צו דער זעלבער צייט האט דער פערדאכט, אז זיין פרוי גנב'עט ארויס אלע זיינע בריעף, דעם מאן איינפאך ווילד געמאכט, און ער איז מאנכעס מאל געווען פארטיג זיין אדעלע'ן אויף שטיקער צורייסען.

ארויסגעהן אבער מיט זיין פערדאכט האט פוטערמאן ניט געוואגט; האט ער אלץ געזוכט פלענער ווי אזוי זיין פרוי צו כאפען אין איהר פערברעכען, און איהם איז ארויף אויף די געדאנקען אזא מין פלאן:

ער וועט אליין, מיט זיינע אייגענע הענד, „מיילען" א בריעף אויף זיין אייגענער אדרעס... דא וועט ער שוין זיכער זיין, אז דער בריעף מוז ערהאלטען ווערען און ער וועט זעהן, וואס דא וועט זיך אבטהאן.... געטראכט און געטהאן.

האט פוטערמאן גענומען א קאנווערט, אנגעשטאפט מיט א שטיק ליידיגען פאפיער, אנגעשריעבען אויפ'ן קאנווערט זיין אייגענעם אדרעס און דיעזען בריעף אין א מייל-באקס אריינגעווארפען...

פוטערמאן איז געווען ניט דער איינציגער, וואס האט געליטען פון דעם, וואס ער האט קיינע בריעף ניט ערהאלטען. זיין פרוי איז פון דער געשיכטע אויך ארומגעגאנגען אהן א קאפ, און אין דער זעלבער צייט, וואס דער מאן האט זיין פרוי פערדעכטיגט אין גנב'ענען זיינע בריעף, האט די פרוי פערדעכטיגט, אז איהר מאן האט אויסגעפונען עפעס א וועג ווי אזוי זיינע בריעף אוועקצו'גנב'ענען פון איהר, און אדעלע'ס הארץ איז געווען פערקלעמט פון האס און כעס צו איהר מאן די גאנצע צייט, וואס קיין בריעף זיינען ניט געווען...

— זאג נור, מיין מאנעלע — פלעגט אדעלע טאג אין טאג טענה'ן צו איהר מאן — וואס איז דער מעהר וואס דו בעקומסט עפעס גאר קיין בריעף ניט?

און דאביי פלעגט די פרוי דורכנעהמען איהר מאן דורך און דורך מיט זעהר א שארפען בליק, עפעס אזוי ווי וועלענדיג אריינקוקען טיעף אין זיין נשמה אריין און אויסגעפינען, וואס ביי איהם טהוט זיך דארט.

„זי רייצט זיך נאָך מיט מיר“ — פלעגט פוטערמאַן א טראַכט טהאָן... און פאַר כעס פלעגט ער זיין פאַרטיג ארויפצואוואַרפען זיך אויף זיין פרוי און נעהמען זי שטיקען.... אָבער גלייך פלעגט ער א טראַכט טהאָן: „ווער ווייס וואָס פאַר א בריעף זי בעקומט? ווער קען דאָס וויסען, וואָס זי האָט געגען מיר אויסגעפונען?“ און אזוי טראַכטענדיג פלעגט ער פערלירען זיין גאַנצען מוטה און ער פלעגט שטיל און אָבהענגיג ענטפערען:

— איך ווייס ניט. וואָס זאָל איך וויסען?

ווען אדעלע פלעגט הערען אזא מין אונשולדיגען ענטפער, פלעגט זי ביי זיך טראַכטען: „ווי ער מאַכט זיך דאָס צום נאַר“, און זי פלעגט פיהלען צו איהר מאַן אַן אונבעגרענצטען האָס.

דעם בריעף, וועלכען פוטערמאַן האָט צו זיך זעלבסט אדרעסירט, האָט ער אויף מאָרגען אבענד, ווען ער איז פון דער ארבייט געקומען, אין זיין לעטער־באָקס געפונען.

גלייך אויפ׳ן אָרט איז דעם מאַן פרייער געוואָרען אויפ׳ן הארצען: זיינע שווערע געפיהלען צו זיין פרוי זיינען בעדייטענד מילדער געוואָרען, און ווען ער איז אין הויז אריין, האָט ער זיין אדעלע׳ן בעגריסט זעהר פריינדליך.

מחמת אדעלע איז די לעצטע צייט געווען זעהר פערדעכטיגט אויף איהר מאַן פלעגט זי צעהן מאָל אין טאָג אריינקוקען אין לעטער־באָקס, און ווען זי האָט דיעזען מאָל בעמערקט דעם בעטרעפענדען בריעף, האָט זי ביי זיך א טראַכט געטהאָן:

„מיין מאַן האָט הפנים פערגעסען אימיצען צו לאָזען וויסען וועגען זיין נייעם אדרעס“. און ווען פוטערמאַן איז דיעזען אבענד אין הויז אריין, האָט אדעלע גלייך געוואָלט ארויסזאָגען וועגען איהר פערדאַכט און טאַקע גלייך א פרעג געטהאָן וועגען דעם בריעף, נור ווען דער מאַן האָט זי אזוי פריינדליך בעגריסט, איז איהר די זאַך געוואָרען זעהר קשה׳דיג און זי האָט דערוויילע געמאַכט א שווייג וועגען דעם בריעף, טראַכטענדיג דערביי: אַט לאָמיר אָקאָרשט זעהן אויב ער וועט וועגען דעם בריעף גאָר אין גאַנצען דערמאָהנען...

מען האָט ביי די פוטערמאַנס אָבגעגעסען סאַפּער; עס האָט שוין געהאַלטען ביי שלאָפען געהן.... פוטערמאַן האָט זיך דיעזען אבענד פערהאַלטען צו זיין פרוי זעהר גוט... אָבער וואָס פריינדליכער זיינע פער־

ועלטניסע זיינען געווען, דעסטא מעהר און מעהר איז געוואקסען
זדעלע'ס פערדאכט, אז דער בריעף איז עפּעס נישט קיין גלאטער......
ענדליך האט איהר געדולד געפּלאצט און זי האט א פרעג געטהאן:

— איך האב געזעהן ווי דער לעטער־קעררינער האט פאר דיר א
בריעף אוועקגעלייגט.... עפּעס א וויכטיגער בריעף?

אינסטינקטיוו האט זיך פוטערמאן דערשראקען און אויף א פּאר
סעקונדען געבליבען אהן ווערטער.... באלד איז ער צו זיך געקומען און
ער האט זיין פרוי דערצעהלט דעם גאנצען אמת...

אדעלע האט אבער נישט געגלויבט איהר מאן קיין איין איינציגען
ווארט פון דעם, וואס ער האט דערצעהלט און ווען איהר אויפגערעגטער
מאן האט ארויסגעכאפּט דעם קאנווערט און גענומען קאכען זיך:

— זעה, קוק... אט איז דאך מיין האנדשריפט... אט איז דער לייד
דיגער פייפער, וועלכען איך האב אין קאנווערט אריינגעלייגט...

האט אדעלע צולאכט זיך איהר מאן אין פּנים טריין, און זי האט
געענטפערט מיט א פערשטיקטען קול:

— מיסטער, איך בין גאר נישט אזא פול, וואס דו זוכסט
פאר מיר אזעלכע אידיאטישע תירוצים...

— אבער קוק... אט איז דאך מיין אייגען האנדשריפט — האט
פוטערמאן געשפּארט דעם קאנווערט זיין פרוי אין די אויגען אריין....

אדעלע איז ווילד געווארען... זי האט א כאפּ געטהאן דעם קאנ־
ווערט און אריינגעשליידערט אין קוימען, אין וועלכען עס האט פייער
געברענט....

און זינד די צוויי זיינען פערהייראטה געווען האט צווישען זיי
ניט פּאסירט אזא סקאנדאל, ווי עס איז פארגעקומען דעם זעלבען
אבענד...

וואָרום דער שוחט האָט אויפגעהערט צו שעכטען

ביי רפאל דעם שוחט איז נור איין קינד געווען—א שעהן, ציכטיג דריי יעהריגער אינגעלע, און דער אינגעלע איז שטאַרק קראַנק גע־וואָרען.

רפאל איז דאַן אָנגעשטעלט געווען אלס שוחט אין די קעטסקילס, אין עטליכע אידישע באָרדינג־הייזער. עס איז געווען אין סאמע מיטען סיזאָן, ווען די באָרדינג־הייזער זיינען מיט זומער־באָרדערס פערפלייצט געווען; עס האָט זיך פערלאַנגט א סך עופות צו שעכטען, און דער שוחט איז ביזי געווען נאכט אזוי ווי טאָג, האָט דער פאָטער גאָר קיין צייט ניט געהאט צוצוקוקען זיך ווי זיין זים אינגעלע פיהלט זיך...

דער שוחט איז אַן אַלמן געווען. דאָס קינד האָט קיין מוטער ניט געהאט און האָט זיך געהאָדעוועט אין איינע פון די באָרדינג־הייזער, וואו דער טאַטע איז שוחט געווען... איז קיינעם איז קאָפּ נישט געלעגען צוצוקוקען זיך ווי דאָס אָרעם קינד פיהלט זיך...

און דער אינגעלע איז זעהר הייזעריג געוואָרען, געקראָגען גרויס היטץ און איין נאכט האָט דאָס קינד גענומען פערשטיקט ווערען...

דער שוחט איז א פערציטערטער געוואָרען.... זעהר טהייער איז איהם געווען זיין איינציג קינד... זיין שעהן יונג יתום׳ל....

דער אונגליקליכער פאָטער האָט געוואָלדען געמאכט:

— האָט רחמנות, ראטעוועט מיין קינד!

א רייטער איז געלאָפּען אין דער נאָהענטסטער שטעדטעל נאָך א דאָקטאָר.

און ווען דער דאָקטאָר איז געקומען, האָט שוין דאָס עופה׳לע גע׳גוסס׳ט....

— פערלאָזענע קרופּ — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — פאַר־פאַלען!

— ראטעוועט — האָט דער פאָטער געיאָמערט און דעם דאָקטאָר די הענד געקושט...

— עס איז דאָ נור איין מיטעל — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — ס׳איז א שרעקליכער מיטעל....

— וואָס ? — האָט דער פאָטער געפרעגט.

— די מינוט איבער דעם קינד אַן אָפּערײשאַן מאַכען.

— וואָס פאַן אַן אָפּערײשאַן ? — האָט דער אונגליקליכער פאָ־טער פערצימערט געפרעגט.

— אויפשניידען די ווינד־פּײפּ... פּראָבירען אַ פּײפּ אַריינלייגען.

— שעכטען מיין קינד — האָט דער שוחט אַ מורמעל געטהאָן און איז ווייס געוואָרען ווי אַ טויטער...

— דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס מען קען טהאָן ! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט זעהר ערנסט, זעהר טרויעריג...

און דער שוחט האָט געזעהן ווי דער דאָקטאָר שעכט זיין קינד... זיין זיס יתום'ל....

צו שפּעט... דאָס קינד איז אונטער'ן מעסער געשטאָרבען.

* * *

ווען דער שוחט האָט שבעה אָבגעזעסען, האָט ער געמוזט ווידער צו דער ארבייט געהן — שעכטען !

ווען דער שוחט האָט דעם חלף אין האַנד גענומען, האָט זיין האַנד גענומען ציטערען.... פאַר זיינע אויגען האָט דעם דאָקטאָר'ס מעסער געשוועבט, דער מעסער, מיט וועלכען מען האָט זיין קינד די שרעקליכע אָפּעראַציע געמאַכט....

ווען דער שוחט האָט מיט דעם חלף אַ שניט געטהאָן די נאַקעטע, אָבגעפּליקטע העלזעל פון דער ערשטער הוהן און דאָס רויטע בלוט פון דעם עוף האָט אַ שפּריץ געטהאָן, האָט ער אַ געשריי געטהאָן מיט אַ פערשטיקטען קול :

— מיין קינד !

און דער שוחט איז אין חלשות געפאַלען !

און דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס רפאל דער שוחט האָט אין זיין האַנד אַ חלף גענומען.

די צוויי בייזע שפּאַסען

א מאָל האָבען בייזע נאַרישע שלעכטע מענשען איבער מיר א בייזען שפּאַס געמאַכט, און פאַר וועמען איך זאָל דעם שפּאַס ניט דערצעהלען, לעגט מען גרויס מיטלייד אויף מיר און מען פערדאַמט די יעניגע, וועלכע האָבען אין זייער בייזען ווילען איבער מיר זייער בייזען שפּאַס געמאַכט.

א מאָל האָט מיינע א בעקאַנטע שלעכטע מיידעל איבער מיר א בייזען שפּאַס געמאַכט, און פאַר וועמען איך זאָל דיעזען שפּאַס ניט דערצעהלען, ברעכט מען אויס אין א לוסטיגען געלעכטער אויף מיין רעכענונג, און וועגען דער בעקאַנטער מיידעל, וועלכע האָט איבער מיר אין איהר בייזען ווילען איהר שלעכטען שפּאַס געמאַכט, וועגען דיעזער מיידעל, פאַלט גאַר קיינעם ניט איין א שלעכט וואָרט צו זאָגען...

מיט יאָהרען צוריק האָב איך זיך געפונען אין זעהר א ביטערער, כמעט א פערצווייפעלטער לאַגע. עס איז געקומען אזוי וויוט, אז איך האָב הונגער, איינפאַך הונגער געליטען.

איין מאָל האָב איך צוויי טעג אין מיין מויל קיין שטיקעל ברויט ניט געהאַט און איך האָב זיך אַוועקגעלאָזען מיט א וויזיט צו מיינער א בעקאַנטער פאַמיליע מיט דעם איינציגען אבזיכט צו קריעגען ביי מיינע בעקאַנטע די מעגליכקייט מיין הונגער צו שטילען.

איך האָב דאַן געפיהלט, אז אפילו א בלינדער קען אויף מיין פּנים וועגען מיין הונגער לעזען און טאַקע דעריבער וועט ביי מיר קיין מוטה ניט כאַפּען, אפילו פאַר מיין בעסטען אינטימסטען פריינד וועגען מיין ביטערער נויטה צו דערצעהלען; איך האָב ביי זיך אין האַרצען גוט געפיהלט, אז איך וועל גיכער פון הונגער אויסגעהן, איידער מיט מיין וואָרט א צווייטען געבען אָנצוהערען וועגען דער פערצווייפעלטער לאַגע, צו וועלכער איך בין געקומען — האָב איך ביי זיך אָבגעמאַכט אזא מין פּלאַן:

איך האָב גוט געוואוסט, אז ביי די לייטע, צו וועלכע איך בין יעצט נעגאַנגען, מיט דער האָפנונג מיין הונגער צו שטילען, עסט מען אימער

דינער פונקט צוועלף דעם זייגער, און איך האָב מיט מיין געהן אויסגע־מאַרקירט אַזוי, אַז איך זאָל צו מיינע בעקאַנטע קומען פונקט צו דער נויטיגער מינוט.

עס האָט שוין איינינע מאָל פּאַסירט, אַז איך האָב מיינע בע־קאַנטע בעזוכט אין זייער דינער־שטונדע און אימער האָט מען מיך זעהר העפליך בעגריסט מיט דעם אַלט־בעקאַנטען: „קומט מיט אונז עסען“, און איך פון מיין זייט פלעג אויף אַזאַ איינלאַדונג אימער אָבענטפּערען מיט אַ העפליכען: „אַ דאַנק, עסט געזונדערהייט“. האָב איך געפלאַ־נעוועט היינטיגס מאָל אַן אויסנאַהם מאַכען; און ווען מיינע בעקאַנטע וועלען מיך עסען איינלאַדען, זאָל איך טאַקי די איינלאַדונג אָנגעהמען און זיך זעצען צום טיש.

איך בין געקומען צו מיינע בעקאַנטע; ביים טהיר האָב איך דער־הערט ווי מען קלאַפּט מיט לעפעל, האָט ביי מיר אין קאָפּ אַ קלאַפּ גע־טהאָן אַ געדאַנק, אַז פיליייכט בין איך שוין צו שפּעט געקומען און מען האָט שוין דאָ אָבגעגעסען, און פון דיעזען געדאַנק איז מיר מיין פער־הונגערטע האַרץ פערציטערט געוואָרען און עס האָבען מיר גענומען הלש'ן אַלע מיינע גליעדער.

איך האָב אין טהיר אָנגעקלאַפּט.

— קאָם־אין!

ווי איך בין נור אריין, האָט מיין ערפאַהרענע אויג שוין בע־מערקט, אַז מיינע בעקאַנטע פאַנגען ערשט אָן זייער דינער, איז מיר אויפ'ן האַרצען לייכטער געוואָרען.

— גוט מאָרגען — האָב איך, מיט אַ געמאַכטער דרייסטקייט בע־גריסט מיינע בעקאַנטע....

— אָה, וואָס פאַר אַ גאַסט — האָט די ווירטהין פון הויז זעהר פריינדליך מיין בעגריסונג אָבגעענטפערט.

— ווי געהט עס? — פרעגט מיך דער ווירטה.

— סאָ ענד סאָו—גיב איך דעם געוועהנליכען ענטפער און איך טראַכט ביי זיך: „וואָס עפּעס בעט מען מיך ניט עסען“, און עס ווערט מיר שווער און פינסטער אויפ'ן האַרצען.

— קומט מיט אונז עסען — זאָגט צו מיר די ווירטהין פון הויז זעהר העפליך, זעהר פריינדליך.

א שווערע משא איז פון מיין הארצען ארונטערגעפאלען, און איך נעהם זיך אָן מיט מוטה און מיט כחות און איך ענטפער:

— עס הונגערט מיך טאקע א ביסעל און איך וועל טאקע כאפען א בים מיט אייך.

איך נעהם זוכען א שטוהל און אָן ארטביים טיש, און אזוי לאנג ווי מיין מוטה האלט נאָך אָן, רעד איך ווייטער:

— עפעס דאָ אן איבעריגער טשער פאר מיר?

און גלייך הויבט זיך אויף פון טיש דער גוטער ווירטה, נעהמט א דערבייאיגען ראָקינג־טשער, בלאָזט אָב פון איהם דעם שטויב, שטעלט אוועק דעם ראָקער ווייט פון טיש ביים רעכטען פראָנט־רום און זאָגט צו מיר:

— זיצט, און דערצעהלט אונז עפעס נייעס....

מיין בעקאַנטער האָט זיך צוריק געזעצט צום טיש... אויף א סע־קונדע בין איך געבליבען שטעהן ווי פון א דונער דערשלאָגען; נאָך א מאָל זאָגען, אז איך געה עסען צום טיש, האָט שוין ביי מיר ניט גע־כאַפּט קיין מוטה, האָב איך זיך מיט א צובראָכענעם פערקלעמטען הער־צען אין ראָקינג־טשער אוועקגעזעצט... זיך צוגעקוקט ווי מיינע בע־קאַנטע עסען א גוטען געשמאַקען דינער און איך בין געזעסען אין צרות.

און איך האָב געזעהען און האָב פערשטאַנען, אז מיין בעקאַנטער האָט מיך אוועקגעזעצט אין ראָקינג־טשער, ווייל ער האָט זיך פשוט דערשראָקען פאר מיין אונערווארטעטען אָנבעטען זיך אַנטהייל צו נעה־מען אין זיין דינער.

ווען איך בין ענדליך ארויס פון הויז און קוים הינטער זיך די טהיר פערמאַכט, האָב איך דערהערט א פרעכען געלעכטער פון מיינע בע־קאַנטע, און איך האָב ביי זיך געטראַכט, אז דאָס לאַכט מען אויף מיין רעכענונג, מען לאַכט פון דעם בייזען שפּיצעל, וואָס מען האָט מיר אָב־געטהאָן; א ווייל בין איך אזוי געבליבען שטעהן לעבען טהיר, איך האָב אויסגעהערט עטליכע ווערטער, וועלכע האָבען מיר איבערצייגט, אז מיין פערדאַכט איז ריכטיג:

א שפּאַס האָבען•איבער מיר מיינע בעקאַנטע געמאַכט, א בייזען, א ניעדערטרעכטיגען שפּאַס!

און ווען איך דערצעהל פאַר אימיצען דיעזע ערפאַהרונג מיינע,

האָט מען מיר אַזוי פיעל רחמנות און מיט ענטריסטונג און מיט ביטערקייט רעדט מען וועגען מיינע בעקאַנטע, וועלכע האָבען דיזעז בייזען שפּאַס געמאַכט איבער מיר.

* * *

און יעצט הערט דעם צווייטען שפּאַס:

צו יענער צייט איז מיין עקאָנאָמישע לאַגע ניט שלעכט געווען. קיין הונגער האָב איך ניט געליטען, אָבער דער מאָגען איז ניט אַלעם ביים מענשען; מען קען זיין זאַט אין עסען און דאָך פיהלען זיך גע־פּלאָגט, געמאַטערט פיעל ערגער ווי פון הונגער!

צו יענער צייט האָט עלענדקייט מיין הארץ געגעסען; עס איז גע־ווען אַזאַ צייט אין מיין לעבען, ווען דאָס הארץ האָט אַ וואָרים געפרע־סען און עס האָט זיך אַזוי טיעף געבענקט נאָך דער געזעלשאַפט פון פרויען.

אבענד־צייט איז דאָס געווען, אַזאַ שעהנער פריהלינג־אבענד, און שפּאַנענדיג איבער אַ געוויסער דאון־טאונער סטריט, האָב איך זיך אָנ־געטראָפען מיט מיינער אַ בעקאַנטער מיידעל.

מיר האָבען זיך בעגריסט.

מיין בעקאַנט מיידעל האָט מיר געפרעגט, וואָרום איך בין אַזוי פערטראַכט, און וואָרום איך קוק אויס אַזוי אונמוטהיג.

איך האָב געוואָרפען אַ בליק אויף דער מיידעל, עפּעס אַ ים מיט פריינדליכקייט איז אויף איהר פּנים געווען צוגאָסען און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אויך איהר הארץ עסט דער זעלבער וואָרים, וועלכער פערצעהרט מיין אייגענע בענקענדע נשמה, בין איך געוואָרען צו מיין בעקאַנטער פריינדליכער און איך האָב גענומען בעקלאָגען זיך פאַר איהר אויף מיין עלענדקייט.

און מיין בעקאַנטע פריילין האָט מיך אויסגעהערט זעהר אויפ־מערקזאַם און געקוקט האָט זי אויף מיר עפּעס מיט אַזוי פיעל פריינד־שאַפט, מיט אַזוי פיעל סימפּאַטהיע און אַזוי געהענדיג האָט זי זיך צו־גערוקט צו מיר אַלץ נעהענטער און נעהענטער.

האָב איך מיין צונג מעהר אין שפּאַז ניט געהאַלטען און גענומען אַרונטעררעדען אַלץ, וואָס אויפ'ן הארצען האָט געשטיקט. — עפּעס אין

אזא שעהנער נאכט איז אזוי גוט צו געפינען זיך אין דער געזעלשאפט פון א פריילין, צערטלען זי, קושען זי און זיין געצערטעלט און זיין געקושט — גיב איך צו פערשטעהן מיין בעקאנטער פריילין.

און נאך און נאך האב איך גערעדט אלץ אין דעם זעלבען זינן, נור אלץ פרייער, פרייער און הארציגער.

אזוי האב איך מיין מיידעל ביז איהר היים בעגלייט.

און מיין בעקאנטע זאגט צו מיר:

— קומט א ווייל'ע צו מיר ארויף.

— ווער איז מיט אייך? — פאלט מיר איין צו פרעגען.

— וואס הייסט, ווער? קיינער ניט, איך פערנעהם א סעפרעט צימער, איך וואוין אליין — ענטפערט מיין בעקאנטע.

און באלד בין איך שוין געווען ביי מיין בעקאנטער אין איהר סעפרעט צימער.

דאס מיידעל האט מיך געבעטען ענטשולדיגען זי און איז אריין צו די לייטע, ביי וועמען זי האט איהר צימער געדונגען, אום איבערצוטהאן זיך.

און באלד איז מיין בעקאנטע אריין צוריק אין צימער שוין אן איבערגעטהאנענע.... און איבערגעטהאן האט זי זיך... נו! נו.... איך וועל ניט זאגען, אז זי איז געווען אזוי נאקעט ווי אונזער מוטער חוה, נור יעדענפאלס איז זי געווען אזוי פיין דעקאלטע, נאקעטע ארעמס, א האלב־נאקעטע ברוסט, אזוי ווי עס דארף צו זיין.

און מיר האבען גענומען רעדען, און זי איז געזעסען לעבען מיר אזוי נאהענט, אז איהר הייסער אטהעם האט מיך ווי מיט פייער געברענט, און די ווייכע פערפיומירטע האר פון איהר קאפ זיינען מיר אין די נעזלעכער און אין מויל געקראכען און האבען מיך שכור געמאכט.

און עס איז געווען גאר ניט שווער צו בעמערקען, אז מיין בעקאנטע בענעהמט זיך ניט חלילה אזוי זיך אונשולדיג, נור טאקע אבזיכטליך אויסגערעכענט.

האב איך מיין בעקאנטע אין מיינע ארעמס גענומען און האב איהר א קוש געטהאן.

האט זיך דאס מיידעל פון מיר ארויסגעריסען און באלד האט איבער מיין פנים אבגעקלונגען א פלאמענדער פאטש פון איהר דיקער האנד.

עס איז מיר געוואָרען הייס און קאַלט און איך בין געבליבען זיצען א צוטומעלטער.

— ארויס, איהר שאַרלאַטאַן. — האָט די מיידעל גענומען קווי־טשען, און איידער איך האָב צייט געהאַט צו קומען צו זיך, זיינען אין צימער אריינגעלאָפען מיין בעקאַנטער׳ס בעלי־בתים און די מיידעל האָט נאָך שטאַרקער גענומען קוויטשען:

— איהר האָט א גאַנצען טעות, מיסטער. — איך בין ניט אזא, פאַר וועלכע איהר נעהמט מיך אָן. איך האָב געמיינט, אז איהר זיינט אַן אנשטענדיגער מענש...

— סיי, מיסטער, ביי מיר אין הויז פיהרט מען ניט אזעלכע ביז־נעס — האָט זיך אריינגעמישט מיין בעקאַנטער׳ס לאַדזשינג־מיסטער, א געזונדער, געזעצטער מאַן פון א יאָהר עטליכע און דרייסיג.

איך האָב בעגריפען, אז עס האַלט ניט ווייט פון צו לייזען קלעפּ, און איך בין ווי א משוגענער פון צימער ארויסגעלאָפען.

און דאס איז געווען דער צווייטער שפּאַס איבער מיר, א שפּאַס פון א בעקאַנטער מיידעל.

דאכט זיך, אויך א בייזער שפּאַס. נור פאַר וועמען איך זאָל ניט דערצעהלען דיעזען צווייטען שפּאַס, קריעג איך שוין זעהר וועניג מיט־לייד. פּערקעהרט, מען צולאַכט זיך זעהר לוסטיג אויף מיין חשבון. און וועגען מיין בעקאַנטער מיידעל? וועגען איהר וואָלט כאָטש ווע־מען עס איז פון מיינע צוהערער איינפאַלען איין שלעכט וואָרט אויס־רעדען. קיינעם ניט.

מיין ארבע כנפות און דעם גוי'ס צלם'על

פאסירט האט דאס מיט מיר אין מיינע קינדערשע יאהרען. איך בין דאן געגאנגען אין דער רוסישער פאלקסשולע. ניט אבטענדיג אויף מיינע יונגע יאהרען האב איך שוין פון אידישקייט ווייניג געהאלטען. נור מיין פאטער איז געווען זעהר א פרומער און א בייזער, און אויס מורא פאר'ן טאטען האב איך געמוזט ווילענדיג, ניט ווילענדיג געהן אין אידישען דרך.

אין דער „שקאלע" האב איך געהאט א גוי'שען חבר מיט דעם נאמען שצוכאוו, וועלכער איז געווען מיינער א פריינד.

אמאל, אין א שעהנעם זומערטאג, בין איך און מיין פריינד שצוכאוו אוועק צום וואסער־מיהל, ווייט אהינטער'ן שטעדטעל — באדען זיך אין דעם שעהנעם שאמאנאווקער טייך.

האבען מיר זיך ביידע גוט אויסגעבאדען און גענומען אנטהאן זיך, דערזעהט מיין גוי'שער חבר מיין ארבע כנפות, און זאגט צו מיר מיט א גוי'שען שמייכעל:

— צו וואס טראגסטו דאס די שמאטע?

— צייג איך אן שצוכאוו'ן אויפ'ן צלמ'ל און פרעג פון מיין זייט:

— און פארוואס טראגסטו אויף זיך אט די שמאטע?

ענטפערט שצוכאוו קיין אייןווארט ניט, נעהמט ארונטער פון זיך זיין מעשענעם צלמ'ל און בורדענץ אין טייך אריין.

אוים צלמ'ל!

נעהם איך זיך אן מיט מוטה און גבורה, כאפ ארונטער פון זיך מיין ארבע כנפות, דרעה איהם צוזאמען אין א קנויל און טהו טאקע דאס זעלבע וואס מיין חבר האט געטהאן מיט זיין צלמ'ל — א שלייי־דער אין טייך אריין.

נו, ווייסט איהר דאך שוין דעם פינסטערען אידישען מזל!

דעם גוי'ס צלמ'ל איז טאקע ארונטער צום דעק, און איז פערזונקען געווארען; נישט אזוי איז אבער געווען דער פאל מיט מיין אידישען טלית קטן.

מיין ארבע כנפות האט זיך נור טובל געווען און איז באלד צוריק

אויפ׳ן וואסער ארויפגעשוואומען... אבער שייך ארויפגעשוואומען — צושפרייט זיך אזוי פיין, די ציצית צוואווארפען אויף אלע פיער זייטען, עפעס אזוי ווי ער וואלט זיך פון מיר אויסגעלאכט און מיט ווערטער גערעדט:

— פון מיר, ברודער׳ל, ווערט מען ניט אזוי שנעל פטור!

מיר איז אין די אויגען פינסטער געווארען.

איך און מיין שצוכאוו האבען גענומען ווארפען אין מיין ארבע כנפות מיט פלעקער און שטיינער, טאמער וועט עס טרעפען און צום גרונד ארונטערשלעפען... נור ווי אויף צו־להכעים האט זיך מיין טלית קטן ארויסגעדרעהט פון אונזערע אלע קוילען... געשוואומען זיך מיט גרויס גדלות איבער דעם שפיעגעלדיגען וואסער, און עפעס איז ער זיך אזוי פונאנדערגעוואקסען, און די ציצית האבען זיך אזוי צושפרייט, עפעס אזוי ווי זיי וואלטען וועלען פון מיר נקמה נעהמען, דערפאר וואס איך פלעג מיט זיי אימער שטיקען זיך, בעהאלטען זיך....

און עס שווימט מיין ארבע כנפות איבער׳ן ווייטען טייך אוועק — שווימט אזוי ווי א צוקאכטער אידישער גזלן.

— ווי געפעלט דיר מיין צרה, ברודער? — פרעג איך שצוכאוו׳ן.

איז מיין שצוכאוו א גוטער שייגעץ, ווארפט פון זיך ארונטער די קליידער, שפרינגט נאך אמאל אריין אין טייך, און לאזט זיך שוויי־מען נאך מיין ארבע כנפות...

האט זיך אנגעפאנגען א קאמפף צווישען דעם ערל און מיין טלית קטן. אט־אט־אט שווימט, דאכט זיך, צו דער גוי און כאפט אן פאר א ציצי מיין ארבע כנפות... נור, דא קומט עפעס ווי א נס פון הימעל און דער ארבע כנפות שווימט אוועק ווייטער, ווייטער... דער ארימער שצוכאוו האט זיך נעבעך אומזיסט פון די כחות אויסגעשלאגען. מיין ארבע כנפות איז בעשערט געווען צו ראטעווען זיך פון גוי׳שע הענד, און עס האט איהם פערטראגען ווייט אהינטער דער „גרעבליע“ פון דער מיהל, וואו מיין גוי׳שער חבר האט שוין ניט געקענט צושווימען...

א פערמאטערטער איז שצוכאוו פון טייך ארויסגעקומען, אויס־געשפייט זיך און מיט הארץ געזאגט צו מיר:

— וואלסט אבער געטראגען א צלם׳ל, וואלסט יעצט בעפרייט זיך פון אן אונגליק...

איך און שצוכאוו זיינען ביידע אהיים אוועק. מיין חבר האט

געפיהלט, אז ער האט אויפגעטהאן א העלדישקייט, און ס'איז איהם געווען זעהר גוט אויפ'ן הארצען. איך האב זיך געפיהלט ניט אזוי יום־טוב'דיג, עפעס אזוי ווי מיין הארץ וואלט מיר פאראויסגעזאגט, אז איך בין נאך פון מיין ארבע כנפות ניט פטור געווארען.

מיט איינינע טעג שפעטער, שבת ביים טיש, ווען מען האט ביי אונז געגעסען דעם שבת'דיגען טשאלענט, דערצעהלט דער טאטע א נייעס פון שוהל:

אידישע חדר־אינגלעך האבען זיך געבאדען אין דעם שאמאנאוו־קער טייך, ווייט אהינטער דער גרעבליע, און מען האט דארטען געפו־נען אן ארבע כנפות... דעם ארבע כנפות האט מען געבראכט צום מורה הוראה פון אונזער שטעדטעל, און יעצט הענגט דער ארבע כנפות אין דער גרויסער שוהל, און מעןווארט טאמער וועט מען דערקענען וועמעס דאס איז.

הערענדיג א די גוטע נייעס, איז מיר אין מיינע אויגען פינסטער געווארען... מיין טאטען איז עפעס געווארען פערדעכטיג מיין אויס־זעהען און האלטען זיך...

— צי איז דאס ניט דיין ארבע כנפות, תכשיט מיינער... — מאכט צו מיר דער טאטע, און גלייך געהט ער צו צו מיר און נעהמט מיך בעקוקען...

א פערשטערטען שבת האבען מיר געהאט... איך האב געלייזט קלעפ מעהר ווי עסען... אויף מיין חשבון האט דער טאטע געשלאגען די איבריגע קינדער, און די ארימע מאמע מיינע האט זעהר געוויינט...

שבת־צו־נאכט איז ביי אונז אין הויז א גאסט געווען מיין ארבע כנפות, וועלכען דער טאטע האט פון דער גרויסער שוהל געבראכט... און מיט חרפה און מיט בזיון האב איך מיין אוועקגעווארפענעם „לייב־ליבען פריינד" צוריק געמוזט אנטהאן, און אלס פסק פאר מיין מיאוס'ען אויפפיהרען זיך, האט מיין טאטע אויף מיר גוזר געווען, מעהר ניט צו בעהאלטען זיך מיט מיין ארבע כנפות, נור טראגען איהם אפען, אזוי ווי אלע אידישע קינדער...

ווען שצוכאוו האט מיך דערזעהן אין מיין געפונענעם ציערונג, האט דער גוי שיער ניט געפלאצט פאר געלעכטער. און איך האב געפיהלט ווי בעגראבען זיך אין דר'ערד אריין...

זומער באָרדערס

1.

דער געלעכטער און די טרערן.

מאָרגען איז תשעה באב!

מיר זומער־באָרדער ווייסען פון דעם, ניט דערפאַר, ווייל אירגענד ווער פון אונז האָט אין לוח אריינגעבליקט, נור דערפאַר ווייל מיר האָבען היינט געהאַט א מילכיגען סאפּער: מילכיגע לאָקשען־זופּ, מילכיגע קרעפּלעך א. ז. וו.... אויך ווייסען מיר שוין פאָראויס, אז דער מאָרגעדיגער טאָג וועט אין גאַנצען זיין א מילכיגער, און די פּערוואַלטערין פון אונזער באָרדינג הויז, די שעהנע, גראציעזע, ליעבענסווירדיגע פרוי בערגאָן, האָט מיט איהר שטענדיגען קלוגען גוטמוטהיגען שמייכעל ערקלערט, אז דאָס עסען מיר מילכיגס דער־פאַר, ווייל מאָרגען איז תשעה באב.

געוועהנליך נאָך סאפּער פערלאָזען מיר די דיינינג־רום און מיר, זומער־באָרדער, צושפּרייטען זיך איבער דעם ווייטען ברייטען פרייען און גרוים־פערטרונקענעם שטח, וועלכער ליעגט אויסגעשפּרייט ארום און ארום אונזער באָרדינג הויז, שטיל פער'חלום'ט, איינגעוויעגט פון די פערטראַכטע אבענד־שאָטענס, איינגעוויעגט אין אזא זיסען, אין אזא מחיה'דיגען אומעט.

צווישען אונזערע באָרדער זיינען דאָ יונגוואַרג און עלטערע מענ־שען. אין דיינינג־רום ביי די „מיעלס" זיצען מיר אויסגעמישט יונג און אַלט אַלע צוזאַמען, נור ווען מיר קומען ארויס אויססייד דעם באָרדינג־הויז, איבערהויפּט אבענד־צייט נאָך סאפּער, בעמערקט זיך גלייך א צוטהיילונג צווישען יוגענד און עלטער.

די עלטערע מענער און פרויען, מאַנכע פון זיי שוין מיט שנעע־ווייסע קעפּ, צוזעצען זיך אויף די ראַקערס, וועלכע שטעהען צוואָוואָר־פען דאָ און דאָרט איבער די גרינע לאָנקעס ארום אונזער באָרדינג־הויז.

נאָר די יונגע — אונזערע בחורים און מיידלעך, צולויפען זיך

אין ווילעדזש אין די „קאסינאָס“, אין די טאַנץ־האַלס, צו געניסען אביסעל אויפרעגענדען פערגניגען; די מיטעל־מעסיגע, די יונגע טאַטעס און מאַמעס צוזעצען זיך ביי א לאַנגען טיש, אויף דער וועראַנ־דאַ, און פרעהליך און לוסטיג, אויפרעגענד, רעש'דיג פערברענגט מען די אבענד־שטונדען אין קאָרטען־שפּיעלען. אזוי קומט עס פאַר יעדע נאכט — נור היינט איז אַן אויסנאַהמע. היינט איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג.

היינט איז תשעה באב ביינאכט. די קאַסינאָס און די מעהרסטע פון די טאַנץ־האַלס אין דעם ארומיגען אידישען דערפעל זיינען היינט געשלאָסען, און אונזערע יונגע האָבען ניט וואוהין צו געהען היינטיגע נאכט.

אין דערפעל איז דאַ א אידישע שוהל, וואו אידען וועלען היינט „איכה“ זאָגען, און די עלטערע צוזאמען מיט די איגנערע מענער זיינען אוועק אין שוהל... די עלטערע זיינען געגאַנגען אין שוהל וויינען און ראַוונען, די אינגערע זיינען אוועק צום שוהל אַנקוקען און האָבען אביסעל „פאַן“.

אונזערע פרויען זיינען כמעט אלע דאַ פערבליעבען. די אינגערע צוזאמען מיט די היינט־פערבליעבענע מיידלעך האָבען זיך אלע צו־זאמען צוזעצט ביי דעם לאַנגען קאָרטען־טיש און די עלטערע זיינען אלע צוזאמען אוועק אביסעל וויטער פונ'ם באָרדינג־הויז, אָבגעטראָ־טען פון דעם רעש און געלעכטער ביים קאָרטען־טיש, פערקליבען האָבען זיי זיך צווישען די בוימער, און מיט אָנגעצונדענע ליכטלעך אויף די הענד צוזעצט אויף דער ערד, זאָגען די עלטערע פרויען „איכה“.

נאכט איז געוואָרען!

א פאַנטאַסטיש־שעהנע, מורא'דיג־שעהנע נאכט אין די בערג!

דער ארומיגער וואלד, די ארומיגע בערג, דער דערפעל וועלכער ליעגט דערביי אין טהאָל, אונזער אייגענע באָרדינג־הויז — אלעס איז אין א נעהיימניספּולער פינסטערניס פערהילט. עס איז נור ליכטיג ארום דעם לאַנגען טיש, וואו אונזערע באָרדערקעס שפּיעלען אין קאָרטען... און אויך גלימערט ארוים און ציטערט א שוואכע ליכט פון צווישען די בוימער, וואו אונזערע עלטערע פרויען לייענען יעצט וועגען דעם חורבן בית המקדש.

פון דעם קאָרטען־טיש רעש'ט מיט אויפרעגונג, מיט פרעהליכען אויפרעגענדען געלעכטער, און פון צווישען די בוימער הערט זיך א שטילער פערשטיקטער וויינען.

איך געה אוועק צו די בוימער...

א גרופע פרויען, עלטערע אידישע פרויען, זיצען אויפ'ן גראָז מיט ספרים און מיט ליכטלעך אין די הענד... און זיי לייענען און דערצעהלען איינער דעם צווייטען די שרעקען פון דעם היסטאָרישען אידישען חורבן... און ביי אלעמען זיינען די אויגען רויט פון וויינען.

די שטילע, פער'חלום'טע נאכט, די געדיכטע בוימער, די אלטע פרויען זיצענדיג אויפ'ן גראָז, די ספרים, די ליכטלעך אין זייערע הענד, דער שטילער, פערשטיקטער געוויין, — וואָס פאַר אַן איינדרוקספאָלע בילד!

דאָס בילד האָט מיך בעהערשט. מיר האָט זיך געדאכט, איך געפין זיך דאָרטען, וואו דער חורבן איז אמאָל פאָרגעקומען... מיר האָט זיך געדוכט, אז דאָ צווישען די בוימער זיצען אלטע פרויען, וועלכע זיינען פערטריבען פון א חרוב־געוואָרענע היים.... און א שוואכער, שטיקענדער טרויער האָט מיין נשמה ארומגעכאַפּט... און מיר האָט זיך אויך וויינען פערוואָלט.

און דאַן געה איך צו צום קאָרטען־טיש... אויפרעגענד, רעש'דיג איז דאָ!

די קאָרטען־שפּיעל איז אין פולען גאַנג... און די שפּיעלערקעס זיינען רויט פון אויפרעגונג. זייערע אויגען ברענען, די פּנים'ער פלאַמען!

יונגע, שעהנע פרויען, געקליידעט האלב־דעקאָלטע, פול מיט לעבען, פול מיט לוסט. עס ברענען זייערע אויגען, עס פלאַמען זייערע געזיכטער. עס קאָכט די נאכט פון זייער אויפרעגענדען, פרעהליכען געלעכטער. עס דאכט זיך מיר, עס איז א פערזאמלונג פון שעהנע מכשפות!

איך זעלבסט בין א זומער־באָרדער... געקומען בין איך אין קאָונטרי פערגניגען האָבען. ניט טרערען — געלעכטער בין איך געקומען זוכען... אונזערע אלטע פרויען! ווער האָט פאַר זיי געקעהרט! עס איז מיר קיינמאָל ניט אויסגעקומען אויף זיי גוט ארומצוקוקען זיך — צו דער יוגענד האָט מיך געצויגען, צו דער אויפ־

רעגענדער, רעש'דיגער, פרעהליכער יוגענד... נור הייגט איז מיט מיר עפעס אן אויסנאהמע: דער פרעהליכער געלעכטער פון די יונגע פרויעןביים קארטען־טיש גרילצט העסליך אין מיינע אויערען, עס ציהט מיך צום וואלד, דארט, צווישען די בוימער, וואו מיט ספרים'לעך און מיט ליכטלעך אין די הענד גיסען טרערען די אלטע אידישע פרויען....

.2

דער מאן און זיין פרוי.

ווען דער מאן איז געקומען צו פאהרען פון ניו יארק צו אונז אין באהרדינג־הויז, האבען מיר זיך באלד אלע דערוואוסט, אז אונזער נייער באָרדער וועט מיט אונז פערבלייבען נור א צייט פון צעהן טעג, נאכהער וועט דער מאן אהיים פאהרען און אויף זיין ארט וועט קומען אהער צו אונז אין באָרדינג־הויז — דעם מאן'ס פרוי.

מיסטער קאליק, אזוי האט געהייסען אונזער נייער באָרדער, האט באלד אויף זיך געצויגען אונזער אלעמענס אויפמערקזאמקייט מיט זיין זעהר ניט שעהנעם אויפפיהרען זיך.

מען קען ניט זאגען, אז אונזערע אלע באָרדערס זיינען צדיקים געוועזן. יעדער איינער פון אונז האט ניט פיינד געהאט אביסעל פער־ברענגען מיט אונזערע פרויען־באָרדערקעס, און פאר דעם זומער־סעזאָן זיינען אין אונזער באָרדינג־הויז ענטוויקעלט געוואָרען א היבשע ביסעל געלונגענע און ניט־געלונגענע ראָמאנען — וואָס אמת איז אמת!

אָבער מיסטער קאליק! — דער חברה־מאן האט איבערטריעבען יעדע מאָס!

אונזער נייער באָרדער האט זיך אזוי צוגעריסען צו אונזערע פרויען־באָרדערקעס, אז מען האט געקענט מיינען, דאָס דער מאן איז אריינגעפאלען צו אונז פון עפעס א פערוואָרפענעם אינזעל, וואו ער האט פערבראכט לאנגע, לאנגע יאהרען, און וואו עס איז ניט געוועזן אפילו די געדעכעניש פון א פרוי!

קאליק איז געוועזן ניט קיין אויסקלייבער, ווי באלד נור א פרוי — איז שוין פאר איהם גוט געוועזן. עלטער, יונגער, מיידלעך, פער־הייראטהע פרויען, שעהן, מיאוס — אלע אונזערע באָרדערקעס זיינען

גוט געווען פאַר קאַליק׳ען. און האָט איהם נור איינע אָבגעשטויסען פון זיך, האָט זיך דער מאַן וועניג וואָס געקימערט און איז גלייך צוגעשטאַנען צו אַ צווייטער.

די פערוואַלטערין פון אונזער באָרדינג־הויז, די וויימערקעס, די דיענסטען, אפילו די פערברודיגטע קעכין — אַלע, אַלע זיינען געווען ביי קאַליק׳ען גוטע קאַסטאָמער.

און מיט קאַליק׳ען האָט געקאָכט און געזאָדען אונזער באָרדינג־הויז... קאַליק איז געלעגען ביי אַלעמען אויף די צינגער.... אונזערע מענער פלעגען וועגען איהם שמועסען מיט ביטערקייט און פעראַכטונג... די פרויען פלעגען וועגען אונזער נייעם געראַטענעם באָרדער פיעל־בעדייטענד סוד׳ען זיך און דערביי קוויטשען און שטיקען זיך מיט אַ פיעל־בעדייטענדען געלעכטערל...

קאַליק איז ענדליך אָבגעפאָהרען. אונזערע מענער־באָרדער האָבען פרייער אויפגעאָטהעמט, און די מעהרסטע פון אונזערע באָרדערקעס זיינען וועגען קאַליק׳ען פערבליבען מיט סודות אונטער זייערע הערצער.

און מיט נייגיערינקייט און מיט אונגעדולד האָבען מיר ערוואַרטעט דעם אָנקומען פון דעם אָבגערייזטען קאַליק׳ס פרוי.

יעדער פון אונז איז געווען העכסט נייגיעריג צו זעהען וואָס פאַר אַ סאָרט פרוי איז אָט די מיסעס קאַליק! — נים אַנדערש, אַז די פרוי איז עפּעס אַ ווּיסטער קריפּעל, — האָט זיך אויסגעדריקט איין באָרדער — ווען נים וואָלט אַ מאַן אַזוי מיאוס, אַזוי גראָב, אַזוי אָפּען נים נאָכגעיאָגט זיך נאָך פרויען.

— עפּעס מוז דאָרט זיין אַ גרויסע צרה, אַ שלאַק פון זיבעטען הימעל... — האָט געדענקט אַ צווייטער באָרדער.

און מיר זיינען אַלע געווען זיכער, אַז ווען קאַליק׳ס פרוי וועט צו אונז קומען, וועלען מיר פאַר זיך דערזעהן די העסליכסטע בעשעפעניס אין דער וועלט.

און עס איז אָנגעקומען אַ טריין פון ניו יאָרק, אַ טריין געפּאַקט מיט זומער־באָרדערס, און אויך אין אונזער באָרדינג־הויז זיינען פון דיעזער טריין אָנגעקומען עטליכע נייע באָרדער און באָרדערקעס, און צווישען דיעזע נייע אָנגעקומענע האָט זיך געפונען אַ יונגע פרוי, וועלכע האָט געבלענדעט מיט איהר גראַציע, מיט איהר שעהנקייט!

און די פערוואלטערין פון אונזער באָרדינג־הויז האָט אונז, באָרדערס, א סוד איינגערוימט:

— איהר זעהט אָט די שעהנע פרוי? דאָס איז קאָליק׳ס פרוי.

מיר זיינען אלע ענטטוישט געוואָרען.

און ווען אונזער נייע באָרדערקע — די מאדאם קאָליק — איז אין אונזער באָרדינג־הויז אָבגעוועזען אייניגע טעג, האָבען מיר אלע געזעהען, אז די פרוי איז ניט נור שעהן קערפערליך, נור אויך פערמאָגט זי א פרעכטיג שעהנע נשמה.

קלוג, פערנינפטיג, איינפאך און בעשיידען איז אונזער נייע באָרדערין געווען. גערעדט האָט זי ווייניג, נור ווען זי האָט עפעס יא געזאָגט, איז געוועזען וואָס צו הערען. א קלוגע, א שעהנע פרוי.

און ווען מיר באָרדער האָבען געזעהען פאר זיך די פרוי קאָליק און געטראַכט דערביי וועגען דעם ניעדריגען בענעהמען זיך פון דעם מיסטער קאָליק, האָבען אייניגע פון אונז מיט הארץ געזאָגט:

— פע, וועלכע ליידאקעס די מענער זיינען!

נור דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז געוועזען דער פאקט, וואָס די קלוגע שעהנע מאדאם קאָליק פלעגט זעהר ליעב האָבען צו לויבען איהר מאַן:

— דאָס איז דאָך דער שטילסטער, דער בעסטער, דער געטרייעסטער מאַן אין דער גאַנצער וועלט! אזוי פלעגט זיך אויסדריקען די מאדאם קאָליק וועגען איהר מאַן.

און מיר באָרדער פלעגען ביי זיך אין הארצען לאכען, און אייניגע פון אונז פלעגען זאָגען:

— דאכט זיך אזא קלוגע פרוי, און דאָך א בהמה!

3.

ווער איז איהם שולדיג!

עס איז אמת, אז מיר פלעגען זי בערעדען, דערהויפט אונזערע באָרדערקעס, זיי פלעגען טאָג אזוי ווי נאכט סוד׳ען זיך אויף איהר רעכנונג. מאנכע פון אונזערע באָרדערקעס פלעגען זי בעטראַכטען מיט פעראַכטונג און מאנכע האָבען זאָגאר צו איהר רעדען אויפגעהערט. עס האָבען זיך אבער אויך געפונען אזעלכע צווישען אונז, וועלכע האָבען איהר רעכט געגעבען...

פרייטאג איז דער פרעהליכסטער, דער אויפרעגענדסטער טאָג אין וואָך אויף אונזער פאַרם! פרייטאג ערוואַרטען אונזערע פרויען־באָרדער דעם אָנקומען פון זייערע מענער און די גאַנצע באָרדינג־הויז קאָכט פון ערוואַרטונג און אויפרעגונג.

די ווייבער וועלכע ערוואַרטען זייערע ליעבע געסט, פוצען זיך אויס אין זייער בעסט, און אַלע קריגען זיי דיעזען טאָג גאָר עפּעס א נייעם חן. די פערוואַלטערין פון באָרדינג־הויז געהט אום א צוטראָגענע, אָן אויפגערעגטע — די מענער, וועלכע קומען נור אויף צוויי טעג אין וואָך פערשאַפען איהר פיעל טראָבעל, עס ווערט א גאַנצע פעדדרעהע־ניש מיט די נאַכט־לעגערס — עס איז נויטיג אויף דיעזע צוויי נעכט אין וואָך די „פערהייראַטהע" פרויען צו לאָזען אַליין מיט זייערע ליעבע געסט אין זייערע שלאָפצימערען, קומט אויס צו באַדערען און צו מאַכען מופען די אנדערע באָרדערקעס, וועלכע שלאָפען אין איין רום מיט די פערהייראַטהע פרויען די איבריגע פינף טעג אין וואָך... און עס רודערט זיך ביי אונז אין באָרדינג הויז!

מיר, מענער־באָרדער, וויצלען זיך אויף דער רעכנונג פון די פרויען, צו וועמען זייערע מענער דארפען קומען... מאַנכע מאָל זיינען די וויצען אביסעל „פעפערדיג", נור ווי דאָס איז — דערוייל איז פרעהליך.

און אָט קומט פרייטאג אבענד. אונזער גאַנצע באָרדינג־הויז, אַלע באָרדערס, פערהייראַטהע און ניט־פערהייראַטהע, אַלע לאָזען מיר זיך אוועק צום סטיישאַן בעגעגענען די „האָסבענד טריין".

און אָט קומט אָן די ערוואַרטעטע טריין. אונזערע ערוואַרטעטע געסט קומען. פרויען קושען זיך מיט מענער, קינדער האַלזען זיך מיט פאָטערס, און דער גאַנצער סטיישאַן הילכט פון פרייד.

אַלע, אַלע אונזערע ערוואַרטעטע געסט זיינען דאָ, צו אונזערע אַלע פערהייראַטהע באָרדערקעס זיינען זייערע מענער געקומען... עס איז געקומען דער דיקער בירנבערג... אָט איז ער מיט זיין דיקען, שמאַלציגען פנים; עס איז געקומען דער דאַרער, שוואַרצער לענטוך... אָט איז ער מיט זיין לאַנגען שפּיציגען נאָז; עס איז געקומען דער פרעהליכער קוזמיק, ער לאַכט שוין דאָ ביים ארונטערגעהן פון טריין, און אזוי וועט ער אָבלאַכען די גאַנצע צוויי טעג, וועלכע ער פערברענגט מיט אונז... אַלע מענער זיינען דאָ, קיינער האָט ניט פערפעהלט צו

קומען, און אלע אונזערע פערהייראטהע באָרדערינס שיינען פאַר גליק און שמחה. עס איז נור דאָ איין אויסנאַהמע — די מיסיס וואַרשעווער.

צו איהר קומט ניט דער מאַן... עס איז אַריבער אַ פרייטאָג נאָך אַ פרייטאַג, די מיסיס וואַרשעוואר פוצט זיך אויס אין איהר בעסט, אַזוי ווי אלע אונזערע פרויען, וועלכע ערוואַרטען זייערע מענער; זי בערצופט איהרע צוויי קינדערלעך, לאָזט זיך אויך אַוועק מיט אַלעמען צום סטיישאָן. אַלע ערוואַרטעטע מענער קומען טאַקע... בלויז די אָרימע מיסיס וואַרשעווער — צו איהר קומט קיינער ניט!

אנשטאַט איהר מאַן קריגט די מיסיס וואַרשעווער אַ גערוס צוגעשיקט מיט איינעם פון די אָנקומענדע מענער. אַ גערוס און עפּעס אַ תירוץ אויף דעם וואָרום ער, וואַרשעווער, איז ניט געקומען אין קאַנטרי זעהען זיך מיט זיין ווייב און קינדער.

און די מיסיס וואַרשעווער קומט צוריק פון סטיישען אַן אומעטיגע, אַ בעליידיגטע, אַן עלענדע!

אלע ווייבער זיינען אויפגערעגט, זיינען גליקליך; שפּאַציערען זיך אַרום אַזוי שטאָלץ, אַזוי יום־טוב'דיג מיט זייערע ליעבע געסט — די מענער, נור איין מיסיס וואַרשעווער בלייבט אימער אליין, אימער אליין.

און אונזערע באָרדער, וועלכע זוכען נור אַ געלעגענהייט אַ ביסעל שפּאַס צו האָבען, גיבען זיך אַ נעהם פאַר דער אָרימער פרוי וואַרשעווער און מען קאָרגט ניט צו שיטען זאַלץ אויף איהרע וואונדען.

— מיסיס וואַרשעווער, ווען קומט אייער מאַן? — פרעגט גנב'דיג אַ באָרדער.

— דער מיסטער וואַרשעווער מוז זיך פיהלען דאָרט, אין ניו יאָרק, זעהר היימליך אָהן אַ ווייב... — בעמערקט אַ צווייטער.

— מען האָט איהם געזעהן מיט אַ בלאָנדינקע אין קוני־איילענד...

— בעמערקט אַ דריטער.

און די מיסיס וואַרשעווער הערט אויס די אלע שטעכווערטלעך, מאַכט אויך פון דעם כלומרשט אַ שפּאַס, אָבער מען קען זעהען, אַז אַט דער שפּאַסען רייסט איהר דאָס האַרץ אויף שטיק־שטיקער.

און עס איז צו אונז אין באָרדינג־הויז אָנגעקומען אַ באָרדער, אַ זעהר שעהנער יונג — אַ חברה־מאַן!

און באַלד האָט זיך פערפיהרט אַ שטאַרקע פריינדשאַפט צווישען

דער פרוי װאַרשעװער און אונזער נייעם באַרדער. די צװיי האָבען גענומען אויסגעהן צוזאַמען אין װילעדזש, אין די טאַנץ־האַלס, אין די „קאַסינאָס" און גאַנץ אָפט פלעגען די צװיי צוזאַמען װאו פערלוירען געהען, און מען האָט זיי ניט געזעהן אין קיין טאַנץ־האַל, אין קיין קאַסינאָ...

איינינגע מאָל האָט שוין פּאַסירט, אז מען האָט בעגעגענט אונזערע „צװיי פריינד" ארויסקומענדיג פון טיעפען װאַלד צוזאַמען.

עס איז אמת, אז אונזערע באַרדער קוקען זעהר בייז אויף דער פרוי װאַרשעװער'ס צו אינטימע פריינדשאַפט מיט אונזער נייעם באַרדער. עס איז אמת, אז פיעלע פון אונז בערעדען זי, און איבער־הויפּט אונזערע פרויען, זיי קוקען זי אָן מיט טיעפער פעראַכטונג; עס געפינען זיך אָבער אויך צװישען אונז אַזעלכע באַרדער, װעלכע גיבען גערעכט דער מיסיס װאַרשעװער.

— זעהר רעכט, — זאָגען די דאָזיגע באַרדער — זעהר רעכט אויף איהר מאַן. מען װאַרפט ניט אװעק אַ װייב אויף אַ גאַנצען זומער אין קאָנטרי און מען קומט באַטש אויף איין פרייטאַג אין חודש!

— אַ יונגע פרוי, שעהן, געזונד, פול מיט לוסט, פול מיט לעבען!

— גיבען צו נאָך איינינגע — זי זעהט, אז צו אַלע פרויען קומען װאָך אין װאָך זייערע מענער. איהר מאַן װיל ניט קומען—דאַרף מען ניט. איז זי קיין נאַר ניט און קומט אוים אָהן איהר מאַן. זעהר גוט!..

און איינינגע האָבען איהר רעכט געגעבען!

חיים און חיה

חיים און חיה, אזוי הייסען זיי. א פּאָאר פאָלק זיינען זיי. עס איז צעהן יאהר נאָך זייער חתונה, און מען קען זאָגען כמעט מיט זיכערהייט, אז פאר די צעהן יאהר פון זייער פערהייראַטהעט לעבען האָט נאָך ניט פּאַסירט קיין איין טאָג, וואָס מאַן און ווייב זאָלען זיין געשיידעט. אימער, אימער איז מען צוזאַמען, דאָס גאַנצע לעבען געפינט מען זיך איינס נעבען צווייטען, אויג אויף אויג.

חיים איז געווען א בחור, וועלכער האָט ניט געקענט קיין לעבען מאכען, ניט קיין אַלטער בחור גראָדע, א גאַנץ געזונדער און ניט קיין מיאוס'ער, נור פערדיענען האָט ער קיינמאָל ניט געקענט.

חיה איז געווען א מיידעל אין די יאהרען, מיט פיינע עטליכע יאהר עלטער פון חיים'ען, צו דעם זעהר ניט קיין שעהנע, דערפאר איז זי געווען א האַרטניצע, ביי פּופצעהן יאהר אָבגעאַרבייט אין די שעפּער, האָט זי געהאַט אָבגעשפּאָרט ביי אכט הונדערט דאָלאר אין קעש, קליידער, אביסעל ציערונג און קידני טראָבעלס.

האָבען זיך בעקאַנטע און לאַנדסלייט אריינגעמישט און צווישען זיי ביידען א שידוך אויסגעפיהרט.

חיים האָט די כלה גלייך ביים ערשטען אָנקוקען שוין זעהר ניט געגליכען. נור אזוי ווי ער האָט זיך אימער ארומגעפלאָגט, זעלטענ־ווען געגעסען א רעכטען מאָהלצייט אויפ'ן אייגענעם רעכנונג, אימער ארומגעשלעפּט זיך אָהן א לאָזשי, האַלב אָבגעריסען, און דאָ האָט ער געזעהן א כלה מיט א פיינע פּאָאר דאָלאר און א פּאַרטיגען פּלאַן צו עפענען עפּעס א סטאָרקע און אָהן קאָפּ־דרעהעניס צו זיין בעזאָרגט מיט חיונה אויפ'ן גאַנצען לעבען, האָט ער אויף דעם שידוך איינ־געוויליגט.

חיה, ווידער, איז אין איהר יונגען, שעהנעם חתן פערקאָכט געוואָרען, גלייך ווי מען האָט איהר איהם נור פאָרגעשטעלט. אמת, זי האָט געוואוסט זיין גרויסען חסרון, אז ער קען קיין לעבען ניט מאכען, נור זי האָט דערפאר ניט געקעהרט. זי האָט געהאַט אין זינען איהרע פּאָאר דאָלאר, און טיעף אין הארצען איז זי נאָך געווען צו־

פריעדען וואָס עס וועט אַזוי אויסקומען, אַז זי וועט דאָ זיין די ברויט־געבערין און ניט איהר צוקינפטיגער מאַן. דיעזע געלעגענהייט האָט אָנגעפילט איהר נשמה עפּעס מיט אַ רוהיגער זיכערהייט פאַר איהר צוקונפט; דאָס האָט איהר אַזוי ווי אַ גאַראַנטיע געגעבען, אַז זי וועט זיין פערזיכערט מיט איהר מאַן.

איינינגע גוטע צינגער האָבען אפילו געפּרובירט אריינמישען זיך און געוואָרענט די אַלטע מויד:

— זעה, זיי פאָרזיכטיג, — האָט מען חיה'ן אין דער שטיל אַ סוד אריינגעמורמעלט — דיינער איז נאָך אַ יונגער סנעקיל, היט זיך מיט דיינע שווער־פערהאָרעוועטע פאַאר דאָלארס... אַזאַ קען עס אריינ־כאַפּען און האַידאַ! געה, כאַפּ איהם!

ביי דער אָרימער אַלטער מויד פלעגט פון אַזאַ מין נביאות אין הארצען זיך אָברייסען. דאָך פלעגט זי פאַסען קוראַזש און פלעגט ענטפערן מיט אַ געמאַכטער געלאַסענהייט:

— נעווער מיינד, פערלאָזט זיך אויף מיר, ס'וועט שוין זיין אַלל־רייט!

אַזוי פלעגט חיה ענטפערן, נור טיעף אין הארצען האָט זי געפּלאַנעוועט איהר צוקינפטיגען פערהייראַטהען לעבען אַזוי צו אַראַנ־זשירען, אַז זי זאָל זיין ווי וויים מעגליך פערזיכערט פון צו בלייבען אַן עגונה, און אויך זאָל זי ניט מורא האָבען אַז עס זאָל פערלאָרען געהען איהרע פאַאר דאָלאַר.

האָבען דיביידע חתונה געהאַט, און גלייך נאָך דער חתונה האָט מען אַ ביזנעס געקויפט, אַ קענדי און טאַבאַק סטאָרקע.

דער געשעפט איז אַזאַ, וואָס צוויי מענשען מוזען איהם אַטענדען און קיין איינער פון די צוויי קען אויף אַ מינוט ניט אָבטרעטען. דאָס האָט די יונגע ווייבעל שוין גוט אויסגעפּאַסט אַזאַ מין ביזנעס צו קריגען. אויך האָט חיה בעוואָרענט זיך, אַז דער געשעפט זאָל זיין אויף איהר נאָמען, און זי האָט וועגען איהר מאַן אַזוי געטראַכט:

— וועסט שוין ביי מיר זיצען, קאָטשיקעל מיינער, ווי אַ געפּענ־טעטער.

און אַזוי ווי חיה האָט געטראַכט, אַזוי איז טאַקע געבליבען. איהר „קאָטשיקעל" איז טאַקע געבליעבען זיצען ווי אַ געפּענטעטער.

און עס איז צעהן יאָהר זינט זיי האָבען די קענדי סטאָר; די

ביזנעס געהט גוט און די צוויי מאכען א פיינעם לעבען. פערנומען זיינען ביידע א גאנצען טאג, זיעבען טעג אין וואך און צוועלף חדשים אין יאהר.

וואהנען וואהנט מען אין א פאאר צימערען היגטער'ן סטאר, איז דאס זעהר בעקוועם; דא איז די ביזנעס, דא וואהנט מען, דא עסט מען, דא שלאפט מען, און עס קומט ניט אוים אז מאן און ווייב זאלען זיין געשיעדען כאטש אויף איין טאג. אימער, אימער איז מען צוזאמען.

און די ווייב פאסט אויף אויף איהר מאן, איינפאך זי פיטערט איהם, גיט איהם עסען פון דאס שעהנסטע און בעסטע. זי איז די יעניגע, וועלכע פאסט אויף אפילו אויף זיינע קליידער; זי קויפט איהם א נייעם סוט, ווען עס קומט די פאסענדע צייט צו דעם, זי טראגט אוועק צום שניידער קלינען און פרעסען איהר מאנ'ס הויזען, דאן ווען זי זעהט אז מען דארף דאס; זי טראגט אוועק זיינע וועש אין לאונדרי — אלעס זי.. אפילו אין זיין שייווען זיך מישט זי זיך אריין: גלייך נאך דער חתונה האט זי פאר איהר יונגען מאן געקויפט א „סייפטי רייזער" מיט אלע מטלטלים, און ער ראזירט זיך ביי איהר אין דער היים.. מישט זי זיך אריין, גרייט צו די זייף פאר איהר מאן, זעהט אז ער זאל אימער האבען ביירום, פוידער, מיט איין ווארט, ער זאל זיך פיהלען בעקוועם און ער זאל ניט קריגען די געלעגענהייט אוועקצולויפען צו א בארבער...

ווענען א העיר־קאט וואלט דאך חיים'ן אבער יא אמאל אויס־געקומען צו געהן צו א בארבער, האט זיך צו זיינע גליקען ארויס־געצייגט, אז חיה איז גאר א רעגעלע ארטיסטקע אין האאר שערען, און ווען איהר מאן קומט אוים צו האבען א העיר־קאט, נעהמט זי איהם אין די הענד אריין און בעשערט איהם ווי א הדס'על.

און חיים איז בעזארגט פון אלע זייטען און זיין גאנץ לעבען איז אזוי ארגאנזשירט אז ער דארף אפילו אן איבריגען טראט ניט טהאן, ער זיצט נור הינטער'ן קאונטער, לייזט געלד און לעגט אין „קעש־דראוער". דאס אלעס!

חיים'ס לעבען וואלט געקענט זיין אן אמת'ער גן־עדן, ליידעט אבער זיין פעטער קערפער פון א צוקער־קראנקהייט, וועלכע איז איהם געקומען פון צופיעל עסען, און דאס מאכט איהם זיין רוהיגען

ארט לעבען אביסעל אונבעקוועם. נור דא קומט טאקע ווייטער חיה און פאסט אויף אזוי, אז איהר חיים זאל זיין קראנקהייט וואס וועניגער פיהלען. דער דאקטאר, וועלכער קומט ווען־ניט־זוען צו איהר קידני טראבעלס, טענדעט שוין פאר איין גאנג חיים׳ס צוקער־קראנקהייט, און עס וואלט געוועזן אלל־רייט, ליידעט אבער חיים׳ס נשמה פון א טיעפער פערבארגענער וואונד, און צו דער צרה קען שוין חיה וועניג וואס העלפען.

חיים טראגט זיך ארום אין די טיעפענים פון זיין נשמה מיט א חלום, וועלכער ווערט קיינמאל ניט מקוים... דער וואונש פון זיין לעבען איז ווען־עס־איז צו פערבלייבען אליין אהן זיין חיה׳ן... כאטש אויף דער קלענסטער צייט, כאטש אויף איין טאג אין לעבען...

ער וואלט אפשר גערן א האלבען לעבען אבגעגעבען, ווען עס זאל זיך איהם מאכען א געלעגענהייט צו עקזיסטירען אויף דער ווייסער וועלט אליין, אהן חיה׳ן. עס דאכט זיך איהם, אז דאס וואלט געוועזן אן אמת׳ער נס, זעהר א גרויס גליק פאר איהם. און דיעזער בענעהר איז געווארען דער זיסער טרוים פון חיים׳ס לעבען.

און עס דוכט זיך חיים׳ען, אז ווען עס זאל זיך איהם מאכען אזא נס, אזא מין גליק, וואלט ער־אפשר משוגע געווארען פאר נחת... ער וואלט גאר א נייע נשמה געקראגען... פליגעל וואלט ער געקראגען, ער וואלט אין דער לופטען געפלויגען... ער וואלט די וועלט איבער־געקעהרט... נור קיין נסים געשעהען ניט... חיה בלייבט אין סטאר... טרעט ניט אב פון איהר מאן אויף א סעקונדע... און ווען חיים וויל אויף איין ווייל כאטש אין דער פאנטאזיע פארשטעלען זיך אליין, אהן חיה׳ן, מוז ער צומאכען די אויגען — דאס איז אלעס וואס ער קען טהאן.

נור איין מאל איז אין חיים׳ס לעבען א גרויס גליק געשעהן... עס איז געוועזן אן אמת׳ער נס... חיה׳ס „קידני טראבעלס" האבען זיך צושפיעלט, זי איז געווארען א פארבייאיגע, גלייך האט די ארימע פרוי געמוזט אן אפעראציאן האבען... און פון דעם נאהענטסטען האספיטאל איז געקומען אן אמבולאנס און מ׳האט חיה׳ן פון איהר קענדי־סטאר ארויסגעטראגען...

ביי חיים׳ען האט פאר גליק שיער דער מוח ניט א הויב געטהאן זיך... ווי א פערדיקטער איז ער ארומגעלאפען איבער׳ן קענדי־סטאר,

איבער די הינטערשטע צימערן... א פערגניגען — ניטא חיה!

און חיים'ס פאנטאזיע האט זיך צושפיעלט... און ער האט גענר־מען מאכען פלענער ווי אזוי צו פערבענגען די ענדליך־דערווארטעטע „וואקיישאן" פון זיין לעבען.

אך, וואס פאר א לוסטיגע פלענער דאס זיינען געווען... און פאר גרוים שמחה האט זיך חיים פערגעסען, אז ער אליין איז אויך ניט מיט אלעמען; ער האט גאר פערגעסען וועגען זיין צוקער־קראנקהייט, פערגעסען האט ער אז ער איז א מענש, וועלכער מוז אויף זיך זעהר אויפפאסען... פערגעסען האט ער אן אלעס... געלאפען אין סאלון, געמאכט א גוטען „לחיים", א זאך וואס ער האט מחמת זיין צוקער־קראנקהייט פאר קיין פאל נישט געטארט טהאן... איז דאס איהם נאך געווען וועניג, האט ער זיך געמאכט אליין א פרעהליכע פאדי, גענומען א פיינטעלע ביער און האט זיך געלאזט וואוילגעהן...

אונגליקליכער חיים!

מיט א פאאר שטונדען שפעטער האט זיך זיין צוקער־קראנקהייט צושפיעלט... ער איז געווארען גאר א חרוב'ער... גוטע שכנים האבען זיך אריינגעמישט, און נאך אמאל איז געקומען דער אמבולאנס פון דעם זעלבען האספיטאל, וואו מען האט חיה'ן צוגענומען, און מען האט פון דער קענדי סטארקע אויף דעם ארימען חיים'ען ארויס־געטראגען.

די קענדי סטארקע האט זיך דערוויל צוגעמאכט.

דריי טעג נאך דער אפעראציע, ווי נור חיה האט געעפענט די אויגען און עטוואס צו זיך געקומען, האט זי געבעטען די האספיטאל־נוירס, מען זאל אנזאגען איהר מאן, אז ער זאל גאר ניט קעהרען פאר די ביזנעס, זאל ער צושליסען דעם סטאר און ער זאל בעסער קומען זיצען נעבען איהר... האט די נוירס חיה'ן געלאזט וויסען, אז איהר מאן איז פערשפארט צו קומען, ווייל ער איז דא אין האספיטאל, און ליעגט טאקע דערביי אויף א בעטעל אין דער אבטהיילונג פון מענער־חולאים...

אויף דער מינוט האט זיך חיה דערשראקען, נור ווען די נוירס האט איהר דערצעהלט ווי אזוי איהר מאן קומט אין האספיטאל, און ווען זי האט דער קראנקער פערזיכערט, אז דער חולה וועט אין גיכען געזונד ווערען און זיי וועלען ביידע צו דערזעלבער צייט קענען ארויס־

נעהן פון האָספּיטאַל, האָט זיך חיה זעהר דערפרעהט, און די קראַנקע איז געוואָרען גאָר ווי א ניי־געבאָרענע.

נאָך דעם זעלבען טאָג איז שוין דער קראַנקער חיים געזעסען נעבען זיין ווייב׳ס בעטעל...

און מאַן און ווייב האָבען דעם זעלבען טאָג פערלאָזען דעם האָספּיטאַל, און אין א מזל׳דיגער שעה האָט זיך ווידער געעפענט די צוגעשלאָסענע קענדי־סטאָרקע.

בעקי און איהר מאן

און ווען בעקי רעדט אזוי, ווערט איהר מאן זעהר שווער אויפ׳ן הארצען, און ער נעהמט זיך פיהלען זעהר, זעהר ניט פרעהליך!

ער איז א מאן, וועלכער איז שטארק פערקאכט אין פרויען! אזוי איז ער לויטער מעלות: שכור׳ט ניט, שפיעלט ניט קיין קארטען, ברענגט אהיים וואך אין וואך די גאנצע ווייזשעס, נור זיין שוואכקייט איז — פרויען!

דערזעהט ער א קליידעל, ווערט ער א פער׳שרפה׳טער. איהר וועט איהם קיינמאל ניט זעהען געהענדיג אין סטריט אליין אהן עפעס א פרוי. אין די מעהרסטע פעלע זעהט איהר איהם מיט צוויי ווייבער ביי ביידע זייטען, און ווען איהר טרעפט איהם יא אן אנדערס מאל אהן א פרוי ביי דער זייט, איילט ער זיך דאס וואהרשיינליך מיט א וויזיט צו א פרוי.

ווען ער געהט אריין אויף א ווייל אין א רעסטאראנט, וועט ער זיך צוזעצען נור ביי אזא טישעל, וואו עס זיצען א פאר ווייבער. אהן א פרוי איז איהם דאס לעבען ניט ניחא — אזא מענש איז ער!

פאר זיין אייגענער ווייב סטארעט ער זיך מאכען דעם איינדרוק, אז ניט ער לויפט נאך די פרויען, נור פרויען לויפען איהם נאך, און ער האט אפט ליעב צו בעריהמען זיך, אז ער איז ביי פרויען א גרויסער ליעבלינג.

— דו הערסט, בעקי, — זאגט ער צו זיין פרוי — זיינען די פרויען כאלעריעס: דערזעהען זיי א מאן, וואלטען זיי זיך אויף איהם אויפ־געהאנגען.

— וואס איז? — פרעגט בעקי.

— די מיסס לענטוך... נעכטען האב איך זיך מיט איהר בעגעגענט, האט זי גאר פון מיר ניט געוואלט אבטרעטען.

— די מיסס לענטוך לויפט נאך יעדען איינעם... — ענטפערט בעקי, און מאכט איהר מאן פאר א קנאפער אויסנאהמע.

— און די מיסס פרידקין, — בעריהמט זיך ווייטער דער מאן — ווען זי דערזעהט מיך, בעט זי מיך איך זאל צו איהר ארויפקומען.

— און געהסטו צו איהר? — פרעגט בעקי.

— זאָל איך קריינקען! — שווערט אָב דער מאַן.

— ווען די מיסס פרידקין וואָלט דיין ווייב געווען, און געזעהען וואָס פאַר א סחורה דו ביזט, וואָלט זי פון דיר שוין וועניגער געהאַל־טען... — שלאָגט ארונטער די פּרוי דעם מאַן'ס פּליגלען.

נור דעם מאַן אַרט עס ניט, און ער בעריהמט זיך ווייטער:

— און נעכטען, אויפ'ן קאָנצערט און באַל, איז די מיסס גראבלען צוגעשטאַנען צו מיר, ניט געקענט האָב איך פון איהר אָבטשעפּען זיך, ארומגענומען מיך און כסדר געוואָלט קושען מיך.

און דאָ האָלט שוין בעקי ניט אויס, איהר גוטמוטהיגער געדולד־פּלאַצט, איהרע אויגען צינדען זיך אָן, דער פּנים פלאַמט אויף און זי נעהמט אוועקלעגען לשון:

— הער נור, מיין מאַנדעלע, וואָס מיינסטו וואָס? ווען איך זאָל וועלען, קען איך ניט קריגען ווער עס זאָל מיר נאָכלויפען?

— אפשר... — ענטפערט דער מאַן מיט א שוואַכער שטימע, און ער נעהמט זיך פיהלען עפּעס אונרוהיג.

און בעקי רעדט ווייטער:

— לאָמיך נור אריינלאָזען זיך אין אזעלכע זאכען קען איך קריגען געננוג מענער, מעהר ווי איך דאַרף.

בעקי'ס שטימע קלינגט אָב ווי א „סטראַשונאַק", און ביי איהר מאַן אויפ'ן הארצען ווערט אַלץ שווערער און שווערער.

— יעס, וואַרום ניט. א מאַן קען יעדע פרוי קריעגען, ווען זי וויל נור... — ענטפערט בעקי'ס מאַן, און מען קען זעהען אז דעם מענ־שען פּערדריסט אויף דעם, וואָס דער געשפּרעך האָט זיך אין גאַנצען אָנגעפאַנגען, נור בעקי קען שוין אזוי שנעל ניט איינשטילען זיך און זי רעדט ווייטער:

— איך קען קריעגען מענער מעהר פון דיינע אַלע מיידלעך, און איך וועל זיך ניט דארפען דראַפּען אויף די גלייכע ווענד אזוי ווי דו טהוסט דאָס, מיין מאַנדעלע.

און בעקי'ס מאַן דערזעהט זיין ווייב גאָר אין א ניי ליכט. ער זעהט, אז זי איז ווירקליך זעהר אינטערעסאַנט. ער פּערקוקט זיך אויף איהרע האַלב־נאַקעטע, רונדע, שעהנע אָרעמס, אויף דער קלאָרער שטיקעל ברוסט, וועלכע זעהט זיך ארויס פון דער אָבגעשפּילעטער

ווייסטעל, און ער טראַכט ביי זיך: „ביי אַ פרעמדען מאַן וואָלטען דאָך די אויגען ארויסגעקראָכען, ווען ער זאָל דערזעהן אזא זאַך...“

* * *

בעקי'ס מאַן בעגרייפט דעם טרויעריגען אמת פון זיין ווייב'ס ווערטער און ער טהוט ווילענדיג ניט־ווילענדיג אַ טראַכט: וואָס וואָלט טאקע געווען ווען זיין בעקי זאָל אזוי נאָכלויפען נאָך מענער, ווי ער לויפט נאָך ווייבער?

און בעקי'ס מאַן קומען ארויף אויף די געדאַנקען אזעלכע בילדער, וועלכע מאַכען איהם זעהר, זעהר שווער אויפ'ן הארצען.

בעקי'ס מאַן איז זיכער, אז זיין ווייב וועט מאַראַליש קיינמאָל ניט זינקען אזוי ווי ער איז געזונקען. טיעף אין הארצען בעגרייפט ער אז ער זעלבסט איז אַ פיעל ניעדריגערע בעשעפעניס פון זיין פרוי, און דיעזע זיכערהייט בערוהיגט איהם. נור דאָך, ווען בעקי רעדט אזוי, פיהלט ער זיך זעהר, זעהר ניט יום־טוב'דיג...

מיין ערשטע גנבה

אויף וויפיעל איך קען זיך עראינערען איז דאס געווען מיין ערשטע גנבה, אבער מיין פערברעכען האט מיך געקאסט אזוי פיעל הארץ־קלאפעניש, אזוי פיעל שרעק — און נאך אלעמען האט זיך פון דער גאנצער מעשה אויסגעלאזען אזא מין נארישער, אזא מין לעבערליכער סוף, דאס איך בין כמעט ווי זיכער, אז מיין ערשטע גנבה וועט אויך זיין די לעצטע און איך וועל שוין אין מיינע וויטערע יאהרען קיין גנב ניט זיין!

גע׳גנב׳עט האב איך א גוטען, אמת־זיידענעם אמברעלא. נור הפנים עס איז דאך אן אמת וואס מען זאגט, אז א מענש אהן מזל זאל גאר אויף דער וויסער וועלט ניט געבארען ווערען!

פערפאלען! אפילו צו גנבה דארף מען האבען מזל, און האט מען קיין מזל ניט איז זעהר, זעהר שלעכט!

אט, אדרבא, הערט וואס מיט מיר האט פאסירט, מיט מיר, דעם שלים־מזל פון שלים־מזל־לאנד!

מיין גאנץ לעבען, זייט איך געדענק מיך אלס שטיקעל מענש, האב איך געהאט גרויסע צרות פון דעם, וואס איך פלעג האלטען אין איין פערליערען מיינע אמברעלאס: ענטוועדער איך פלעג זיי וואו־עס־איז פערגעסען, אדער מען פלעגט זיי ביי מיר פשוט גנב׳ענען. און אפט פלעגט די גנבה פארקומען אזוי פרעך, מיט אזוי פיעל חוצפה, אז איך פלעג ווערען באמת אן אויפגערעגטער; מען פלעגט ביי מיר מיינע אמברעלאס ממש פון די הענד ארויסרייסען! אט, דאכט זיך, איז מיין אמברעלא געשטאנען נעבען מיר, נור האב איך זיך אויף א מינוט אבגעקעהרט, שוין! אוים אמברעלא! אזוי ווי שדים וואלטען מיט מיר להכעים געפיהרט.

פלעג איך דאך אן אנדערם מאל ארוים פון די כלים און מאכען געוואלדען:

— גנבים! באנדיטען!

פלעגט מען מיך אנקוקען מיט א געלעכטער, עפעס אזוי ווי אן אמברעלא וואלט געווען א הפקר־זאך.

נו, קיין איבריגער נגיד בין איך קיינמאל ניט געווען. דער ביליג־סטער אמברעלא, וועלכען אן אנשטענדיגער מענש קען נור אין האנד נעהמען, קאסט אם ווענינסטען א דאלאר, און די לענגסטע צייט וואס אן אמברעלא פלעגט זיך ביי מיר האלטען, איז געווען א פאאר וואכען. האב איך טאקע אזא נסיון לאנג ניט געקענט אויסהאלטען. און מיין ווייב, זאל לעבען, האט מיר איין מאל פאר אלע מאל פערבאטען צו קויפען פאר זיך אן אמברעלא.

— אוים אמברעלאס! — האט מיין שפרה ארויסגעגעבען א גזרה — אוים, א סוף זאל זיין, איך בין ניט מחויב צו בעזארגען די וועלט מיט אמברעלאס!

כאטש איך האב געפיהלט, אז מיין פרוי האט רעכט, פון דעסט־וועגען האב איך זיך געפרואווט האמפערען:

—אבער ווי קען מען אויסקומען אהן אן אמברעלא? ווי טהוט מען אז עס גיסט א רעגען?

— זיצט מען אין דער היים! — ענטפערט מיר מיין שפרה.

— און ווען עס פאלט אבער אוים, אז מען איז גראדע בשעת מעשה ניט אין דער היים, נור דרויסען; אדער אז עס טרעפט דאס מען מוז געהען אין רעגען און מען קען ניט בלייבען זיצען אין דער היים? — פרעג איך מיין ווייב קלאץ־קשיות.

— ביזט ניט פון צוקער געמאכט, וועסט ניט צוגעהן... — האט מיין פרוי ארויסגעגעבען איהר לעצטען פסק־דין.

און עס איז טאקע געבליעבען אזוי, ווי מיין שפרה האט גע־פסק'ענט. א לאנגע צייט איז ביי אונז אין הויז ניט געווען קיין געדעכעניש פון אן אמברעלא. אוים אמברעלא, אזוי ווי אויף דער וועלט ניט געווען!

עס האט אפילו געטראפען שעהנע עטליכע מאל, אז א רעגען פלעגט מיך „כאפען" און איך פלעג קומען אהיים א צוואווייקטער ביז דעם מארך פון די ביינער, נו, גארנישט, האב איך געליטען בשעת מעשה; בשעת דער רעגען פלעגט מיך יווייקען, פלעג איך טאקע זיין גוט אין כעס אויף מיין ווייב, אבער אז איך פלעג קומען אהיים און פלעג זיך אביסעל אויסטריקענען און פלעג זיך דערמאנען, אז איך האב קיין אמברעלא ניט פערלארען, און אז קיינער אין דער וועלט האט ניט געהאט קיין „שאו" מיך צו בע'גנב'ענען, פלעג איך אט פון די

מחשבות פיהלען אזוי גוט אויפ'ן הארצען, דאס איך פלעג באמת צו־פריעדען זיין מיט מיין ווייב'ס „אנטי־אמברעלא־פאליטיק“.

ויהי היום, עס איז אויסגעפאלען א יום טוב און איך האב זיך לכבוד דעם דאזיגען יום טוב אויסגעפוצט אין אלעם פון דאס ניי: א נייעם סוט, א נייע העט און אפילו נייע שיך האב איך זיך געקויפט.

מיין פרוי האט אנגעקוואלען פון נחת ווען זי האט מיך אנגעקוקט.

— וואס קליידער זיינען, — שפיגעלט זיך מיט מיר מיין שפרה — קוקסט אויס א גאנצער מענש.

און מיר איז גוט אויפ'ן הארצען און איך ווער צושמאלצען פון נחת.

— ביזט גאר ניט מעהר „סוטולעוואט“. — וואונדערט זיך מיין שפרה — דער גאנצער גוף האט זיך ביי דיר גאר ווי אויסגעגליכען.

און מיר איז גוט ווי די וועלט!

געוואלט האב איך זאגען, אויפ'ן שפיץ צונג זיינען מיר געלעגען די ווערטער:

— אן אמברעלא! ווי האט מען ניט אן אמברעלא, ווען מען איז אנגעטהאן אין אלעם פון דאס ניי!

נור עס האט זיך מיר ניט געוואלט צושטערען מיין שפרה'ס גוטע שטימונג און איך האב ווענגען אן אמברעלא א ווארט ניט דערמאנט.

בין איך אבער אן אונגליקליכער מענש... געה איך מיר ארויס שפאציערען, פערגעה העט, העט וואו ווייט — אז עס הייבט ניט אן צו גיסען א מבול, און איך ווער דורכגענעצט ביז די ביינער, און פון מיין נייער העט קריכט אראב די שווארצע פארב און פערשווארצט מיר דעם פנים, און מיין נייער סוט — וועה וואס עס איז געווארען פון איהם! און מיינע נייע שיך האבען זיך עפעס אזוי איינגעצויגען און איינגעגעסען זיך אין די פינגער פון די פיס, אז איך האב דערפיהלט יסורים שמע ישראל צו שרייען!

און ווען איך בין געקומען אהיים, און ווען מיין שפרה האט דערזעהן דעם שעהנעם סוף וואס איז געווארען פון מיר און פון מיינע אלע נייע חפצים, האט די ארעמע נור געוואלט דעם לעבען זיך נעהמען.

איהר דארפט דאך פערשטעהן, אז עס איז מיר געווען זעהר ניט־יום־טוב'דיג אויפ'ן הארצען. נור ווען איך האב געזעהן דעם צער

פון מיין אָרעמער פרוי, האָב איך, ווי איהר זעהט מיך לעבען, וועגען זיך פערגעסען.

טאַטע אין הימעל, ווי די פרוי האָט זיך געערגערט, ס'איז געווען א גאָט'ס רחמנות דעם אָרעמען נפש אָנצוקוקען!

אָבער פון דעם גרעסטען אונגליק לאָזט זיך מאנכעס מאָל אויס גאָר א טובה...

אויף מאָרגען פריה איז מיין שפרה אַליין אוועק אין א סטאָר און געקויפט אַן אָמברעלאַ פאַר מיר. נור ווען מיין ווייב האָט מיר דערלאַנגט איהר מתנה, האָט זי מיר דערביי אָבגעשפּראָכען א פיינע עין הרע:

— נא דיר אַן אָמברעלאַ, — זאָגט זי צו מיר, און עס צופלאַמען זיך איהר די אויגען ווי צוויי גליהענדע קויהלען — נא, אָט האָסטו דיר ווייטער אַן אָמברעלאַ, אָבער הער נור פליאַגע, אונגליק: א צרה ועט זיין צו דיין קאָפּ, ווען מיט אָט דעם אָמברעלא וועט עפּעס פּאַסירען! בעסער זאָלסטו שוין אהיים ניט קומען, אויב דו וועסט אָט דעם אָמברעלאַ וואו פערליערען. געדענק, היט איהם ווי דיין נשמה!

דארפט איהר שוין פערשטעהן, ווי איך האָב דעם אָמברעלאַ אָבגעהיט. ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פון מיין אויג האָב איך מיין ווייב'ס מתנה טהייער געהאַלטען...

ווען איך פלעג נור אַרויסגעהן מיט מיין לעצטען אָמברעלאַ, פלעג איך דעם חפץ אזוי פעסט האַלטען אין האַנד, עפּעס אזוי ווי די גאַנצע וועלט וואָלט נור געהאַלטען אין זינען מיך צו בע'גנב'ענען פון מיין שפרה'ס מתנה. ווען איך פלעג געהן מיט מיין אָמברעלאַ, פלעג איך מורא האָבען צו טראַכטען וועגען עפּעס, איך זאָל זיך חלילה ניט פערטראַכטען און אַרויסלאָזען פון די געדאַנקען מיין אָמברעלאַ און, בעהיט גאָט, איהם וואו פערגעסען.

ווען איך פלעג וואו־עס איז אַריינקומען, פלעגט מען ביי מיר פאַר קיין פאַל ניט קענען פּועל'ן, אז איך זאָל מיין אָמברעלאַ פון האַנד אַרויסלאָזען... איך בין נור געזעסען מיט מיין אָמברעלאַ אין האַנד... און האָט צו מיר אימיצער גערעדט, פלעג איך מעהר קוקען אויף מיין אָמברעלאַ, ווי אויף דעם רעדנער.

בקיצור, איך האָב אזוי געציטערט פאַר מיין אָמברעלאַ, אז אמאָל

פלעגט זיך מיר דאכטען דאס איך לייד פון אזא מין „חאלאניעס“, וועלכע מען האט געקענט אנרופען: „אמברעלאפאביע“.

איין מאל, אין א רעגענדיגען טאג, געה איך מיר ארויס דרויסען, נאטירליך מיט מיין אמברעלא אין האנד, און עס קומט אויס צו פער־געהן אין א רעסטאראן. איך האב זיך געזעצט ביי א טישעל, גע־ארדערט פאר זיך א טאסע קאפע, און מיין אמברעלא, ווי געוועהנליך, לאז איך פון האנד ניט ארויס. קומט צו מיר א וויטער און צייגט מיר אן זעהר העפליך אויף א געוויסען קארנער, וואו די בעזוכער שטעלען אוועק זייערע אמברעלאס. איך האב נאטירליך פערשטאנען וואס דער העפליכער וויטער מיינט מיט זיין וואונק, און איך האב ווילענדיג ניט־ווילענדיג מיין אמברעלא געמוזט אוועקשטעלען אין יענעם קארנער, וואו עס זיינען געשטאנען איינינע אנדערע אמברלאס.

געדרעכענט האב איך פערברענגען אין רעסטאראן א היבשע ווייל, נור מחמת איך האב ניט געהאלטען דעם אמברעלא אין מיין האנד, האב איך זיך געפיהלט זעהר אונרוהיג. אמת, איך האב די אויגען ניט ארונטערגענומען פון מיין שפרה׳ם מתנה, און יעדעס מאל, ווען איינער פון די בעזוכער פון רעסטאראן פלעגט דארפען אוועקגעהן און פלעגט צוגעהן אין ווינקעל נעהמען אן אמברעלא, פלעג איך זיך אויף אויפהייבען פון מיין ארט, אויך צוגעהן צום ווינקעל, וואו די אמברעלאס זיינען געשטאנען, און שוין אכטונג געבען אז מיר זאל קיין בייז ניט געשעהען. פון דעסטוועגען האב איך שוין אין דעם דאזיגען רעסטא־ראן ניט געקענט איינזיצען, איך האב זיך געפיהלט עפעס ניט זיכער, אזוי ווי דאס הארץ וואלט מיר געזאגט, אז מיך ערווארטעט אן אונגליק און ווי נור איך האב אויסגעטרונקען מיין קאפע און בעצאהלט מיין ביל, הויב איך זיך אויף צו געהן אהיים.

שטעלט זיך פאר מיין שרעק, ווען איך געה צו נעהמען מיין אמברעלא און איך דערזעה אז — אוים אמברעלא!

פינסטער איז מיר אין די אויגען געווארען!

איין אמברעלא איז אין ווינקעל יא פערבליעבען, אבער, דאס איז געוועזען ניט מיינער. די הענטעל פונ׳ם אמברעלא איז אפילו געוועזען שטארק עהנליך צו דער הענטעל פון מיין אמברעלא... עהנליך יא, אבער דאך ניט מיינער. מיין אמברעלא איז געוועזען אן איינפאכער, א

דאָלאַרדיגער חפץ, וועהרענד דאָ איז געשטאַנען אַ גוטער, אַן אמת־זיידענער אַמברעלאַ.

איך האָב אַ טראַכט געטהאָן: פּיליכט האָט אימיצער געמאַכט אַ מיסטייק און פערביטען זיך מיט מיר די אַמברעלאַס, און איך האָב שוין געוואָלט יוענדען זיך צו די וויטערס פון רעסטאָראַן מיט פּראַגען, אפשר ווייס אימיצער פון זיי ווער עס האָט דעם מיסטייק געמאַכט. נור גלייך האָט מיר איבער'ן הארצען אַ קלאַפּ געטהאָן אַ שרעק — צי וועל איך צומאָל מיט מיינע פראַגען ניט ערגער מאַכען? פּיליכט בעלאַנגט דער איבערגעבליעבענער אַמברעלאַ צו אימיצען דאָ אין רעסטאָראַן, און מיין אַמברעלאַ האָט מען טאַקע צוגענומען.. און אַזוי טראַכטענדיג בין איך געבליעבען שטעהן אַ פּערלאָרענער...

איך בין אין גאַנצען בעהערשט געוואָרען פון אַ פערלאַנג צו נעהמען דעם איבערגעבליעבענעם אַמברעלאַ, דאָס הייסט, איך בין געוועזן מוכן ומזומן צו בעגעהן אַ גנבה.

מאָראַליש האָב איך זיך געפיהלט בערעכטיגט אַזאַ גנבה צו בעגעהן. מיין געוויסען וואָלט איין האָאר ניט געליטען ווען איך זאָל אפילו צו'גנב'ענען פופציג אַמברעלאַס, פערקעהרט, איך וואָלט זיך געפיהלט גליקליך, ווען איך וואָלט אַזעלכע גנבות געקענט בעגעהן — גנב'ענען אַמברעלאַס און פון זיי גאָר קיין געברויך ניט מאַכען, צו־שענקען זיי, צוברעכען, צורייסען, אַבי צונעהמען פרעמדע אַמברעלאַס, אַזוי ווי מען האָט תמיד ביי מיר גענומען. איך האָב געפיהלט, אַז אַזעלכע גנבות וואָלטען מיר אַ שטיק געזונד צוגעגעבען. אדרבא, זאָלען אנדערע אויך פיהלען ווי גוט עס איז צו פערליערען יעדע ווילע אַן אַמברעלאַ... מיין גאַנצע הארץ, מיין גאַנצע נשמה האָט מיר געהייסען צונעהמען דעם זיידענעם אַמברעלאַ, נעבען וועלכען איך בין געשטאַנען... נור וועלען גנב'ענען און טאַקע גנב'ענען זיינען צוויי בעזונדערע זאַכען.

ווען איך האָב זיך געוואָלט צוריהרען צו דעם אַמברעלאַ, וועלכען איך האָב מיט מיינע מחשבות בעשלאָסען צו גנב'ענען, זיינען מיינע הענד ווי פּאַראַליזירט געוואָרען; זיי האָבען זיך ניט געקענט ריהרען, עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטען צום קערפּער צוגעוואַקסען... די אויגען האָבען מיר ברענען גענומען, דער קאָפּ שווינדלען, עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט שטאַרק שכור געוועזן. ווען איך האָב דעם אַמברעלאַ אין האַנד

גענומען, האָט מיך אַ וואָרף געטהאָן אין אַ קעלט, און איך האָב דורכ־געפיהלט דעם אמת'ען טעם פון אימת מות... מיר האָט זיך געדאכט, אַלע אין רעסטאָראַן קוקען אויף מיר... מיר האָט זיך געדאכט, אז מען לויפט צו מיר צו, מען כאַפּט מיך אָן פאַר'ן קאָלנער:

— מיסטער, דאָס איז ניט אייער אַמברעלאַ...

— איהר זייט אַ גנב, מיסטער!

מיר האָט זיך געדאכט, מען וואַרפט זיך אויף מיר ארויף, מען שלאָגט מיך, מען נהרג'ט מיך; איך האָב געפיהלט ווי די בלוט שלאָגט מיר אין די שלייפען, מיין גאַנצער פנים האָט זיך מיט אַ פלאַם אָנגעצונדען... אויפ'ן שטערען איז מיר אַ שוויים ארויסגעקומען, און אַלע אברים האָבען מיר געציטערט און געוואָרפען.

ווי אזוי איך האָב דעם אַמברעלאַ צוגענומען, ווי אזוי ביי מיר האָט געכאַפּט קרעפטען פון רעסטאָראַן ארויסצוגעהן, קען איך עד היום ניט בעגרייפען. עפּעס דאכט זיך מיר, אז איך האָב מיין בעוואוסטזיין פערלאָרען ווען איך האָב די גנבה בעגאַנגען... און געקומען צו זיך בין איך ערשט דאַן, ווען איך בין שוין דרויסען געווען, עטליכע בלאָק ווייט פון דעם פערלאָזענעם רעסטאָראַן.

איך האָב זיך ארומגעקוקט מיט אַ פערשטיקטען אָטהעם... מיר האָט זיך געדאכט, איך וועל דערזעהן ווי מען לויפט מיר נאָך; מיר האָט זיך געדאכט, איך וועל באַלד דערהערען געשרייען:

— כאַפּט אַ גנב...

— מיסטער, איהר האָט אָן אַמברעלאַ גע'גנב'עט...

עס האָט מיר געקלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן פאַר שרעק און אויפ־רעגונג...

נור אָט איז שוין די גאַס, וואו איך וואוין. אָט איז אונזער הויז. איך האָב זיך אביסעל בערוהיגט, דעם אָטהעם אָבגעכאַפּט... און פּלוצ־לינג האָט מיך בעהערשט אַ פרייד, אָן אמת'ע שמחה, דערפאַר וואָס איך האָב די גנבה בעגאַנגען. עס איז מיר געוואָרען רוהיג און גוט אויפ'ן הארצען. איך האָב געפיהלט, עפּעס אזוי ווי איך וואָלט נקמה גענומען פון עפּעס אַ שונא, וועלכער האָט מיך אַ לאַנגע צייט גע־רודפ'ט און געפּלאַגט.

איך האָב בעטראַכט מיין גנבה... אַ גוטער, אָן אמת־זיידענער

אַמברעלא, און מיר איז אויפ׳ן הארצען געוואָרען אלץ פרייער און בעסער.

נור אַט האָט מיר א קלאַפּ געטהאָן א שווערער געדאַנק: אפשר פאָלגען מיר נאָך דעטעקטיוום... זיי וואַרטען אָב ביז איך וועל אין הויז אריין. דאָ וועט מען מיך פּאַקען, מען וועט מיך אַרעסטירען. מען וועט זוכען אין מיין הויז נאָך אַנדערע גנבות... מיין צושראָקענע, אויפ־געדעגטע פאַנטאַזיע האָט מיר פאָרגעשטעלט א שוידערליך בילד... דער טויט־שרעק פון מיין פרוי, דער יאָמער פון מיינע קליינע קינדער־לעך... שכנים וועלען זיך אָנלויפען...

מיר איז אַרויף א געדאַנק — אריין אין א האָלל פון א צווייטער הויז, פערשליידערען דעם אַמברעלא און דורך די הינטערשטע הויפען אריינ׳גנב׳ענען זיך צו זיך אין הויז... איך האָב ווידער גענומען ציטערען פאַר שרעק.

ענדליך בין איך מעהר טויט ווי לעבעדיג אריינגעפאַלען צו זיך אין הויז.

עס איז געווען פינסטער. אַלע ביי אונז זיינען געשלאָפען.

א ווײַלע בין איך געבליעבען שטעהן אָהן אָטהעם.

דער בעוואוסטזיין, אז איך בין ביי זיך אין דער היים; די פינסטערנים און די ארומיגע שטילקייט האָט מיך בערוהיגט: איך האָב אין א ווינקעל אוועקגעשטעלט מיין גנבה און אָנגעצונדען פייער אין הויז... מיינע בליקען זיינען גלייך געפאַלען אויף נאָך אַן אַמברעלא, וועלכער איז געהאַנגען אויף א הענטעל פון א טהיר... איך בין מיט האַסט צוגעלאָפען צום טיהר — מיין אַמברעלא!

מיין אַמברעלא, מיין שפרה׳ס מתנה!

איך גלויב מיינע אויגען ניט. איך נעהם דעם אַמברעלא אין האַנד, בעטראַכט איהם אויפמערקזאַם!... מיין אייגענער אַמברעלא!

איך בין געבליעבען שטעהן ווי א צומישטער. מיין מח האָט אויף דער ערשטער מינוט עפּעס גאָר ניט געקענט בעגרייפען וואָס מיט מיר קומט פאָר.

מיין שפרה איז ארויסגעקומען פון בעדרום.

— פּליאַגע, האָסטו געבראַכט די סאָקאָלאָוו׳ס אַמברעלא? — פרעגט מיך מיין פרוי און גענעצט פערשלאָפען.

— די סאַקאַלאָוו'ס אַמברעלא? — קוק איך אָן מיין פרוי און בעגרייף ניט וואָס זי פרעגט.

— שלים־מזל! אנשטאט אונזער אַמברעלא, האָסטו דאָך פער־שלעפט די סאַקאַלאָוו'ס אַמברעלא...

— סאַקאַלאָוו'ס אַמברעלא?

— געווים, מיסטער סאַקאַלאָוו האָט דאָ זיין אַמברעלא פערגעסען. א גוטער, א זיידענער אַמברעלא, האָסטו צוריקגעבראַכט? אונגליק!

מיין פרוי האָט עפּעס נאָך געוואָלט רעדען, נור זי האָט דערזעהן די „גנבה", וועלכע איך האָב געבראַכט. זי האָט בעטראַכט דעם געבראַכטען אַמברעלא, הפּנים איבערציינגט זיך, אז דאָס איז די סאַקאַלאָוו'ס אַמברעלא, וועלכען איך האָב אין א מיסטייק פאַר מיין אייגענעם אַנגענומען, און שפּרה איז צוריק אוועק שלאָפען.

עס האָט ניט לאַנג גענומען ביז איך האָב פערשטאַנען, אז איך האָב אין רעסטאָראַנט טאַקע צוגענומען מיין אייגענעם אַמברעלא, אָדער בעסער געזאָגט, דעם אַמברעלא פון די סאַקאַלאָוו'ס, פון אונ־זערע שכנים פון אפּ־סטערז, וועלכען איך האָב אין א מיסטייק אַנגענו־מען אַלס מיינעם, ווען איך בין פון הויז אַרויס, און וועלכען איך האָב אין רעסטאָראַן ניט דערקענט.

איך האָב נאַטירליך איינגעזעהן, אז אין רעסטאָראַן האָב איך זיך זעלבסט בע'גנב'עט און איך האָב געפיהלט אזוי ווי אויסשיסען אין א געלעכטער אויף מיין אייגענעם חשבון.

— רבונו של עולם! — האָב איך א גאַנצע נאַכט ניט געקענט איינשלאָפען און צו זיך אליין גערעדט — ניט שוין־זשע פיהלט יעדער איינער, אזוי ווי איך האָב געפיהלט ביים גנב'ענען אן אמברעלא? עס קאָסט דאָך א האַלבען לעבען....

און טראַכטענדיג וועגען מיין ערפאַהרונג האָב איך פון אמת'ען הארצען מוחל געווען די יעניגע גנבים, וועלכע האָבען ביי מיר אזוי פיעל אַמברעלאַס צוגענומען.

דאָס איז געווען מיין ערשטע גנבה, און לויט דעם שרעק, וואָס איך האָב געהאַט, בין איך זיך משער אז איך וועל שוין קיין גנב קיינ־מאָל ניט זיין.

די פופציג יעהריגע בעפרייאונג

סצענע אין איין אקט.

פערזאנען:

משה דלותים, אן ארבייטער, אלט פופציג יאהר.
שרה, זיין פרוי, די זעלבע יאהרען.
לייבע, זייער איינציגער זוהן, אלט פיער און צוואנציג, פער־לארען א האנד דורך אן עקסידענט אין א פעקטארי, בעשעפטיגט זיך יעצט מיט געבען לעסאנס אין ענגליש און פערדיענט א קרענק.
די סצענע קומט פאר ביי משה'ן אין הויז.

ערשטער אויפטריט.

שרה (גרייטענדיג דעם טיש). עס איז שוין האלב נאך צוועלף און מיין אלטער איז עפעס ניטא פון שאפ (פאוזע). וואס קען עס בעדייטען? נור איך האב זיך גאר פערגעסען. דער באס זיינער ווערט דאך אלט היינט פופציג יאהר, ער האט דאך דורכ'ן פארמאן צוגעזאגט עפעס א ישועה פאר די ארבייטער, אפשר דערפאר זאמט זיך מיין מאן, אפשר שענקט מען זיי דארטען מתנות, כאטש מיר גלויבט זיך עפעס ניט אויף דעם באס, אז ער זאל עפעס גוטס טהאן. א צורר היהודים איז ער א גרויסער... שטענדיג שניידט ער די ווייזשעס, דאס איז אלעס וואס מען זעהט פון איהם. (פאוזע). נור עס קען זיין, ווייל ער ווערט היינט פופציג יאהר אלט, וועלען אפשר די ארבייטער אויך געניסען דערפון.

צווייטער אויפטריט.

לייבע. דער טאטע איז נאך ניטא צו דינער?
שרה. ניטא, און איך וויים ניט וואס דאס קען זיין.
לייבע. מאמע, זאל איך געהן אין שאפ אריין?

שרה. איך ווייס, עס קען זיין, ווייל היינט איז דאַרטען אין שאפ עפּעס א „יאַנטעף“.

לייבע. א יום־טוב? וואָס איז, וואָס?

שרה. דו ווייסט גאַר ניט, לייבעלע, אז דער באַס ווערט אַלט פופציג יאָהר? דער טאַטע האָט דאָך דיר שוין דערצעהלט, אז די אר־בייטער ווארטען עפּעס אויף מתנות.

לייבע. אָה, היינט איז דאָס, איך האָב גאַר פערגעסען.

שרה. נו, וואָס זאָגסטו, לייבעלע, וועלען די ארבייטער קריע־גען עפּעס רעכטס פון דעם באָס לכבוד דעם יום־טוב?

לייבע. דו ווייסט דאָך, מאַמאַ, וויפיעל איך האַלט פון די באָסעס גוטסקייט.

שרה (אריינקוקענדיג אין פענסטער). אָבער שאַ, אָן לויפט דער טאַטע.

דריטער אויפטריט: משה דלותים.

שרה (צו משה'ן). נו, וואָס עפּעס אזוי שפּעט?

משה (צו שרה'ן). דו ווייסט דאָך, אז דער באָס ווערט היינט אַלט פופציג יאָהר.

לייבע (צום פאָטער). נו? נו?

משה. נו, האָט ער געמעגט איינגעהמען א מיתה משונה נאָך אין דער מאַמע'ס בויך!

שרה (מיט שרעק). וועה איז מיר, וואָס איז געשעהן? געריסען די ווייזשעם?

משה. ער האַלט בעסער אין גאַנצען ביים סעקען.

לייבע (אונרוהיג). סעקען? פאַר וואָס? פאַר ווען?

משה. זייט רוהיג, עס איז נאָך דאָ א האָפנונג, איך האָב קיין צייט ניט, אָבער איך וועל אין קורצען אלץ דערצעהלען.

שרה (צו משה'ן). אָבער דערצעהל, דערצעהל שוין.

משה (זעצט זיך אוועק). אַלזאָ, דינער־טיים איז אראָב צו אונז דער פאָרמאַן, האָט אויפגעהויבען די האַנד און געהייסען שווייגען, זיינען מיר אלע שטיל געבליבען. נאָכהער האָט ער געהייסען, אז מען זאָל דריי מאָל אויסשרייען „הורריי“ פאַר דעם באָס'ס געזונד, ביקאָז ער איז היינט אַלט געוואָרען פופציג יאָהר. האָבען מיר אלע געשריען

אזוי, אז דער שאפ האט זיך געהויבען. נו, נאכהער האט עפעס דער פארמאן גענומען צוטהיילען די ארבייטער, יונגע בעזונדער, און אלטע בעזונדער. מיר קוקען און פערשטעהן ניט וואס דאס איז. די אינגערע ארבייטער האט מען דערווייל געהייסען געהן עסען דינער, און אונז עלטערע האט מען ארויפגערופען אפסטערז.

ש ר ה (שלאגט איבער). אפסטערז, איז אפסטערז, דערצעהל אבער שנעלער.

מ ש ה. דא האט זיך דער באס אליין אוועקגעשטעלט און גענומען האלטען א „ספיטש“:

— א שאנדע — האט ער גענומען רעדען — אז אזעלכע אלטע מענער ווי מיר, זאלען דארפען זיצען אין שאפ און ארבייטען, און אז דאס איז זעהר אונגערעכט. און אז אן ארבייטער, ווען ער ווערט פופציג יאהר אלט, דארף ער זיך שוין אויסרוהען. אלזא, און אזוי ווי ביי איהם איז א גרויסער יום־טוב היינט, ביקאז ער ווערט פופציג יאהר אלט, דערפאר געהט ער היינט בעפרייען אלע אלטע הענד. פון אנהויב האבען מיר עפעס ניט פערשטאנען, וואס דא טהוט זיך, און מיר אלטע חמורים האבען דאס גענומען שרייען „בראוואָ“ און „הורריי“, אז דער שאפ האט זיך געהויבען, אבער נאכהער איז צו אונז צוגעגאנגען דער פארמאן און האט צו אונז געזאגט, אז מיר זאלען געהן אהיים איבערטהאן זיך ריין און קומען צוריק, ווארים עס וועלען זיצען א דאקטאר און אן „עקספערט“ און מען וועט אונז דערקענען די יאהרען. די, וועלכע זיינען אלט פופציג יאהר און העכער, וועט מען בעפרייען.

ש ר ה (צו משה'ן). ווי הייסט בעפרייען?

מ ש ה. סעקען, סעקען....

ל י י ב ע (אויפגערעגט צום פאטער). האט דער באס געהאלטען א רעדע, און ער האט נאך געזאגט, אז עס איז א שאנדע און א פערברעכען צו בעשעפטיגען אלטע לייט?

מ ש ה. אט ווי איך זאג אייך.

ל י י ב ע. און די ארבייטער האבען געשריען „הורריי“?

משה. אז מיר האבען עפעס ניט פערשטאנען, וואס דא טהוט זיך.

ל י י ב ע. נו, און נאכהער, אז דער פארמאן האט שוין אלץ עקספליינט?

משה. נו, וואס זאל זיין נאכהער? נאכהער זיינען מיר זיך אלע צולאפען מיט שרעק אהיים איבערטהאן זיך.

לייבע (כאפענדיג זיך פאר די האאר). בעפרייט... חא! חא! א ביטערער שפאס!

שרה (צו משה'ן). נו, טא דערצעהל־זשע ווייטער, נו, וואס איז ווייטער געווען?

משה (צו שרה'ן). וואס זאל זיין? מעהר איז גאר נישט געווען.

שרה. נו, איז דאך גאר קיין האפנונג ניטא, ביזט דאך באלד פופציג יאהר.

משה. און אפשר וועט מען דערקענען אינגער.

שרה (קוקט איהר מאן אין פנים). אי, איך האב מורא, אז ניט, קוקסט אוים זעהר, זעהר אלט... וועה איז מיר, קוקסט נעבעך אוים גאר קראנק.

משה. פון וואנען זאל מען אויסקוקען גוט? מען ארבייט מיט די גערערים, מיט די זייטען, מיט דער נשמה אויפ'ן שטיקעל ברויט.

לייבע (צום פאטער). טאטע, פיעללייכט איז א סברא, אז דו זאלסט אין גאנצען ניט געהן אין שאפ?

משה (צו לייבע'ן). וואס דען זאל מען טהאן?

לייבע (צוטראגען און אויפגערעגט). מיר וועלען זעהן... אה, אז איך וואלט יעצט געהאט מיין צווייטע האנד.

משה. נו, וואס וואלט דער ארעמאן געוויינט, ווען ער וואלט געהאט צום עסען?

(שרה וויינט).

לייבע. פון מיינע לעסאנס קען איך גאר ניט מאכען, נור מען ראטה מיר, אז איך זאל אויסקלייבען עפעס א גוטען קארנער און שטע־לען זיך פערקויפען צייטונגען, מען זאגט, אז לייטע מאכען דערביי פיין אוים... טאטע, געה ניט אין שאפ, איך קען עס ניט אויסהאלטען.

משה (צו לייבע'ן). לייבע, א דאגה דיר א גרויסע, זאל דיר ניט פערדריסען. איך וועל זיך מאכען צום נארען און שרייען מיט קולות, אז איך בין אלט זיעבען און פערציג יאהר. וואס קען מען זיך אנדערש העלפען? ווער וויים, וואס דארטען וועט זיין מיט דיינע צייטונגען? און וואס זאלען מיר דערווייל טהאן?

משה (צו שרה'ן). נו, געננג צו קלאָגען, טהו עפּעס! גיב מיר די שבת'דיגע קליידער און לאָמיך זיך איבערטהאָן.

(לייבע בעהאלט דעם קאָפּ איןביידע הענד און בלייבט זיצען פערטראכט).

שרה (צו משה'ן). איך וואָלט זאָגען, אז דו זאָלסט זיך טאקע פריהער גוט אויסוואשען, טאקע מיט זייף אויך, הערסטו, מיין אל־טינקער, רייב דעם פּנים, וויפיעל דו קענסט, ווערה איז מיר! פּיעללייכט דערקענט מען דיר פּאָרט פאר אינגער.

משה. נו, גיכער, גיב די זייף און א ווייסען האנדטוך אויך.

(שרה ברייננט זייף מיט א האנדטוך, משה נעהמט צו און געהט ארויס פון א זייטיגע טיהר).

לייבע (צו דער מאמען). איך וועל זיך א ווייל דורכגעהן. איך קום גלייך.

שרה. קום־זשע, לייבעלע, צו דינער, טאָמער וועט זיך גאָט מרחם זיין און מען וועט דעם טאטען לאָזען ארבייטען.

לייבע. איך קום באלד. (ער געהט אוועק).

שרה (צואוויינענדיג זיך פאר זיך). וועה איז מיר, מיין אלטער רייבט נעבעך זיך דארטען דעם פּנים ביז בלוט. אָבער וועט קען ווי־סען? אז ער איז גאָר קראנק, צוהויקערט, הוסט און די האָר זיינען גאָר גרוי. וואָס טהוט מען, וואָס טהוט מען? ווי מאכט מען איהם עפּעס, ער זאָל אויסקוקען אינגער?

(משה קומט אריין איבערגעטהאָן און אויסגעוואשען).

משה (צו שרה'ן). נו, ווי קוק איך יעצט אויס, אינגער, מיין ווייב?

שרה (בעטראכטענדיג איהר מאן). דיינער ביזטו, שעהנער אויך, מעהר גאָר נישט, אָבער אויב אינגער, ווייס איך נים.

משה. נו, איך קען מעהר גאָר נישט מאכען. איך האָב זיך געריבען דעם פּנים, אז פונקען זיינען געפלויגען.

שרה (בעטראכטענדיג איהר מאן). אפשר וואָלסטו געקענט שטעהן א ביסעל גלייכער?

משה. (גלייכט זיך). נו, יעצט איז בעסער?

שרה. קען מען זאָגען? עטוואָס בעסער.

משה. איך ווייס אָבער ניט, אויב איך וועל זיך לאַנג אַזוי קענען האַלטען; עפּעס ציהט עס מיר צוריק צוזאַמען.

שרה. עס איז קיין תירוץ ניט, דו מוזט שטעהן גלייך, טאָמער וועט גאָט זיך מרחם זיין.

משה. איך וועל טרייען. נו, איך מוז געהן. (געהט אַוועק).

שרה (פאַר זיך). בעפרייען... געהערט, בעפרייען? דעם ערשטען מאָל אין מיין לעבען הער איך אַזאַ מין בעפרייען. (פּאוזע). איך ציטער, אַז מען זאָל אין איהם דערקענען די ריכטיגע יאָהרען.... (פּאוזע). אָי, וועה איז מיר, איך האָב זיך גאָר פערגעסען איהם צו זאָגען, אַז ער זאָל זיך דאָרטען ניט צוהוסטען.

(לייבע קומט אַריין).

לייבע. דער טאַטע איז אַוועק אין שאַפּ?

שרה. אַוועק. נו, וואָס זאָגסטו, לייבע, וועט מען אין איהם דערקענען אינגערע יאָהרען? האַ, ווי לייגט זיך ביי דיר אויפ'ן זינען?

לייבע. אָה, מאַמע, פרעג ביי מיר ניט. עס איז גענוג ביטער.

שרה. נו, וואָס זאָל מען זיך העלפען? גאָט וועט זיך מרחם זיין...

לייבע. נו, געוויס, מאַמעלע, גאָט האַלט אין איין רחמנות האָבען. (פּאוזע).

שרה. לייבעלע, איך וועל אַקאָרשט אַ לאָף געבען צו דער מיסעס הענקין, איהר מאַן איז דאָך אויך אַן עלטערער מענש און אַרבייט אין אַ פעקטאָרי, וויל איך וויסען, אויב דאָרטען הערט זיך עפּעס אויך וועגען אַזאַ מין בעפרייאונג.

(שרה געהט אַוועק).

לייבע. (נאָך אייניגע מינוטען פערטראַכט זיין). וועלל, אַזוי געהט עס.... ביי מיר האָט מען אַ האַנד אָבגעריסען... דער באָס האָט מיט מיר געוואָלט סעטלען פאַר צוועלף דאָלאַר... איך האָב ניט געוואָלט... איך האָב געטרייט זוכען גערעכטיגקייט, און די גערעכטיגקייט האָט צוגע'משפּט, אַז מיר קומט גאָר ניט (פּאוזע). און יעצט...

און יעצט.... בעפרייט מען דעם אלטען טאטען.... יא, יא, יא.... בע־פרייט... א פיינער שפאס.... און דער באס האלט נאך א רעדע, און די פינסטערע, אונגליקליכע הענד קלאפען בראווא, שרייען הוררי, און נאכדעם שלינגען זיי טרעהרען.... (פאוזע). וועלל.... די לייצעם איז נאך ביי זיי אין די הענד.... מיט אונז ארבייטער קען מען מאכען אלעס, וואס מען וויל נור.... רייסען הענד, רייסען פיס, רייסען גליעדער, רייסען יאהרען, רייסען ווייזושעס, שטיקען, ווערגען, סעקען, בעפרייען, בעפרייען, אלעס אלעס, (פאוזע). וועט עס ווען עס איז קומען א צייט, ווען די קארט וועט זיך בייטען?... פיעללייכט יע... דאן וועלען מיר ווערען די בעפרייער און זיי, די באסעס, די בעפרייטע. (פאוזע).

(שרה קומט אריין).

ש ר ה. ביי די הענקינ׳ס הערט מען דערווייל גארנישט. דארטען בעפרייט מען ניט... דארט סעקט מען ניט.

(משה לויפט אריין מיט גרוים אימפעט).

מ ש ה. מזל טוב! מזל טוב!

ש ר ה. אה, געלויבט איז גאט. פרעהליכע נייעס! נו? נו?

ל י י ב ע (נייגיעריג, אבער טרויעריג). נו, וואס הערט זיך?

מ ש ה. איך האב געזאגט, אז איך בין אלט זיעבען און פערציג יאהר, און אזוי האט מען מיך דערקענט, מזל טוב.... מזל טוב...

ש ר ה. האט מען דיך, הייסט עס, ניט בעפרייט?

מ ש ה. איך זאג דאך דיר, אז מען האט מיך גאר דערקענט אינגער אין די יאהרען.

ש ר ה. אה, געלויבט איז זיין נאמען.... אבער ווי איז דאס צוגעגאנגען?

מ ש ה. וואס מאכט עס אוים ווי, אבי פערלייקענט פון באס כמעט דריי יאהר, זיעבען און פערציג יאהר!

ש ר ה. זעה, זיי זאלען חלילה ניט חרטה האבען.

מ ש ה. ביזט א נאר! עס איז שוין פארפאלען. עס איז שוין אין בוך איינגעשריבען געווארען, אז משה דלותים איז אלט זיעבען און פערציג יאהר. פערשריעבען, פער׳חתם׳ט און פערפאלען.

ש ר ה. געלויבט, געלויבט איז גאט.

מ ש ה. אָי, שרה, אָי, לייבע, אז איהר וואָלט נור געזעהען ווי די, נעבעך, וועלכע מען האָט „בעפרייט“, האָבען געוויינט מיט ביטערע טרעהרען, אַז מען זאָל אויף זיי רחמנות האָבען און ניט טהאָן דאָס מיט זיי, איינער אַן אַלטינקער.... ביז צוואַנציג יאָהר האָט ער אָבגע־ארבייט דאָ אין שאַפּ ביי דעם זעלבען באָס.. אָי, אָי, ווען איהר וואָלט נור זעהען, דער ארבייטער האָט נעבעך געבעטען זיך רחמים, ער האָט געוויינט ווי אַ קינד. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ קראַנקע, בלינדע ווייב, אַז ער האָט ניט, ווער עס זאָל איהם מפרנס זיין, אַז ער וועט שטאַרבען פאַר הונגער....

ל י י ב ע. נו, און דער באָס? און דער באָס האָט געשוויגען?

מ ש ה. דער באָס האָט געזאָגט, אַז איהם טהוט לייד, נור ער קען ניט העלפען, אַז עס איז ביי איהם יעצט אַזאַ געזעץ אין שאַפּ, און אַז ער קען זיך ניעמאַלס ערלויבען אַזאַ פערברעכען, אַז אַן אַלטער פופציג יעהריגער מאַן זאָל נאָך ארבייטען.... אָבער מיך האָט מען דער־קענט זיעבען און פערציג יאָהר.... געלויבט איז גאָט.... מזל טוב.

ל י י ב ע. און די אַלטע האָבען געוויינט?

מ ש ה. איך זאָג דאָך, און נאָך ווי געוויינט!

ל י י ב ע. און דער באָס האָט געענטפערט, אַז ער קען ניט בע־געהן אַזאַ פערברעכען און לאָזען זיי ארבייטען?

מ ש ה. יאָ, יאָ, אַזוי ווי איך האָב דערצעהלט.

ל י י ב ע (פאַר זיך). מען קען פערריקט ווערען!

מ ש ה. נו, יעצט לאָמיר עסען מיט אַ פרעהליכערע האַרץ.

ש ר ה. לאָמיר עסען, לאָמיר עסען, געלויבט איז גאָט.

(שרה גיט דינער צום טיש).

(פאָרהאַנג פאַלט).

פאַר וואָס טאַראָקאָנער לאַנדסלייט זיינען מיר שונאים

—וואו עס איז נאָר דאָ א טאַראָקאָנער לאַנדסמאַן אין ניו יאָרק, איז דאָס מיינער א פערביסענער שונא. אַלע טאַראָקאָנער, גאָהר אָהן אויסנאַהמע, זיינען מיר שונאים!

איך פערזיכער אייך, אז איך הויב נים אָן צו וויסען וואו טאַראָקאָן וואַקסט. איך האָב וועגען טאַראָקאָן גופא אָדער וועגען א טאַראָקאָנער קיין מאָל אין מיין לעבען קיין שלעכט וואָרט נים אויסגערעדט, און דאָך זיינען אַלע טאַראָקאָנער מיר שונאים. הערט אויף טשיקאַוועס, ווי אזוי דאָס האָט פּאַסירט, וואָס אַלע טאַראָקאָנער זיינען אויף מיר אזוי אָנגעשטויסען.

אין א געוויסען שעהנעם פריהמאָרגען קלאַפּען צו מיר אין טהיר אָן א פּאָאָר יונגע לייט.

— וואוינט דאָ דער און דער? — פרעגען די יונגע לייט אויף מיין נאָמען.

— יעס, דאָס בין איך טאַקע. קומט אריין!

— מיר זיינען א קאָמיטע — לאָזען מיר וויסען די צוויי יונגע לייט.

— פון וועמען א קאָמיטע?

— פון די „טאַראָקאָנער אינדעפּענדענט".

— זעהר אָנגענעהם. וואָס פערלאַנגט איהר?

— אזוי ווי מיר האָבען א קאָנצערט און באַלל צו אונזער יאָהרעספּעסט, גיבען מיר ארויס א זשורנאַל, וואָלטען מיר געוואָלט, אז איהר זאָלט עפּעס פאַר אונז אָנשרייבען.... עפּעס אזוי א לאַבעדיגעס, ווי עס פּאַסט זיך פאַר א יום־טוב זשורנאַל.

— איך בין זעהר פערנומען.... איך האָב שטאַרק קיין צייט נים

— פאַנג איך אָן אָבצוזאָגען זיך פון דעם כבוד, וועלכען מען לייגט מיר פאָר. ענטפערט מיר אָב איינער פון דער קאָמיטע:

— איהר בעסער רייסט זיך נים איין מיט די טאַראָקאָנער.

— א קליינינקייט, די „טאַראָקאָנער אינדעפּענדענט"! — העלפט אונטער דער צווייטער קאָמיטע־מאַן — ער שפּיעלט זיך מיט אונזער

-עראיין! פערגעסט ניט, אז מיר צעהלען א וואסערע עס איז טויזענד
וטשטעהענדע מיטגליעדער; עס איז א מאכט!

— און טאראקאנער זיינען מענשען, וועלכע פערגעסען ניט א
זובה — טאראקאנער שפיעלען א ראלע אין ניו יארק! — האבען מיך
ויינגערעדט די קאמיטע-לייט.

נו, איהר ווייסט דאך דעם שרייבער׳ס ביטערען שטיקעל ברויט,
ען איז שטענדיג אבהענגיג פון א צווייטען׳ס א מיינונג... אפילו א
אז קען דעם שרייבער זיין פרנסה קאליע מאכען. ווילט זיך דאך
יט קיינעם ניט איינרייסען. האב איך פערשפראכען עפעס אנשריי-
ען פאר די „טאראקאנער אינדעפענדענט“. איך האב מיין פערשפרע-
ען געהאלטען, אנגעשריעבען „עפעס א פרעהליכס“ און אבגעשיקט
אויף דעם אנגעגעבענעם אדרעס.

„גע׳פטור׳ט אן עסק“ — טראכט איך ביי זיך — „יעצט ווייס
איך, אז טאראקאנער זיינען מיינע מענשען.“

ביי א וואך צייט שפעטער קומט צו מיר ווידער א קאמיטע פון
צוויי יונגע מענער.

— זייט איהר דער און דער?

— יעס, מיינע פריינד.

— מיר קומען צו אייך אלס קאמיטע פון די טאראקאנער.

ווייס איך דאך, אז איך האב פאר די טאראקאנער א געפעלינקייט
געטהאן, און איך ווייס, אז עס דארף ביי זיי די צייטען א באלל זיין,
פאלט מיר איין א געדאנק, אז די וואוילע מענער זיינען מן הסתם גע-
קומען אויסדריקען צו מיר טאראקאנער דאנקבארקייט און פעררופען
מיך צו זייער שמחה. ווערט מיר פון דעם רעיון זעהר גוט אויפ׳ן האר-
צען, און איך ענטפער אב:

— אה, פון די טאראקאנער! זעהר אנגענעהם!

— מיר פערלאנגען פון אייך א קלייניגקייט — פאנגט אן איינער
פון דער קאמיטע — אזוי ווי מיר האבען די צייטען אונזער יאהרעס-
פעסט — —

„בעטען מיר אייך, איהר זאלט אויף אונזער שמחה קומען“ —
זאגט מיר פאר מיין הארץ די ווייטערע ווערטער פון דעם קאמיטע-
מאן. איך האב אבער ניט דאס דערהערט. מיינע פארגעפיהלען הא-
בען מיך היינטיגען מאל ביטער אבגענארט.

— וואָלטען מיר וועלען — האָט דער קאָמיטע־מאַן דערדערט זיין פערלאַנג — אז איהר זאָלט פאר אונז א געפעליגקייט טהאָן.

— וואָס פאר א געפעליגקייט? — ווערט מיר שוין די זאַך קשה'דיג.

— צוליעב דעם יאהרעס־פעסט גיבען מיר ארויס א זשורנאַל...

— וויים איך דאָך — שלאָג איך איבער דעם קאָמיטע־מאַן.

— ווי אזוי ווייסט איהר דאָס?

— איך האָב דאָך פאר אייער זשורנאַל אָנגעשריעבען —

— ווען? וואָס? וועמען? — פאַלען מיר אין די רייד אַריין ביידע קאָמיטע־לייט און קוקען מיך אָן מיט ארויסגעגלאָצטע אויגען.

— עס איז ביי מיר געוועזן א קאָמיטע...

— פון וועמען?

— פון די טאַראַקאַנער...

— פון וועלכע טאַראַקאַנער? — שרייען די ערשטווינטע קאָמי־טע־לייט — פון וועלכע טאַראַקאַנער?....

— פון די טאַראַקאַנער טאַראַקאַנער!

— עס זיינען דאָ פערשיעדענע טאַראַקאַנער — לאָזט מיר ווי־סען די גוטע קאָמיטע — פון וועלכע טאַראַקאַנער איז מען ביי אייך געוועזן?

— פון די „טאַראַקאַנער אינדעפּענדענט“.

— אוי, א בראָך! מען האָט אייך אָבגענאַרט!

— וואָס הייסט?

— עס זיינען גאָר ניט קיין טאַראַקאַנער....

— ווער דען זיינען זיי?

— עפּעס א פּאָר שאַרלאַטאַנעלעך, וועלכע האָבען זיך אָבגעריסען פון אונזער פעראיין און האָבען זיך געמאַכט א קלייזעל פאר זיך. אָט ווער זיי זיינען!

פינסטער איז מיר געוואָרען אין די אויגען.

— און ווער זייט איהר? — פרעג איך.

— מיר? מיר זיינען די ריכטיגע טאַראַקאַנער, די „יונייטעד בראָדערהוד אָוו טאַראַקאָן“, די מעכטיגסטע אָרגאַניזאַציאָן אין ניו־יאָרק.

איך האָב גענומען זוכען תירוצים, ווי אזוי ארויסצוראַטעווען זיך

און ניט דארפֿען א צווייטען מאָל שרייבען. מיינע אלע תירוצים האָ־בען אָבער מיר ווייניג געהאָלפֿען. די קאָמיטע האָט מיר ערקלערט קורץ און שארף, אז אויב איך האָב געשריעבען פֿאר די „טאראקאנער אינדעפענדענט“, וועלכע זיינען אייגענטליך ניט מעהר ווי אויסגע־שפּראָכענע שונאים פֿון די ריכטיגע טאראקאנער, וועלכע ווערען רע־פּרעזענטירט נור דורך די „יונייטעד בראָדערהוד אָוו טאראקאן“, וועט עס הייסען, אז איך בעטראַכט זיך אלס דירעקטער פֿיינד פֿון די טאראַ־קאנער און דאָס וואָלטען זיי מיר שוין גאָר ניט געראטהען, ווייל די „יונייטעד בראָדערהוד אָוו טאראקאן“ זיינען אלע אזעלכע מענשען, וועלכע געדענקען א טובה; אָבער נאָך מעהר געדענקען זיי א רעה... און איך, אלס שטיקעל קהל'שער מענש, דארף זיך מיט אזא מאַכט פֿאר קיין פֿאל ניט איינרייסען.

די קאָמיטע האָט אויף מיר איינפֿאך א פּחד געוואָרפֿען. איך האָב פֿערשפּראָכען שרייבען פֿאר זייער זשורנאל, און איך האָב אויך מיין צווייטען פֿערשפּרעכען הייליג געהאלטען.

מיט א פּאָר טעג שפּעטער האָט מיך בעזוכט א דריטע קאָמיטע.

— טאראקאנער? — פֿרעג איך שטארק דערשראָקען.

— יעס — ענטפֿערט די קאָמיטע — מיר זיינען טאראקאנער.

— וואָס פֿערלאַנגט איהר?

— אזוי ווי מיר האָבען אונזער פֿינף יעהריגען יובילעאום, גיבען מיר ארויס א זשורנאל, וואָלטען מיר געוואָלט, אז אייער נאָמען זאָל זיך געפֿינען צווישען אונזערע מיטארבייטער.

— ווער זייט איהר? — האָב איך גענומען שרייען.

— וואָס הייסט, ווער מיר זיינען? — האָט מיך די קאָמיטע אָנ־געקוקט ווי א ווילדען — מיר זיינען פֿון די טאראקאנער.

— וועלכע טאראקאנער?

— די אמת'ע, די ריכטיגע... די גוט בעקאנטע, בעריהמטע, הי־סטאָרישע אָרגאניזאציע אונטער דעם נאָמען: „די ניו יאָרקער פֿער־אייניגטע טאראקאנער“.

ווען איך האָב דער קאָמיטע דערצעהלט וועגען די געשיכטע מיט די אנדערע צוויי טאראקאנער פֿעראיינען, האָבען די פֿערטרעטער פֿון „די ניו יאָרקער פֿעראייניגטע טאראקאנער“ מיך אויסגעלאַכט, און פֿערזיכערט מיך, אז מען האָט מיך אָבגענארט. די ריכטיגע טאראַ־

קאנער זיינען נאָר זיי, און אויב איך וויל באמת מיט טאראקאנער לאַנדסלייט פריינדשאַפט שליסער, מוז איך שרייבען נור פאר זייער זשורנאַל און אָנשרייבען עפּעס טאַקע א רעכטס....

מילא, ווי זאָגט מען דאָס: איז מען שוין אריין אין זאַק, מוז מען ווייטער קריכען.... האָב איך שוין אויך מיטגעאַרבייט אין דעם יובילעאום־זשורנאַל פון „די ניו יאָרקער פעראייניגטע טאראקאנער“.

מיט עטליכע טעג שפּעטער איז פאר מיר ערשיענען א פיערטע קאָמיטע — ווייטער טאראקאנער!

„טאראקאנער יאָנג מען“!

געשריעבען פאר די טאראקאנער יאָנג מען!

איז געקומען א קאָמיטע פון די „טאראקאנער יאָנג פרענדס“, זיי גיבען אויך ארויס א זשורנאַל.

אָלל־רייט, פאר זיי אויך געשריעבען.

עפּעס ביי א דריי חדשים צייט האָב איך געהאַלטען אין איין שרייבען (אָהן געצאָהלט, נאַטירליך) פאר פערשיעדענע אָרגאַניזאַציעס, אָבער הפנים ווי צופריעדען שטעלען די גאנצע וועלט קען מען דאָך ניט. די טאראקאנער, אַלע טאראקאנער, אָהן אויסנאַהמע, זיינען מיר יעצט שונאים.

די מיטגליעדער פון יעדען טאראקאנער פעראיין קענען מיר ניט מוחל זיין מיין פערברעכען, וואָס איך האָב געשריעבען פאר די זשורנאַלען פון די אנדערע טאראקאנער פעראיינען.

און אזוי ווי איך האָב געשריעבען פאר אַלע טאראקאנער אָהן אויסנאַהמע, זיינען מיר טאַקע אַלע טאראקאנער, אָהן אויסנאַהמע, שונאים געוואָרען!

מען האָט זיי ניט געקענט צושיידען

צוויי ברידער און אַ שוועסטער זיינען זיי, איממיגראַנטען, געקומען אַהער נאָך אַמעריקאַ פון יענער זייט ים, פון אַ קליין ליטווישער שטעדטעל.

פריהער איז אַהער געקומען דער עלטערער ברודער, און ווען דער איממיגראַנט האָט גענומען אַרבייטען, פערדיענען, אָבלעגען אַ דאָלאַר, האָט ער גלייך געשיקט נאָך זיין אינגערן ברודער און מיט אַ קורצע צייט שפּעטער, האָבען די צוויי ברידער אַהער זייער שוועסטער אַריבערגעבראַכט, און דאָרט, אויף יענער זייט ים, אין דער ליטווישער, פער'חלום'טער שטעדטעל, איז אַ פרעהליכע היים פערוויסטעט און פער'חרוב'ט געוואָרען, און מיט בענקענדע פערקלעמטע הערצער זיינען דאָרט טאַטע און מאַמע פערבליבען.

יאָהרען זיינען אַוועק.

די קינדער האָבען אין דער נייער וועלט אַ נייע היים געפונען. אַלע דריי האָבען זיך אויסגעגרינט. מען האָט אין דער ניו יאָרקער נאַכט־שולע פאַר איממיגראַנטען די לאַנד־שפּראַך זיך אויסגעלערענט, מען האָט ביסלעכווייז די אַלטע היים, וואו מען איז געבוירען געוואָרען, וואו די קינדער־יאָהרען זיינען אַריבער — פון הארצען אַרויסגעריסען, נור נאָך די עלטערען האָבען די אויסגעגרינטע קינדער ניט אויפגעהערט צו בענקען.

און די קינדער האָבען גענומען בעטען אין זייערע בריעף צו זייערע עלטערען, אַז טאַטע און מאַמע זאָלען נאָך אַמעריקאַ קומען!

די אַלטע מאַמע, וועמעס הארץ האָט געבלוטעט פון בענקען נאָך איהרע קינדער, איז גלייך מרוצה געוואָרען אויף דער וויטער רייזע צו די טהייערע קינדער. נור דער אַלטער, דער טאַטע האָט זיך אַ לאַנגע צייט געהאַמפּערט:

— ניין, איך וועל ניט פאָהרען. זאָלען די קינדערלעך דאָרטען אין זייער נייער מדינה לעבען און געזונד זיין. איך וועל מיר שוין דאָ מיינע יאָהרען אויסלעבען.

האָט די אַלטע מאַמע גענומען וויינען:

— קום צו די קינדער.
— איך וויל ניט — ענטפערט דער אלטער.
— עס איז מיר וויסט און פינסטער מיין וועלט אָהן די קינדער.
— נו, טו פאָהר אליין — פלעגט דער אלטער ענטפערען.

און פון אַט דיעזען קורצען ענטפער פלעגט די אלטע בלייבען א פערציטערטע, א פערשטומטע.

די מאַמע'ס הארץ איז אויסגעגאַנגען פון בענקען נאָך איהרע קינדער. אָבער די מחשבה צו איבערלאָזען דעם אלטען אליין, איז פאַר איהר געוועזען אזוי שרעקליך, אזוי אונבעגרייפליך, דאָס זי פלעגט גאָר ניט וויסען וואָס צו ענטפערען אויף דעם אלטען'ס עטליכע ווערטער.

און די קינדער האָבען ניט אויפגעהערט צו בעטען זיך ביי זייערע עלטערען. און ווען איינמאָל האָט די טאָכטער אין א בריעף געשריע־בען, אז זי פיהלט זיך ניט אם בעסטען אין געזונד, און די אלטע מאַמע האָט זעהר געוויינט, איז דעם אלטען טאַטען'ס הארץ געבראָכען גע־וואָרען, און ער איז מרוצה געוואָרען אויף די עלטערע יאָהרען צו די קינדער אוועקלאָזען זיך.

און די אלטע פאָר פאָלק האָבען פערקויפט זייער שטיבעלע, פער־קויפט די בהמה. מען האָט זיך צוזעגענט מיט דער שטעדטעל, מיט דער שוהל, מיט דעם „גוטען אָרט" און טאַטע און מאַמע האָבען אויף'ן גראָהען עלטער אוועקגעלאָזען זיך אין א וויימער נסיעה, אין א פרעמדער מדינה, אויף יענער זייט ים צו זייערע ליעבע, געטרייע קינדער.

און די עלטערען זיינען ענדליך נאָך אמעריקא אָנגעקומען. נאָך אמעריקא! נאָך יענער געהיימניספאָלער, יענער וויימער מדינה, וואו־הין זייערע קינדערלאך זיינען פערפלויגען.

און ווען די שיף איז אין האַפען אָנגעקומען, האָבען איינינע עמי־גראַציאָנס־בעאמטע צוזאַמען מיט אַן אמעריקאנער דאָקטאָר, וועלכער האָט אָנגעוואָרפען א שרעק מיט זיין שטרענגען, גלאַט געראַזירטען אונפריינדליכען פנים, בעטראַכט און גוט דורכגעקוקט די אָנקומענדע אימיגראַנטען, אזוי ווי א קצב קוקט דורך די בהמות, וועלכע מען דאַרף שעכטען. די מעהרסטע האָט מען געלאָזען פון שיף ארונטער־געהן צו זייערע פערוואַנדטע, וועלכע זיינען די „גרינע" געקומען פון

שיף ארונטערנעהמען. נאָר איינציגע פּאַסאַזשירען, וועלכע זיינען דעם דאָקטאָר אָדער די איממיגראַציאָנס־בעאַמטע פּאַר עפּעס ניט געפעלען געוואָרען, האָט מען פערהאַלטען.... ווען דער בייזער דאָקטאָר האָט בעטראַכט אונזערע אַלטע טאַטע און מאַמע, וועלכע זיינען צו זייערע קינדער געקומען, האָבען זיי דעם אַלטען פערהאַלטען און די אַל־טעטשקע האָט מען פון שיף ארונטערגעלאָזען.

איידער די אַלטע האָט צייט געהאַט ארומצוזעהן זיך און צו בעג־רייפען, וואָס עס איז דאָ אייגענטליך פּאָרגעקומען, האָט זי ערבליקט איהרע קינדער, איהרע דריי פערפלויגענע קינדער, נאָך וועמען איהר הארץ איז יאָהרען לאַנג אויסגעגאַנגען פון בענקען. זי האָט אויף אַלעם פערגעסען און מיט אַ פערשטיקטען געוויין, אַ געוויין פון פרייד און גליק, האָט די אַלטע איהרע קינדער געהאַלזט און געקושט.

— קינדערלעך מיינע, מיינע פערפלויגענע פויגעלאַך...

— מאַמוניו!

און נאָך אַמאָל געהאַלזט זיך, נאָך אַמאָל געקושט זיך און וויע־דער געשטיקט זיך מיט טרעהרען...

עטליכע מינוטען האָט געדויערט דער עקסטאַז פון דער בעגע־גענים פון דער אַלטער מוטער מיט איהרע קינדער, אָבער באַלד האָבען זיך די קינדער און די מאַמע אָן דעם אַלטען טאַטען דערמאָנט.

— קינדערלאַך, וואו איז דער טאַטע? — פרעגט די אַלטע שטאַרק דערשראָקען — וואו איז דער טאַטע? פאַר וואָס האָט מען איהם פון אונז אָבגעשיידעט?....

און באַלד האָבען די קינדער זיך דערוואוסט, אַז זייער פאָטער וועט מען אין אַמעריקאַ ניט ארייַנלאָזען; דער דאָקטאָר האָט אויס־געפונען, אַז דעם אַלטען'ס אויגען זיינען שוואַך, און מען וועט איהם צוריקשיקען...

די דערשראָקענע קינדער האָבען מורא געהאַט דער מאַמען דעם גאַנצען אמת צו דערצעהלען, און זיי האָבען די אַלטע מאַמע געפּרו־בירט צו בערוהיגען מיט אויסגעטראַכטע תירוצים: „עס מוז נעהמען עטליכע טעג. מען וועט דעם טאַטען געוויס ארונטערלאָזען.“

— וואָרום ניט גלייך? — פרעגט די צושראָקענע מאַמע.

— עס איז עפּעס אַ טעות מיט דער שיפסקאַרטע — טראַכטען אויס די קינדער — אָבער מען וועט איהם ארונטערלאָזען. געוויס.

און די קינדער האבען די אלטע מוטער צו זיך אהיים געבראכט.

און די מאמע האט געזעהען, אז די קינדער וואוינען אין א שעה־נער שטוב, אז זיי זיינען פריש און געזונד; און, אך, ווי גליקליך די ארימע מאמע וואלט זיך געפיהלט, ווען ניט דער אונגליק מיט'ן פאטער....

די קינדער האבען גענומען האדאטייסטעוועז, מען זאל צו זיי זייער פאטער אריינלאזען. זיי האבען אוועקגעשיקט א ביטע קיין וואשינגטאן צום פרעזידענט... און די צושראקענע מאמע פלעגען זיי דערווילע טרייסטען:

— נאך א טאג... נאך א טאג.... מען וועט דעם טאטען אהער אין לאנד אריינלאזען...

און וואס א טאג איז אריבער, איז די אלטע'ס שרעק געווארען גרעסער און שמערצליכער.

מען האט די קינדער'ס ביטע ענטזאגט. זייער אלטען פאטער'ס שיקזאל איז פעריזעגעלט געווארען. מען וועט דעם אלטען צוריק אהיים שיקען.

די קינדער האבען דער מאמען געמוזט דעם אמת אויסזאגען.

די מאמע איז געבליבען אזוי ווי פערשטיינערט פון שרעק און אונגליק.

און די קינדער האבען ווידער גענומען טרייסטען די אלטע מאמע:

— מיר וועלען דעם טאטען שיקען געלד אהיים.

— קינדער, וואס רעדט איהר! — האט די אלטע מיט פערצווייפלונג איהרע קינדער אנגעקוקט — וואס רעדט איהר? אליין ווי א שטיין! ווי אזוי לאזט מען איהם איבער?

— ער וועט זיך קענען זיינע טעג און יאהרען אין בית המדרש זיצען און לערנען — ענטעפרען די קינדער — עס וועט איהם גאר ניט פעהלען.

— אליין ווי א שטיין — ברעכט די אלטע די הענד — אליין אויף דער עלטער. פאר וואס קומט איהם אזא פינסטערע, אזא ביטערע דאליע?

— נו, וואס קען מען זיך העלפען? — טרייסטען די קינדער זייער פערצווייפעלטע מוטער.

און די אַלטע בעטראַכט איהרע קינדער מיט אַ לאַנגזאַמען בליק, און אַ שטראָם טרעהרען גיסט זיך איבער איהרע צוקנייטשטע באַקען, און זי ענטפערט שטיל, אָבער מיט אַ שרעקליכער ענטשלאָסענהייט:

— קינדער, איך דאַרף מיט איהם צוזאַמען אהיים פאָהרען!

— וואָס רעדסטו, מאַמע?

— אַזוי איז בעשערט. אַזוי וויל הפּנים גאָט ברוך הוא.

— מאַמע, וועסט פון דיינע קינדער אַוועקפאָהרען?

— איהר זייט יונג. איך איז דאָ, אַ דאַנק גאָט, פרעהליך... אַ דאַנק גאָט, גוט... אָבער דעם אונגליקליכען טאַטען — ווי לאָזט מען איהם אַליין?

— ניין, מאַמא, מיר וועלען דיך ניט לאָזען... מיר וועלען דאָ דיין עלטער זיס און גליקליך מאַכען....

— ניין, קינדערלאַך.... — וויינט די מאַמע — ניין, מיינע פּוי־געלאַך, ווען מען לאָזט דעם אַלטען טאַטען אהער ניט אריין, מסתמא וויל דער אויבערשטער אַזוי, איך דאַרף פאָהרען מיט'ן טאַטען, קינ־דער.... רעדט מיך ניט אָב... אפשר ווילען די מתים אונזערע, אונזערע באָבעס, אונזערע זיידעס, אונזערע קרובים, אַז אונזערע קברים זאָלען לעבען זייערע זיין...

— אָבער וואוהין וועסטו פאָהרען? — פרעגען די קינדער — וואוהין? האָסט דאָך מעהר קיין היים נים. איהר האָט דאָך די שטוב פערקויפט.

— וואו דער טאַטע וועט זיין, דאָרטען וועל איך זיך אויך געפי־נען. אַזוי איז מיין דאָליע!

— אָבער, מאַמוניו — זאָגען די קינדער — פלעגסט דאָך אונז אַלץ שרייבען, אַז דו ווילסט אונז צו אונזער חופה פיהרען.... וואָרום־זשע ווילסטו יעצט אַוועקפאָהרען?

— אודאי וואָלט איך געוואָלט אייך צו אייערע חופות פיהרען.... איך האָב דאָך אויף דעם מיין גאַנצען לעבען געוואַרט... איך האָב דאָך אויף דעם טאָג און נאַכט גאָט געבעטען.... אָבער פיהרען אייך צו אייערע חופות אָהן דעם אַלטען טאַטען?.... מעג איך דאָס? קינדער־לאַך.... איך האָב מורא... איך טאָר דאָס ניט.... מסתמא וויל דער רבונו של עולם, אַז מיר זאָלען וועגען אייערע שמחות נור פון דער־ווייטענס הערען... פערציג יאָהר צייט האָט משה רבנו געפיהרט דאָס

פאָלק ישראל איבער דער מדבר און ווען ער האָט געבראַכט דאָס פאָלק ישראל צו דער הייליגער לאַנד, האָט דער רבונו של עולם ארויפגע־פיהרט משה רבנו אויף א הויכען בארג, האָט איהם געהייסען נאָר מיט די אויגען אָנקוקען דאָס הייליגע לאַנד און ער האָט זיינע אויגען אויף אייביג געשלאָסען. ווער קען פערשטעהן גאָט ברוך הוא'ס דרכים? אפשר איז אונז בעשערט אזוי....

און די אַלטע האָט מעהר ניט גערעדט און האָט שטיל און ביטער געוויינט.

אויך האָבען די קינדער ווייטער ניט געפּרובירט זייער מוטער צו־צוריידען מיט זיי צו פערבלייבען. די אַלטע מאַמע, וועלכע זיי האָבען שמערצליך ליעב געהאַט, איז יעצט פאַר זיי עפּעס אזוי ווי א הייליג־קייט געוואָרען. א הייליגקייט, וועלכע זיי האָבען ניט געוואַגט צו פערשוועכען מיט זייערע וואָכעדיגע רייד....

מיט אייננע טעג שפּעטער האָבען די קינדער זיך געזעגענט מיט זייער טאַטען און מאַמען. די אַלטע, גרויע פּאַר פאָלק האָט זיך ניט געשיידעט. צוזאַמען זיינען זיי אוועקגעפאָהרען אין דער רואינירטער, פערוויסטעטער היים...

א שלעכטער טאָג

דאָס איז געווען א זיינער אַכט אבענדס.

איבער דעם טראָטואר פון א ניו יאָרקער טומעלדיגער סטריט איז זיך געגאנגען א מאַן, וועלכער האָט געשיינט צו זיין שטאַרק פער־טראַכט אין רעיונות. דער מאַן האָט געטראָגען א דיקען, לאַנגען בוך אונטער׳ן אָרעם. עס איז געווען קענטיג, אז זיינע מחשבות מאַכען אויף איהם יעדער מינוט אַן אַנדער איינדרוק. מאַנכעס מאָל פלעגט א דונקעלער שאָטען שוועבען איבער זיין פּנים. מאַנכעס מאָל פלעגט דיעזער שאָטען פּלוצלונג פערשוואונדען ווערען און דער שטערן פון דעם מאַן פלעגט עפּעס ווערען אזוי ווי ליכטיגער; מאַנכעס מאָל פלע־גען זיינע אויגען נעהמען ראַפּטום שיינען און איבער דעם זעלבען פּנים פלעגט זיך צוגיסען א שמחה, א גליק.... און נאַכהער פלעגט ווי־טער א האָפנונגסלאָזער טרויער בעדעקען און אויסקרימען דעם מאַן׳ס געזיכטסציגע.

דיעזער מאַן איז געווען מיסטער נאָרמאַרך, דער גראָסערי־מאַן. דער בוך, וועלכען ער האָט געטראָגען, איז געווען זיין רעכען־בוך, און ער איז דאָס יעצט געגאַנגען פון קאָלעקטען געלד ביי זיינע קאָס־טאָמער.

נעהענדיג האָט זיך איהם אַלץ אָבגעדוכט, אז אין א פּלאַץ האָט ער געמאַכט א טעות אין רעכענונג, און האָט געקאָלעקטעט מיט א האַלבען דאָלאַר וועניגער איידער איהם האָט געקומט, און דעם גאַנ־צען וועג האָט ער געהאַלטען אין איין איבעררעכענען דעם חשבון. מאַנכעס מאָל פלעגט ביי איהם אויסקומען, אז עס איז אָלל־רייט, אז עס איז קיין טעות ניט געווען. פון הארצען פלעגט ביי איהם דאַן אראָבפאַלען א שווערער שטיין און ער פלעגט זיך אָבזיפצען. מאַנכעס מאָל פלעגט ביי איהם בעסער גאָר אויסקומען, אז ער האָט נאָך עפּעס איבערגענומען, און א צופריעדענער קאָנטענטער שמייכעל פלעגט זיך ציינען אויף זיינע ליפּען, אָבער נאַכהער פלעגט ער זיך א כאַפּ גע־בען... א מיסטייק, דאָך ניט דערנומען פופציג פּענעס.

דער גראָסערי־מאַן האָט געוואוסט, אז נאָך א מאָל וועט ער ניט

נעהמען בארערען זיין קאסטאמער, און איבעררעכענען דעם בוך, און איהם האט אזוי פערדראסען אויף דעם האלבען דאלאר, אז ער האט זיך אויפגעגעסען, און איהם האט דאס הארץ וועה געטהאן.

פלוצלונג האט זיך דערהערט דער קלינגען פון אן אנקומענדער פייער קאמאנדע. מיסטער נארמארך האט זיך ארומגעקוקט. מיט א טייפעלשער שנעלקייט איז פערביי איהם איבער דער לייננ פון דער עוועניו דורכגעלאפען א פייער אינדזשין. מיט פינף בלאק ווייטער האט זיך געפונען זיין סטאר, און דעם גראסערי־מאן איז ארויף א גע־דאנק, אז פיעלייכט ברענט זיין געשעפט. ער האט גענומען לויפען, אבער אהן שרעק, ווארים ער האט געוואוסט, אז ער איז פערזיכערט.

באלד האט נארמארך דערזעהן, אז דער אינדזשין האט זיך פער־קעהרט מיט צוויי בלאק פאר זיין סטאר.

— ווער קען עס ברענען אין מיין נאכבארשאפט? — האט ער א מורמעל געטהאן. איהם איז געווארען אינטערעסנט און ער האט גע־נומען געהן שנעלער און שנעלער.

אין א מינוט ארום איז מיסטער נארמארך שוין געווען אויף דעם פלאץ פון דעם אונגליק... די גאס איז שוין געווען „געקראודעט“. עס האט געברענט א פינף־שטאקיגע טענעמענט־הויז...

דאס בילד איז געווען א שוידערליכע. פלאמען האבען זיך שוין געריסען פון פיעלע פענסטער, און דאך זיינען נאך דארטען פערבלי־בען אייניגע טענענטס, וועלכע האבען זיך געצייגט דא אויפ'ן רוף, דא אויף די פייער־עסקייפס.... עס האבען זיך פון דער ברענענדער הויז גע־הערט שוין שרעקליכע הערצרייסענדע געשרייען פון פרויען, קינדער און מענער.... די פייערלייטע האבען געארבייט ווי די שדים, זיי זיינען געקראכען אין פייער און געשלעפט איינעם נאך איינעם די אונגליק־ליכע טענענטס. די מאסע פון אונטען האט מיט פערשטארבענע הער־צער, מיט בלאסע פנים'ער און מיט ברענענדע אויגען צוגעקוקט די שרעקליכע בילד. פלעגט זיך איינער ציינען אויף א פייער־עסקייפ אדער אויפ'ן רוף, פלעגט די מאסע נעהמען שרייען פון שרעק, פון אימה; פלעגען די פייערלייטע ראטעווען איינעם, פלעגט די גאס פער־הילכט ווערען פון פרייד־געשרייען....

מיסטער נארמארך איז אין אנפאנג אויך געווען „עקסייטעד“, און ער האט זיך מיט א לייכטען שוידער צוגעקוקט צו דער שרעקלי־

בער בילד, גאר נישט טראכטענדיג און וועגען גאר נישט דענקענדיג, נור פלוצלונג האט ער דערקענט די הויז און ס'איז איהם גלייך ארויף א געדאנק, אז דא וואהנט זיינער א קאסטאמער און אז דער קאסטאמער איז איהם שולדיג פיער דאלאר מיט דרייסיג פענעס... ער האט זיך צוגערוקט נעהנטער צו דער ברענענדער הויז.... פלוצלונג האבען אלע ארום איהם, ווי איין מענש, ארויסגעלאזען א שרעקליכען אויסגעשריי.... אין א פענסטער, טאפ פלאר, האט זיך געצייגט א פרוי.... זי איז שוין געווען איינגעוויקעלט אין פייער... איין סעקונדע איז זי אזוי געשטאנען.... באלד איז זי געפאלען און מען האט זי מעהר ניט געזעהן !...

נארמארך האט דערקענט אין דער אונגליקליכער פרוי זיין קאסטאמער. דער איינדרוק פון דעם אונגליק איז אבער געווען שטארקער, איידער אירגענד וועלכער רעכענונג און דער קרעמער האט ווירקליך א שוידער געטהאן.

שפעטער, ווען נאהמארך האט פערמאכט זיין געשעפט און איז געגאנגען שלאפען, איז צווישען איהם און זיין ווייבעל פארגעקומען אן אינטערעסאנטער געשפרעך :

— אט אזוי קלעבט זיך צו מיר היינטיגען טאג — האט ניט צופריעדען געמורמעלט דער קרעמער — דא פופציג סענט, און דא פיער דאלאר מיט דרייסיג פענעס.

— ביזט אליין שולדיג — האט געענטפערט אלבערט'ס פרוי — א גוטער דזשאב אויף דיר.

— וואס איז, וואס ? — האט נארמארך צורייצט געפרעגט.

— אט אזוי, דא האסטו ניט בעדארפט האבען קיין טעות, און דא האסטו נאך נעכטען בעדארפט געהן קאלעקטירען.

— פון וואנען האב איך געזאלט וויסען, אז עס וועט זיין א שרפה ? — האט אלבערט ערנסט גערעדט.

— דארפסט ניט וויסען — האט זיין פרוי געענטפערט — עס איז שוין געסטערן געווען דער דריטער, און דו האסט בעדארפט געהן אהין קאלעקטען.

— ווען איך וואלט וויסען — האט דער קרעמער מיט פערדרוס געזאגט — וואלט איך נעוויה ניט געווארט, אבער אזוי האב איך גערעכענט מארגען אריינגעהן.

ביידע, אי מאן, אי פרוי, האָבען זיך טרויעריג פערטראכט.

— זעהסטו דאָך — האָט דער קרעמער דער ערשטער אָנגעפאַנ־גען — אזא פינסטערען מזל האָבען מיר. ווען, דאכט זיך, וואָלט עס געאַרט, ווען דער פייער וואָלט געטראָפען מיט עטליכע טעג שפּעטער.

— ניין, דאָס ביזטו אליין שולדיג — האָט דעם סטאָרקיפּער׳ס ווייבעל ניט געוואָלט נאָכגעבען איהר מאן.

— אין די העל מיט דיר און מיט דער שרפה צוזאמען! — האָט נארמארך מיט כעס געענטפערט און איז אַ ברוגז׳דיגער אוועק שלאָפען.

און זי רעדט אזוי ערנסט...

(ארויסגענומען פון איינעם׳ס א טאָגעבוך)

מיין געליעבטע איז שעהן ווי א מלאך (און וועלכע געליעבטע איז דאָס מיאוס׳ער פון א מלאך?) יעדער לעבעדיגער מענש האט אין זיך פעהלערען, וואהרשיינליך פערמאָגט זי אויך, די געטין פון מיין הארצען. אפילו איך בעמערק זיי ניט, אָבער איך בין דאָך געוויס פערבלענדעט פון ליעבע.

איין זאך וועט איך אָבער יעדערער צוגעבען, יעדער איינציגער, וועלכער האָט נאָר געהאט וועלכען עס איז פערקעהר מיט מיין טהייערער עני׳ן (אזוי הייסט זי, מיין געליעבטע), יעדער איינער וועט אייך צוגעבען, אז מיין שעהנע עני איז אליין דער פערקערפּערטער אמת.

איינער וועט אייך זאָגען:

— ווער ענני? זי איז אזוי נאַאיוו, אזוי אונשולדיג, אזוי ווי אַן אונשולדיגעס קינד.

א צווייטער וועט אייך זאָגען:

— ענני? זי איז אזוי איינפאך, אזוי ערנסט, עפּעס אז זי רעדט, איז קענטיג, אז יעדער וואָרט געהט פון סאמע הארצען.

אַלע, אַלע גיבען צו, אז ענגעלע איז דערפאר אזוי זיס, אזוי ליעב, אזוי טהייער, ווייל זי פערמאָגט אַן איינפאכע, א קינדערשע, אַן אונשולדיגע זעעלע, ווייל זי בעגרייפט זאָגאר ניט וואָס עס הייסט פאלש ריידען אָדער פאַלש מיינען.

און איהר האָט געדאַרפט זעהן מיין ענגעלען.

אויף איהר גאַנצען שעהנעם געזיכט איז צוגאָסען אזא הייליגע, אזא טיעפע ערנסטקייט, אזא קינדערשע אונשולד אין איהרע אויגען, איהרע טיעפע גרויע אויגען.

ווען איהר קוקט אין זיי אריין, ווערט אייך אזוי גוט, אזוי רוהיג אויפ׳ן הארצען, ווייל איהר זעהט אין דיעזע שעהנע אויגען א ריינע, א זויבערע נשמה, א נשמה, וועלכע עס וועט אייך קיינמאַל, קיינמאַל ניט נאַרען.

איך בעגעגען זיך זעהר אָפט מיט עני׳ן, און מיר ריידען זעהר

פיעל וועגען פערשידענע ענינים, נור איבערהויפט רעדט מען נאטיר־ליך וועגען ליעבע.

פאלט מיר איין א געדאנק, הפנים דער בייזער שטן האט דאס אויפגעטהאן, און איך נעהם שרייבען א טאגעבוך. און יעדעס מאל, ווען איך קום א גליקליכער פון מיין ענגעלען, פערצייכען איך, וואס מיין געליעבטע האט צו מיר גערעדט.

און אין איין שעהנעם טאג, ווען איך האב דורכגעבלעטערט את דיעזען טאגעבוך, נאך א מאל און נאך א מאל דורכגעלעזען די איינ־פאכע, אונשולדיגע ווערטער, וועלכע ענגעלע האט גערעדט אין פער־שיעדענע צייטען, האב איך דערפיהלט עפעס אזוי ווי אימיצער וואלט מיך מיט קאלטע וואסער אבגעגאסען....

את זיינען ענגעלע'ס ווערטער אין פערשיעדענע דאטומס:

מאי דעם 25טען:

די נאכט איז געווען זעהר שעהן.

איך בין אוועק אין פארק און מיט א פערציטערטען הארצען גע־נומען זוכען מיין ענגעלע'ן.... איך האב זי אויסגעזוכט צווישען א גאנ־צער קאמפאניע פריינד און בעקאנטע.

מיר האבען אלע צוזאמען זעהר פרעהליך פערבראכט.

נאכהער האט די גאנצע קאמפאניע געמאכט א שפאציער איבער'ן פארק, איך און ענגי האבען זיך ניט געאיילט, מיר זיינען אבגעשטאנען פון קאמפאניע, מיר זיינען גאנץ אליין געבליבען, מיר זיינען פערגאנ־גען אין די איינזאמסטע אלעען און מיין הארץ האט אזוי געציטערט, אזוי געציטערט....

איך האב געגלעט די ווייכע, זיידענע האאר פון איהר שעהנעם קאפ, איך האב געפיהלט איהר אטהעם, מיר האט אין מיין קאפ גע־שווינדעלט און זי האט גערעדט מיט א ציטערנדער שטימע:

— איהר ווייסט, איך בין א מאדנער מענש, ווען מיר פאלט אריין א געדאנק, קען איך זיך אין פייער ווארפען... ווען איך ליעב, וועל איך נעווער טראכטען, וועד דאס זאל זיין.... ס'מעג זיין א פערהייראטהער מאן, א טאטע פון צעהן קינדער... איך מעג וויסען, אז מיין ליעבע וועט מיך אונגליקליך מאכען, ארט מיך ניט. איך קעהר גאר ניט. את אזא מענש בין איך...

און זי האט גערעדט אזוי ערנסט און איהרע אויגען האבען אזוי

געברענט, און איך האָב זיך אַזוי גוט געפיהלט (איך בין אַ פערהייראטהער מאַן, צווישען אונז זאָל דאָס בלייבען).

אויגוסט דעם 10טען.

איך בין ביי איהר אין דער היים געווען, נאכהער זיינען מיר אוועק ביידע שפּאַציערען.

עס איז געקומען צו רייד וועגען אַ געוויסער טרויעריגער פּאַסירונג: אַ מאַן האָט צוליעב אַ געליעבטער פערלאָזען אַ פרוי און די פערלאָזענע האָט בעגאַנגען זעלבסטמאָרד.

מיר האָבען גערעדט וועגען דיעזער פּאַסירונג: ענני איז געווען העכסט געריהרט. גוטע האַרץ! און מיט טרעהרען אין די אויגען האָט זי כמעט ווי אויסגעשריען:

— איך וואָלט נעווער פערליעבט זיך אין אַ פערהייראטהען מאַן! ווען איך זאָל נור בעמערקען, אַז אַ פערהייראַטהער מאַן נעהמט זיך מיט מיר אינטערעסירען, אָדער איך מיט איהם, וואָלט איך אַזאַ מין בעקאַנטשאַפט גלייך אָבגעשניטען. פערליעבען זיך איז גוט, מען דאַרף אָבער וויסען אין וועמען.

און ענעלע האָט גערעדט אַזוי ערנסט, אַזוי ערנסט...

מאַי דער 12טער.

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט.

איך און ענני האָבען אַרומגעוואַנדערט אין „מאַונט מאָררים“ פּאַרק.

— קומט העכער, העכער — האָט מיך ענני גערופען, און מיר זיינען נעגאַנגען אַלץ העכער און העכער, ביז מיר זיינען אַרויף אויף דעם העכסטען באַרג.

מיר האָבען זיך געזעצט אויף אַ באַנק. לעבען אונז איז קיינער ניט געווען.

אונטען אין טהאָל האָבען זיך געזעהן די אַרומיגע גאַסען. יעדער גאַס בעציערט מיט צוויי שטריכען פייערלאַך פון ביידע זייטען. די פייערלאַך האָבען געקוקט אויף אונז אַזוי ווי טויזענדער ברענענדע געהיימניספאָלע אויגען: פון ווייטען האָט זיך דערטראָגען צו אונז דער רעש פון די פערביילויפענדע טריינס, און דאָס אַלעס איז געווען אַזוי פאַנטאַסטיש, אַזוי טרוימעריש שעהן.

מיר האָבען אַ לאַנגע צייט געשוויגען.

איך האב געקוקט אויף ענני'ן. זי האט אויסגעזעהען צו זיין צו־רייצט און ניט צופריעדען.

— וואס איז מיט אייך, ענגעלע? — פרעג איך — איהר זייט עפּעס היינט ניט צופריעדען מיט דער וועלט.

— מיינע עלטערן מאכען מיר דעם טויטס — האט ענני געזאגט.

— וואס ווילען זיי פון אייך? — פרעג איך.

— זיי ווילען, איך זאל חתונה האבען — ענטפערט ענני איינ־פאך און ערנסט.

— ווארום זאלט איהר טאקע ניט הייראטהען? — פרעג איך.

— נעווער, נעווער! — האט ענני כמעט הויך אויסגעשריען.

— ווארום?

— איך האב איין מאל געליעבט (מיין ענני האט שוין א מאל געהאט א מאן, מיט וועלכען זי האט זיך געשיידט לעבעדיגערהייט) איך בין געוועזען איין מאל פערהייראטה, גענוג; מעהר טראכט איך וועגען דעם ניט און וויל ניט טראכטען; איך וועל קיין מאל ניט הייראטהען, קיין מאל ניט, קיין מאל ניט....

און ענני האט עס געזאגט אזוי ערנסט, אזוי ערנסט....

סעפּטעמבער דעם 14טען.

איך האב בעגעגענט ענני'ן געהענדיג פון דער ארבייט; דער טאג איז געוועזען זעהר א הייסער; מיין ארעמע ענגלע האט אויסגעקוקט צו זיין אזוי מיעד, אזוי פערמאטערט, און קוקענדיג אויף איהר, האט מיר מיין הארץ גענומען וועה טהאן.

איך האב ענני'ן בעגלייט ביז דערהיים.

— קומט ארויף צו אונז — האט מיך ענני איינגעלאדען.

מיר איז געוועזען שווער צו שיידען זיך מיט ענני'ן. איך האב אבער שטארק געצווייפעלט, אויב איך זאל ארייגגעהן צו איהר אין הויז.

ביי ענני'ן אין דער היים פיהל איך זיך ניט אנגענעהם; איהרע עלטערען קוקען אויף מיר קרומלאך... מען קען לייכט בעמערקען, אז זיי טראכטען וועגען מיר: „וואס טהוט דא דער יונגערמאן? חתונה האבען מיט ענגעלען וועט ער ניט — ער איז דאך א פערהייראטהער, טא וואס־זשע שטעהט ער וויא א ביין אין האלז און איז נור א שטער־רונג צו אנדערע שידוכים.“

אפשר האָבען טאַטע און מאַמע רעכט, נור איך בין א קנאַפּער בעלן צו בעזוכען ענני'ן אין דער היים, האָב איך געצווייפעלט, און מיין צווייפעל אויסגעדריקט מיט ווערטער.

פון מיינעטוועגען איז ענגעלע אין הויז ניט ארויף; מיר זיינען אוועק אין א רעסטאָראַנט און ביי א טישעל, וועלכער איז געשטאַנען אין א ווייט אָבגעזונדערטען ווינקעל, האָבען מיר ביידע סאַפּער גע־געסען.

און מיר האָבען ווייטער גערעדט.

— האָט איהר היינט שווער געאַרבייט? — פרעג איך.

— זעהר שווער — ענטפערט ענני — דער שאַפּ איז אַן איינ־גער, די פאָרליידי א שלעכטע און די ארבייט שווערע, איך בין אזוי צובראָכען.

— האָט חתונה — האָב איך זיך אויסגערעדט — וועט איהר ניט דאַרפען מעהר אין שאַפּ געהן.

ענני האָט זיך אויף א ווײלע פערטראַכט, נאָכהער טהוט זי א זאָג:

— און ווער וועט מיט מיר הייראַטהען? וואָס זאָל איך טהאָן, אז אַלע, וועלכע עס קענען מיך, זיינען פערהייראַטהע מענער?

— און וואָס איז בראַוּוערסאָן? — האָט איך געפרעגט.

בראַוּוערסאָן איז מיין ענגעלע'ס אַפּיציעלער געליעבטער, אזוי איז דאָס בעוואוסט, און דער מאַן האָט אין זיך א גרויסע מעלה: ער איז ניט קיין פערהייראַטהער.

— בראַוּוערסאָן — ענטפערט ענני — ווײַל, ער איז א מאָדנע־מענש... איך זאָל מיט איהם ריידען, וויל איך ניט, און עס שטעהט מיר ניט אָן, און ער רעדט ניט, ער שווייגט...

און ענגעלע האָט עס געזאָגט אזוי ערנסט, אזוי ערנסט, אזוי שמערצליך ערנסט.

און איך בלעטער מיין טאָגע־בוך, בלעטער און בלעטער און איך בלייב אַלץ מעהר און מעהר ערשטוינט, און איך טראַכט ביי זיך: אוי, וואָס איז דער מעהר מיט ענגעלען? וואָרום ווידערשפּרעכט זי זיך אזוי אָפט? זאָל איך איהר גלויבען, וואָס זי האָט נעכטען געזאָגט? טאָ ווי קומט עס וואָס זי האָט פאַראַכטאָגען גערעדט?...

און זי רעדט דאָך אזוי ערנסט, אזוי ערנסט....

אין פּאָן שאָפּ

איזידאָר האָט געעפענט זיין טראָנק, אין וועלכען עס האָט זיך גע־פונען זיין גאַנצער פערמעגען און איז געבליבען שטעהן לעבען איהם פערטראַכטערהייט, קלערענדיג, וואָס ער קען היינט פערזעצען אין פּאָן־שאָפּ. דער מאַן האָט געמוזט זעהר נויטיג האָבען עפּעס געלד, און ער האָט ניט געהאַט קיין אייין פּעני אין פּאָקעט.

אייגענטליך האָט איזידאָר פערמאָגט עטליכע ווערטהפאָלע חפצים, אויף וועלכע ער האָט שוין עטליכע מאָל געקראָגען אויסגע־באָרגט עטליכע דאָלאַר; צום ביישפּיעל, עס זיינען ביי איהם געלעגען א פיינער שוואַרצער „פּרינץ אַלבערט", א גוטער זיידענער אמברעלאַ, א פּאָאַר פיינע גוטע הויזען, אויך האָט ער געטראָגען אויף זיך א „וואָטש און טשיין", וועלכע ער האָט גענומען אויף אויסצאָהלען. אָבער די אַלטע טהייערע זאַכען, וועלכע עס האָבען איהם אזוי אָפט ארויס־געהאָלפען אין א פערלעגענהייט, האָבען איהם היינט ניט געקענט העלפען, און דאָס איז געווען דארום, ווייל היינט ביי נאַכט האָט ביי דעם יונגען מאַן בעדאַרפט זיין פערלאָבונג מיט זיין כלה, און ער האָט די אַלע זאַכען בעדאַרפט נאַטירליך געברויכען. און געלד האָט ער געמוזט האָבען. ווי געהט מען אויף אייגענע תנאים אָהן געלד? און דאָ איז ווי אויף צו להכעים א פּעני ניטאָ.

— וואָס פערלייג איך? וואָס פערזעץ איך? — האָט איזידאָר געריבען זיך דעם שטערן מיט דעם גרעסטען אַזארט, עפּעס אזוי ווי אין דעם שטערן איז געלעגען די גאַנצע שולד.

נאָך א לאַנגען איבערלייגען זיך מיט זיך זעלבסט, האָט איזידאָר איינגעזעהען, אז וועון ער קען עפּעס יע פערלייגען, איז דאָס בלויז זיין זיידענער אַמברעלאַ.

„נו, און וואָס וועט זיין, אז ווען ער וועט דאַרפען געהן צו זיין איינענער שמחה וועט עס נעהמען רעגענען?" — האָט איזידאָר א טראַכט געטהאָן און זיין אייגענער געדאַנק האָט איהם געמאַכט צי־טערען.

ער האָט א קוק געטהאָן אין פענסטער, דער וועטער איז גע־

שטאַגען אַ פיינער, אַ טרוקענער, אויפ'ן הימעל איז ניט געווען קיין ברעקעל וואָלקען, מען האָט געקענט זיין במעט ווי זיכער, אז עס וועט שוין היינט קיין רעגען ניט זיין.

איזידאָר האָט זיך לייכטער אָבגעאָטהעמט; פון דעסטוועגען האָט ער געלאָזען דעם אָמברעלאַ צורוה; ער האָט בעשלאָסען אָבצוּוואַרטען ביז וואַנען עס וועט ווערען נעהענטער צו אָבענד אום צו זיין זיכערער וועגען דעם וועטער.

„דערווייל וועל איך אָקאָרשט געהן" — האָט ער ביי זיך געטראַכט — „און טרייען ערגעץ־וואו אויסבאָרגען אַ פּאָאָר דאָלאַר, פּיעללייכט וועל איך קריגען."

איזידאָר האָט פערמאַכט זיין טראַנק און איז ארויס פון צימער.

אין עטליכע שטונדען ארום איז ער געקומען צוריק אַהיים. ער האָט אויסגעקוקט זעהר מיעד און ניט צופריעדען. הפנים, ער האָט קיין געלד ניט געקראָגען, וואָרים ער האָט זיך מיט גרויס מהירות אָן עפען געגעבען זיין טראָנק, אַ כאַפּ געטהאָן דעם אָמברעלאַ זיינעם און איז ווייטער אַוועק.

די געגענד, וואו איזידאָר האָט געוואָהנט, איז געווען איבערפּלייצט מיט פּאָאָן שעפּער, נור ער האָט שוין געהאַט זיין פּלאַץ, זיין פּאָאָן בראָקער, מיט וועלכען ער האָט אימער געדיעלט. דיעזער שאָפּ האָט זיך געפונען אַ בלאָק פינף ווייט פון זיין לאָזשי.

ווען איזידאָר איז צוגעקומען שוין לעבען רעכטען פּאָאָן שאָפּ, האָט ער זיך פּלוצלונג אָבגעשטעלט און איז אָבגעגאַנגען עטליכע טריט צוריק: ער האָט זיך דערשראָקען, אַז פּיעללייכט האָט איהם בעמערקט יעמאַנד פון זיינע אָדער פון זיין כלה'ס בעקאַנטע....

מיט איזידאָר'ן איז די מעשה אַזוי געווען: ער איז געווען אַ גוּטער פּאָק־אַרבייטער, און ווען ער האָט געאַרבייט, האָט דער מאַן געמאַכט זיינע אַכטצעהן דאָלאַר די וואָך. די צרה איז אָבער בעשטאַנען אין דעם, וואָס אין די בעסטע צייטען האָט ער געאַרבייט ניט מעהר ווי צעהן וואָכען אין יאָהר. ווען ער פלעגט אָן ארבייט געבען, פלעגט ער נעהמען שיינען, ער פלעגט אַ הוליע טהאָן, אַ לעב טהאָן, אָבער נאָכהער פלעגט ער זיין אויף וויסטע יסורים. פאַר זיין כלה האָט איזידאָר דערצעהלט בלויז וועגען די צעהן גוטע וואָכען; וועגען די איבריגע פּערציג: פּינסטערע וואָכען, האָט ער געמאַכט אַ שוויג. מיט

איין ווארט, ער האט אנגעגעבען פאר דער כלה, אז ער מאכט גאר גאנצע גליקען. היינט שטעלט זיך פאר, ווי שעהן דאס וואלט אויס־געקומען, ווען זיין כלה וואלט זיך דערוויסען, אז ער — איזידאר — האט גאר צו טהאן מיט פאאן שעפער! ווי קומט ער — אזא פער־דיענער — צו פאאן שעפער?

איזידאר האט זיך באמת דערשראקען און ער האט זיך פארזיכ־טיג און גוט ארומגעקוקט.

און דעם שידוך האט איזידאר געהאלטען פאר א וואהרען גליק פאר איהם. די כלה האט פון איהר זייט אנגעגעבען, אז זי האט פיינע עטליכע דאלאר און ער האט גערעכענט נאך דער חתונה מיט די געלד מאכען א געשעפט און פערריכטען זיין גאנצע מדרגה.

שטעהענדיג אזוי אויף דרויסען, האט דער יונגער חתן איבערגע־טראכט זיין גאנצע לאגע און ער האט אלץ מעהר און מעהר גענומען מורא האבען ארייצוגעהן אין פאאן שאפ.

ער האט גענומען געהן צוריק און ער איז אבגעגאנגען א גאנצען בלאק; אויף גאר נישט טראכטענדיג האט ער ארויסגענומען דעם זייגער און האט א בליק געטהאן די צייט; עס איז שוין געווען ניט פריה. די שטונדען זיינען געווען געצעהלטע און איזידאר'ס לאגע איז געווא־רען אלץ קריטישער און קריטישער.

— עס, ווער וועט עס מיך זעהן! — האט ער זיך גענומען בע־רוהיגען — ווער וועט עס אויף מיר קוקען?

ער האט ווייטער גענומען געהן צום פאאן שאפ.

צוקומענדיג נאהענט צום סטאר, האט ער זיך נאך א מאל ארומ־געקוקט און ער איז אריין אינווייניג.

אין פאאן שאפ זיינען געשטאנען א פאר קאסטאמער. איזידאר האט זיי בעטראכט: דאס זיינען געווען עפעס אלץ אזעלכע אונבע־קאנטע פערזאנען, פאר וועלכע ער האט זיך גאר ניט געהאט וואס צו שרעקען.

ער האט פרייער אבגעאטהעמט, איז צוגעגאנגען צום בראקער און דערלאנגט איהם זיין אמברעלא.

דער בראקער האט זיך צו איהם א נייג געטהאן ווי צו אן אלטען בעקאנטען און האט גענומען בעטראכטען דעם וועזען.

— וויפיעל? — האט דער בראקער געפרעגט.

די טיהר האָט זיך געעפּענט און עס איז אריינגעקומען אַ מיידעל מיט אַ קליין באַנדעלע אונטער'ן אָרעם.

—צוויי דאָלאר... — האָט איזידאָר געענטפערט, און ער האָט אַ בליק געגעבען צום טהיר צו. ער האָט דערזעהן די אריינקומענדע — דאָס איז געווען זיין כלה...

זייערע בליקען האָבען זיך בעגעגענט.

ביי ביידען אין די געזיכטער האָבען זיך גענומען בייטען די קאָלירען, און זיי זיינען געבליבען שטעהן ווי דערשלאָגענע פון אַ דונער.

מיין נייער סעט מעבעל

אך, וואס פאר א מין לעבערליכע מיספערשטענדניס דאס איז געוועז. ווען איך טראכט וועגען דעם, ווילט זיך מיר צולאכען זיך פון זיך זעלבסט.

עס האט זיך צו יענער צייט אויפגעפיהרט מיין צווייטע פיעסע, וועלכע האט געהייסען „דוד און זיין טאכטער", און פאר וועלכער איך האב געקראגען פופציג דאלאר מיט איין מאל, און פינף דאלאר פאר מאכען אייניגע אויסבעסערונגען אין לעצטען אקט.

חוץ דער פיעסע האב איך צו יענער צייט געהאט נאך א שטיקעל טראבעל.

צו דעם ביסעל מעבעל ביי מיר אין הויז איז געקומען דער טרויעריגער סוף, וועלכען איך און מיין פרוי האבען ערווארטעט זייט יאהרען לאנג...

דער טיש אין דייניגג רום איז פון אלטקייט געפאלען פון די פיס, די שטולען האבען זיך געקרימט און „געלאהמט", מיין לאנדזש איז צופאלען פון געלעבטער, און די צוויי בעטלעך מיינע זיינען געוועזן אינגאנצען אויסער ארדער — עס האט איינפאך געשמעקט מיט סכנות נפשות אין די דאזיגע בעטלעך אוועקצולעגען זיך...

הכלל, מיר האבען געמוזט פערלעגען זיך אויף נייעם מעבעל, אדער ארויסמופען אין א האטעל.

קויפען מעבעל פאר קעש איז מיר צו יענער צייט געוועזן שווערליך, האב איך בעשלאסען צו נעהמען פארניטשור אויף אויסצאהלען. צו דעם האט מען געמוזט האבען איינעם ווער עס זאל פאר מיר גוט זאגען. אזוי ווי מען האט דאן אויפגעפיהרט מיין פיעסע מיט א גרויסען ערפאלג, און דער מענעדזשער פון טהעאטער איז געוועזן צו מיר זעהר פריינדליך, האב איך דא געזעהן א גוטע געלעגענהייט צו קריגען ווער עס זאל פאר מיר גוט זאגען אין פארניטשור סטאר. צו דעם האט זיך מיר דאן א גוטער חלום גע'חלום'ט: געזאגט האט מען

מיר, אז ווען א פיעסע מאכט אן עולפאַלג, קריעגט דער מחבר געוועהנ־ליך א פּרעזענט פון טהעאטער־מענעדזשער, און איך האָב דאָ געהאַנ־דעלט דיפּלאָמאַטיש. געהען בעטען פּרעזענטען וועל איך דאָך נאַטיר־ליך ניט, נור וואָס דען? אָט לאָמיך דערצעהלען דעם מענעדזשער, אז איך מוז נויטיג נעהמען א ביסעל פּוירניטשור אויף אויסצאָהלען... א קשיא אויף א מעשה? אפשר שטויסט ער זיך אָן און קויפט פאַר מיר פּוירניטשור — אזוי האָב איך געטראַכט, און איך האָב דעם פריינד־ליכען מענעדזשער דערצעהלט מיין טראָבעל...

דער מענעדזשער האָט געמאַכט א שווייג ווענען דער גאַנצער געשיכטע. איך האָב זיך געפיהלט זעהר בעליידיגט, האָב אָבער שטילערהייט מיין בעליידיגונג אַרונטערגעשלונגען און אויך געמאַכט א שווייג.

צו דעם נעקסטען פרייטאג, ווען מיין פיעסע האָט זיך אויפ־געפיהרט די צווייטע וואָך און איך בין אין טהעאטער געקומען, בעגעגענט מיך דער מענעדזשער מיט זעהר א פריינדליכען שמייכעל און זאָגט צו מיר:

— מיר האָבען פאַר אייך היינט א גוטען סורפּרייז.

— וואָס? — פרעג איך.

— איך האָב פאַר אייך געקויפט א נייעם סעט פּוירניטשור, א טהייערען, א שפּאָגעל נייעם סעט.

מיין הארץ האָט אויפגעשפּרונגען פאַר שמחה, און אין דער מינוט האָט דער גוטער מענעדזשער אויסגעקוקט אין מיינע אויגען ניט אלס מענש, נור אלס עפּעס א העכערעס, א הימעלשעס וועזען.

מיך האָט גענומען פערדריסען וואָרום איך האָב מיט עטליכע טעג צוריק, ווען איך האָב געגעבען אָנצוהערען ווענען מיין נויטיגען זיך אין א ביסעל מעבעל, וואָרום איך האָב דאַן דעם זעלבען מענעדזשער פערדעכטיגט אין אזוי פיעל שלעכטסקייט, און איך האָב שוין געוואָלט מיין פּערדרוס אויסדריקען מיט א הערציגער ענטשולדיגונג, ווען דער מענעדזשער האָט צו מיר ווידער גענומען רעדען:

— אלע פּערפאָסער זאָלען נור מיט מיר האנדלען, דען ביי מיר, אז א פיעסע נעהמט אוים, שפּאָר איך ניט קיין געלד. פאַראַכטאָגען האָב איך אייער פיעסע אויפגעפיהרט מיט אלטע מעבעל — היינטיגע וואָך האָב איך שוין פאַר דער פיעסע געקויפט ניי מעבעל... אָט, איהר

װעט באלד זעהן ווי שעהן עס קוקט אויס. דער גאנצער צימער װעט בליסטשען, די גאַנצע פּיעסע װעט גאָר אַן אנדער פּנים האָבען...

איך האָב נאַטירליך גלייך פערשטאַנען מיין ביטערען מיסטייק... דאַן האָט פון דיעזען מיסטייק מיר אין הארצען אָבגעריסען; נאָר יעצט, װען איך דערמאָן זיך װעגען יענער מיספערשטענדנים, װילט זיך מיר צולאַכען זיך אויפ׳ן קול...

אָנלי סטענדינג רום

די פּיעסע האָט געהאַט אַן אויסערגעוועהנליכען ערפאָלג....

מאַנאַטען לאַנג אַז די פּיעסע פיהרט זיך אויף און אימער, אימער איז דער טהעאַטער געפּאַקט צום דערשטיקט ווערען. טיקעטס זיינען אויספערקויפט פאַר וואָכען לאַנג פאָראויס, און צו די פאָרשטעלונגען פערקויפט מען נור שטעה־פּלעצער — אָנלי סטענדינג רום.

די מענעדזשמענט ווערט פערגולטען, דער עולם שלעפּט בערג מיט געלד אין דער קאַסע אריין.

די שוישפּיעלער און די איבריגע אָנגעשטעלטע פון טהעאַטער קריעגען בהרחבה זייערע סאַלאַרים. די מענעדזשערס, ועמען עס איז זעהר יום־טוב'דיג אויפ'ן הארצען שמייכלען פריינדליך צו יעדען איינעם, און צוזאַמען מיט'ן מענעדזשמענט שמייכעלט פרעהליך אַלעס ארום טהעאַטער.

עס שמייכעלט דער דאַרקיפּער ביים טהיר... עס קוועלט דער קאַסירער אהינטער זיין פענסטעריל.. יום־טוב'דיג קוקען אויס די אַשערס, עס קוועלען די וועגד פון טהעאַטער, מען הערט נור איין וואָרט:

ערפאָלג, אָנלי סטענדינג רום!

און וואו איז דער שרייבער? וואו איז דער שרייבער פון דער ערפאָלגרייכער פּיעסע?

עפּעס זעהט מען איהם ניט!

ביי זיך אין דער היים איז ער... די פּאָאר דאָלאר נשמה־געלד, וועלכע ער האָט פאַר דיזע פּיעסע בעקומען, זיינען שוין לאַנג אויף ברויט אוועק... לאַנג דאָרט שוין און קוואַרט זיין אָרימער קאָפּ אויף צו שאַפען נאָך אַן ערפאָלג... איז שוין א לאַנגע צייט אז מען זעהט איהם ניט אַן אין די אויגען, און אין טהעאַטער האָט מען וועגען דעם מחבר אין גאַנצען פערגעסען... ווענמען ליעגט עס אין קאָפּ צו טראַכטען וועגען עפּעס א פערפאַסער? א קלייניגקייט אַזאַ ערפאָלג — אָנלי סטענדינג רום!

נור אָט איז אויסגעפאלען די צייט, וואָס אויך דער ערפאָלגרייכער פערפאסער פערזוכט דעם טעם פון אָנלי, אָנלי סטענדינג רום.

ביי דעם שרייבער זיינען צוויי קינדערלעך קראנק געוואָרען... אוים מאנגעל אין ווינטערדיגע מלבושים'לעך, און ווייל עם האָט אויסגעפעהלט אַן איבריגער דאָלאר אויף צו קויפען שיכעלעך, האָבען זיך די קינדערלעך צוגעקיהלט, און יעצט ליעגען זיי קראנק... איינס האָט דיפטעריע; אַ צווייטעס מאטערט זיך מיט ניומאָניע...

די קינדער מוזען ליעגען אין צוויי בעזונדערע בעטלעך, צוויי בעזונדערע צימערען... די איבריגע צוויי קינדער, וועלכע זיינען נאָך דערווייל ניט קראנק געוואָרען, דארף מען טאקע ווייעדער האלטען בעזונדער.

צוויי בעטלעך האָט דער פערפאסער פערמאָגט... זיינען זיי יעצט פערנומען פון די צוויי קראנקע קינדער... די געזונדע קינדער שלאָפען אויפ'ן לאָנדזש.

דעם שרייבער'ס אלטער פאָטער און זיין פרוי'ס מוטער געפינען זיך דאָ יעצט. געקומען זיינען די אלטע לייט צולויפען טענדען דעם פערפאסער'ס קראנקע קינדער... נור יעצט איז נאכט, אלטע לייטע מוזען שלאָפען... האָט מען זיי ווי־עס־איז צולעגט אויף דעם מחבר'ס עטליכע שטולען.

אַ נוירס, וועלכע איז גענומען געוואָרען צו די קראנקע קינדער, איז אנדערעמעלט געוואָרען נעבען דעם קינד וועלכעס ברענט מיט ניומאָניא... דעם שרייבער'ס אויסגעפלאגטע, אויסגעמוטשעטע פרוי איז צוגעפאלען אין דער צווייטער בעטעל ביי דעם קינד וואָס שטיקט זיך מיט דיפטעריע...

אויפ'ן לאנגען טיש אין דייגינג־רום האָט זיך אויסגעצויגען דעם מחבר'ס אַ בּאָרדער און אין ראָקינג־טשער האָט איינגעדרעמעלט דעם שרייבער'ס אַ לאנדסמאַן.

דער לאנדסמאַן איז געקומען מבקר חולה זיין די קראנקע קינדער, נור אזוי ווי נעכטיגען האָט דער מאַן סאַי ווי סאַי ניט געהאַט וואוהין צו געהן, האָט ער זיך ניט געאיילט אוועקצוגעהן, און איז זיך געמיטהליך איינגעדרעמעלט אין ראָקינג־טשער... און ביי דעם מחבר אין הויז זיינען אלע פלעצער פערנומען, עס איז נור פערבליבען סטענדינג רום.

דער שרייבער בלאָנקעט זיך ארום אַ פערמוטשעטער צום טוידט,

די פיס זיינען איהם אונטערגעהאקט, דאָס הארץ ווערט יעדע ווײלע פערשטילט מיט מיעדקייט און שוואכקייט... כאָטש אויף איין מינוטעלע איינדרעמלען.... אויף א סעקונדע די מידע אויגען צושליסען... ניטאָ וואו צו לעגען זיך... ניטאָ אפילו וואו צו זעצען זיך — אָנלי סטענדינג רום!

אויף א ברעג טיש נעבען באָרדער ליעגט א אידישע צייטונג.... דער שרייבער נעהמט אין בלאט אריינקוקען... זיינע בליקען פאלען אויף די וועכענטליכע אנאָנסען וועגען די פראָגראמען אין די פערשיעדענע טהעאטערע... אָט לעזט ער וועגען זיין אייגענער פיעסע:

„א געוואלדיגער ערפאָלג... קיינע זיצע, אָנלי סטענדינג רום פאָר סייל!

און מיט דער צייטונג אין האנד, אָנגעשפּאַרט אָן בוק־קיים, שטעהענדיג, איז דער ערפאָלגרייכער פערפאסער איינגעשלאָפען. אָנלי סטענדינג רום!

דער ניט־בעשערטער פּאַבלישער

בערזין זוכט עפּעס א פּאַסענדע ביזנעס, פון וועלכער ער און זיין פאמיליע זאָלען קענען מאכען א לעבען בשלוה, און ער איז מרוצה פאר אזא געשעפטעל אָבצוצאָהלען פינף־הונדערט דאָלאר קעש.

אַלעס אין דער וועלט וועט ער קויפען, אבי נור מאכען א לעבען, בלויז א קענדי סטאָר וויל ער פאר קיין פאל ניט: א קענדי סטאָר האָט ער, ניט פאר קיינעם געדאכט, אָבגעהאַלטען פּער יאהר צייט, געקייט די ערד, שיער, שונאי ציון, משוגע געוואָרען פאר צרות, ביז דער טאַטע אין הימעל האָט געהאָלפען, עס איז געקומען א קאַסטאָמער און בערזין איז פון זיין זיסען ברויט פטור געוואָרען.

וויכט ער פון א קענדי סטאָר, נור ווייטער איז ער מרוצה אויף אַלעס, אבי אָן אנשטענדיגען לעבען מאַכען.

און בערזין זוכט, אקערט די ערד מיט'ן נאָז.

יעדען טאָג באַגינען שטעהט ער אויף, טהוט עפּעס א ביס אין דער גיך, זעגענט זיך מיט דער ווייב, מיט די קינדער, נעהמט מיט זיך זיינע כלי זין — עטליכע פּענסילס, אדרעסען, קאַרטעלס, א שרייב־ביכעל צו פערצייכענען נייע אדרעסען, בילס, בריעף, א. ז. וו....

קיידי, בערזין'ס ווייב, קריכט אריין אין די סטאַקינגס, נעהמט ארויס א דאָלאר, גיט דערביי א שווערען, שווערען, הערצרייסענדען זיפץ, און ווענדט זיך צו איהר מאַן מיט א שטומען פּאַרוואורף אין איהרע אויגען:

— נאָך א דאָלאר!

— נו, וואָס בין איך שולדיג? — ענטפערט טרויעריג בערזין, נעהמט דעם דאָלאר און געהט אוועק.

בערזין געהט גלייך צו צו א צייטונגס־סטענד, קויפט פאר א פּעני א צייטונג, קוקט דערפאר דורך אַלע צייטונגען, פילט אָן זיין ביכעל מיט אדרעסען, און לאָזט זיך אוועק טאַפּען די ווענד.

קוקען קוקט אוים בערזין עפּעס אויף א גוטען סיגאר סטענד, עס געפעלט איהם זעהר, וואָס דערביי דאַרף מען ניט ארבייטען דורכ'ן

מעת־לעת, און עס איז דאָ א פרייער זונטאג, נור פונדעסטוועגען זאָגט ער זיך ניט אָב פון קיין אנדער געשעפט.

א סטיישאָנערי סטאָר, א סיגאַר סטאָר, א הענד לאָונדרי, א קאָמבינייישאָן קאפע סאלון, אזוי א ביליגער סאלונטשיק, א קאָמישאָן בעקעריי, א צייטונגס ראָוד, א טהעע און קאָפע ראָוד א. ז. וו., א. ז. וו.

פאַר א טאָג געהט אוים בעראַזין אפשר טויזענד מייל, קוקט דורך, טאַפּט דורך הונדערטער ביזנעס, און האלבע נאַכט פאלט ער אריין א היים א דער׳הרג׳עטער, א טויטער, פול מיט אדרעסען, נור פון יעדען אדרעס איז נור א לאָך אין הארצען.

קיידי שלאָפט שוין געוועהנליך, שטעהט זי אויף פון בעט און קומט איהר מאן אנטקעגען.

ווארפט זי נור איין בליק אויף איהר מאן, זעהט זי שוין אז עס איז אין דר׳ערד, דאָך פרעגט זי:

— נו, וואס הערט זיך?

בעראַזין האט ניט קיין כח צו ענטפערן, שאָקעלט ער מיט׳ן קאָפּ, אלס צייכען, אז ניטאָ קיין ביזנעס.

— גאָרנישט? — פרעגט קיידי.

— גאָרנישט. — ענטפערט איזידאָר.

קיידי בלייבט זיצען פערזאָרגט.

ווען איזידאָר רוהט זיך אוים א ביסעל, טהוט ער אָן זיינע ברילען, נעהמט ארוים פון בוזים־פאקעט זיין ספר הזכרונות און נעהמט לעזען:

— א סטיישאָנערי סטאָר, אוי, א פיינע ביזנעס, מען צאָהלט הויכע רענט... עלעקטריק... פיין...

— נו? — פרעגט קיידי.

— מען בעט פופצעהן־טויזענד דאלאר. — לאָזט בעראַזין וויסען דעם פרייז פון דער ביזנעס.

— צו דיין קאָפּ, צו דיין לייב און לעבען! — שפייט אוים קיידי, דאָס איז דאָך א ביזנעס פאר וואנדערבילט׳ען, נישט פאר דיר.

— מען האט טאקע מיט מיר ניט געוואָלט רעדען. — ענטפערט בעראַזין און רעכענט ווייטער.

— א סיגאַר סטענד. מען דאַרף ארבייטען נור אכט שטונדען א טאָג, זונטאָג גאָרנישט.

— וויפיעל בעט מען? — פרעגט קיידי.

— פינף הונדערטער.
— איז דאָך גוט! — שפּרינגט אויף קיידי.
— איז דאָס א שווינדעל, עס טראָגט אפילו נים אויף רענט.
— דאָס אַלעס? — פרעגט קיידי.
— וואָס רעדסטו, עס איז דאָ א ים מיט געשעפטען.
— נו, נו, לאָמיר הערען.
און בעראָזין לעזט ווייטער:
— א טהעע און קאפע ראָוד.
— זאָל זיין א טהעע און קאפע ראָוד. — זאָגט קיידי.
— מען גיט אָן, אז עס זאָל טראָגען פערציג דאָלאר א וואָך, נור אז עס זאָל בלייבען צוועלף וועל איך זיין צופריעדען.
— בקיצור, זאָל זיין צוועלף, — זאָגט קיידי — בעסער ווי גאָרנישט.
— פיער הונדערט דאָלאר — לעזט בעראָזין ווייטער.
— איז דאָך דאָס טאקע פאר אונז.
— עס ציהט זיך פון סיטי האָלל ביז פעלהעם עוועניו... — לאָזט וויסען בעראָזין די ווייטקייט פון דעם טהעע און קאפע ראוד.
— אוי, ועה איז מיר! — פערברעכט קיידי די הענד.
— עס טענדט די ביזנעס א מאַן, זיין פרוי, פיער קינדער, אַן איידעם, א שנור, צוויי שוואָגערס און א גרינער קאָזין.
— לעז שוין ווייטער. — שלאָגט איבער קיידי איהר מאַן.
און בעראָזין לעזט און לעזט פון זיין אדרעסען־בוך, ביז וואנען עס ווערט פינסטער אין די אויגען אי קיידי'ן, אי בעראָזין'ען.
און בעראָזין נעהמט אויסגיסען זיין אָנגעקליבענע גאַל און נעהמט רעדען מיט הארץ.
שלעכט. עס זיינען דאָ געשעפטען צום פערקויפען, די מעקלער שווינדלען און גריבלען מיט ביזנעס, די ציימונגען זיינען פול, איבער־פילט מיט בארגיינס, נור אז מען נעהמט זיך צוקוקען, קען מען משוגע ווערען. עס כאפט אָן א ניט־גוטקייט. עס פערקויפען זיך סטאָרס, הייזער, וועלכע מען דארף ארונטערוואַרפען, ציימונגס־ראָודס, וועלכע ווערען רואינירט פון אָפּאָזישאנס, רעסטאָראנטס מיט אומזיסטע עסער, מילכיגע בוטשער סטאָרס...

— איז וואס וועט זיין? שלאגט ווידער קיידי איבער איהר פערצווייפעלטען מאן.

— איך ווייס ניט. — דריקט בעראזין מיט די פלייצעס.

— מיר וועלען דאך אזוי אויפעסען ביז א פעני! — מאכט קיידי.

— וואס קען איך זיך העלפען? — ענטפערט בעראזין — בעסער שוין אויפעסען די געלד, איידער אוועקגעבען דעם שווארץ־יאהר...

און בעראזין געהט אוועק שלאפען... אויף מארגען שטעהט ער אויף און געהט ווידער אוועק זוכען ביזנעס.

און אזוי איז אוועק צוויי חדשים. און ווען קיידי האט דערזעהן אז דער „ראלל“ אסיגנאציעס אין די זאקען ווערט זעהר דין, האט זי איין שעהנעם פרימארגען געזאגט צו איהר מאן פעסט און ענטשלאסען:

— אויס, בעראזין!

— וואס אויס? — האט בעראזין געפרעגט.

וועסטו היינט ניט דערקאזען א ביזנעס, איז נא מאר... אויס טרייען. זוך ארבייט.

דעם טאג האט בעראזין געארבייט אויף אלע כלים, ביינאכט ווען ער איז געקומען א היים, האט קיידי געפרעגט טאקע ווייטער פעסט און ענטשלאסען:

— וועלל?

— אלל־רייט. — האט בעראזין געענטפערט.

— געקויפט? — האט קיידי געפרעגט.

בעראזין האט ארויסגענומען דעם גוטען ביכעלע און גענומען רעדען.

— צוויי ביזנעס, אבער גאר שפאגעל נייע ביזנעס. פון ביידע קען מען האבען צו פינף־און־צוואנציג דאלאר א וואך. און מיט אונזער געלד קען מען דאס קריגען.

— וואס פאר א ביזנעס? — פרעגט קיידי.

— א פארטנער צו א פאבלישער. — זאגט בעראזין.

— א וואס? — פרעגט איבער קיידי.

— ביכלעך.

— וואס פאר א ביכלעך? — קוקט אן קיידי איהר מאן.

און בעראזין נעהמט ערקלערען דעם נייעם געשעפט.

— פאראנען דאַ אַ מאַן זעהר אַ בראַווער, זעהר אַן אָרענטליכער, לאַזט ער דרוקען אַזעלכע אידישע ביכלעך, מעשיות, געשיכטען... און מען פערקויפט עס... עס איז אַ קלאַנדייק, דאָס זאָל אַריינפאַלען אין רעכטע הענד, קען מען מאַכען גאָלד.

— צו וואָס־זשע דאַרף ער אַ פּאַרטנער, ווען מען קען מאַכען גאָלד? — פרעגט קיידי פערדעכטיג.

— ערשטענס, פעהלט אויס דעם מאַן עטליכע הונדערט דאָלאַר; צווייטענס, איז ער אַ שוואַכער מענש, און האָט קיין האַרץ ניט.

— אויף וואָס דאַרף מען דאָ די האַרץ? — פרעגט נאַאיוו קיידי.

— מען דאַרף האָבען צו טהאָן מיט אידישע שרייבער, קען מען פון זיי שפייען מיט גאַל. מען דאַרף נאָך זיי נאָכלויפען, נאָכגעהן, זיי זאָגען צו שרייבען, און אז עס קומט צו וואָס זיינען זיי אין דער־היים ניטאָ... אַנדערע דאַרף מען צאָהלען אין אַדוואַנס, זיי זיינען גרויסע אביונים, נעהמען זיי געלד און ווילען ניט אָבשרייבען... ווייטער זיינען זיי אַלע פייערדיגע יחסנים... איינעם שטעהט ניט אָן צו שרייבען מיט׳ן צווייטען... מען דאַרף יעדערען האַלטען אין איין לויבען, און אָבהיטען זיך פון צו זאָגען אַ גוט וואָרט אויף אַ צווייטען שרייבער... קען ער דאָס ניט... פאַר איהם איז דאָס שווער, וויל ער אַ פּאַרטנער... אָבער עס איז אַ זיכערע ביזנעס; מען קען מאַכען געלד...

— אַה, — האָט קיידי אַ מאַך געטהאָן מיט׳ן האַנד — עס געפעלט מיר ניט. געהערט גאָר אַ ביזנעס מיט שרייבער? וואָס איז די צווייטע ביזנעס?

— די צווייטע ביזנעס איז מיט פערד — האָט בעראַזין געלאָזט וויסען זיין וויב וועגען דער צווייטער ביזנעס.

— מיט פערד גאָר? — האָט קיידי אָנגעקוקט איהר מאַן, עפּעס אַזוי ווי איינע וואָלט געזאָגט: „וואָס רעדט ער היינט ווי פון היץ?“

— אַן עקספּרעס־ביזנעס. — ערקלערט בעראַזין.

— פאָרניטשור שלעפּען? — פרעגט קיידי, און איז שוין פאַרטיג אויסצושפייען זיך. איילט זיך צו בעראַזין און טהוט אַ זאָג:

— גאָט בעהיט.

— וואָס דען?

— עס איז אַזאַ מין ראָוד. מען פיהרט פערנאַנדער סחורה פון שעפּער אין סטאָרס.... עס איז אַ גרויסער ראָוד, דאַרף מען בעשעפּ־

טיגען א מענשען און צוויי פערד. מען דארף האָרעווען, מען מאַכט אפילו געלד... אָבער...

— וואָס אָבער? — האָט קיידי אונטערגעכאַפּט.

— מיט פערד איז טראָבעל.

— וואָס פאַר א טראָבעל? — פרעגט קיידי.

— ביי דעם מאַן, וועלכער עס פערקויפט די ביזנעס, זיינען היינ־טיגען זונטאג צוויי פערד געפאַלען... מען קען אפילו די פערד פער־אינשורען... עס איז אבער טראָבעל...

קיידי האָט זיך פערטראַכט א ווײַלע און האָט געזאָגט:

— די צווייטע ביזנעס לעגט זיך מיר בעסער אויפ'ן שכל.

בעראָזין האָט געפאָלגט זיין ווייב, און דער ניט־בעשערטער פּאָבלישער איז געבליעבען ביי דער ביזנעס מיט די פערד.

די רעוואָלוציאָנערקע און די אידענע.

די רעוואָלוציאָנערקע האָב איך בעגעגענט אויף א סאָציאַליסטי־שער אונטערנעהמונג. דאכט זיך מיר, עס איז געווען עפּעס אזא מין פּעקעדזש פּארטי, וועלכע איז אראנזשירט געוואָרען מיט דער אבזיכט צו אונטערשטיצען די פּאָליטישע פערשיקטע אין רוסלאנד.

די רעוואָלוציאָנערקע איז ארומגעגאנגען מיט א ביכעלע אין האנד און געקליבען סובסקרייבערס פאר עפּעס א בילד, וועלכע עס האָט אויף דער געגעבענער אונטערנעהמונג בעדארפט געראפעלט ווערען.

זי איז אויף דער געגעבענער אונטערנעהמונג געווען ניט די איינ־ציגע וועלכע האָט זיך בעשעפטיגט מיט קלייבען סובסקרייבערס פאר פערשיעדענע ראפעלס. נאָך אייניגע פרויען זיינען גראדע אזוי ווי זי ארומגעגאנגען מיט ביכעלעך אין די הענד, דאָך האָט זי צו זיך געצויגען די מעהרסטע אויפמערקזאמקייט.

ערשטענס איז די פרוי געווען זעהר עלעגאנט געקליידעט: א גוטע זיידענע דרעס, מיט א לאנגער שלעפּע, א וואהרע פּרינצעסין, און אויפ'ן קאָפּ האָט זי געטראָגען א גאנצען טהורעם מיט צוגעטשעפּעטע „פּאָפּס“, און דער דאָזיגער האָריגער טהורעם איז געווען אזוי ניט נאָרמאַל, אזוי משונה'דיג הויך, אז דאָס האָט זיך געמוזט יעדען איינעם אין די אויגען ווארפען.

צווייטענס, האָט די פרוי געצויגען אויפמערקזאמקייט מיט איהר ארט רעדען. גערעדט האָט זי רוסיש, אָבער דיזעס וואָלט זי פון כלל ניט ארויסגענומען, ווייל די אונטערנעהמונג איז געווען בעזוכט מעהרסטענטהיילס פון דער אידיש־רוסישער אריסטאָקראטישער איינ־טעליגענץ, און זי איז געווען ווייט ניט די איינציגע, וועלכע האָט רוסיש גערעדט, דאָך איז זי געווען אן אויסנאַהמע — עפּעס האָט זי גערעדט מיט אזא שניידענדען "פאָניע"־אקצענט, עס האָט זיך געדאכט, אז מיט יעדען אויסגערעדטען וואָרט האָט זי געוואָלט געבען צו פערשטעהען דעם עולם, אז זי איז דאָך אן אויסנאַהמע ; עס האָט זיך געדאכט, אזוי ווי זי וואָלט מיט איהר שניידענדען אקצענט געוואָלט געבען אָנצוהערען : איהר רעדט אַלע רוסיש, און איך רעד אויך רוסיש, — אבער עס איז דאָך אן אונטערשיעד צווישען מיר און אייך... אָן

אייער רעדען קען מען דערקענען, אז איהר זייט ניט מעהר ווי זינדיגע אידען, אבער מיך קען מען טאקע אנגעהמען פאר א וואהרער פראוואַ־סלאוונער „רוסאצקע", און מען האט געזעהען, אז די פרויקע האט שטארק הנאה פון דעם, וואס זי רעדט אזוי אויסגעצייכענט רוסיש.

האט זי געצויגען צו זיך אויף מיין אויפמערקזאמקייט. איך האב זיך געווענדעט צו מיינעם א פריינד, א יונגענמאן, וועלכער בעזוכט אפט די בעלער פון דער רוסיש־אידישער אינטעליגענץ, און האב איהם געפרעגט:

— קענט איהר די פרוי?

— געוויס, דאס איז די מאדאם סטאלבניאק. — ערקלערט מיר מיין פריינד.

— ווער איז זי? וואס איז זי? ווער איז איהר מאן? — פרעג איך ווייטער.

— איהר מאן איז א בעקאנטער רעוואלוציאנער ,ער ארבייט אלס קאלעקטאר אין א געוויסער ריעל־עסטייט קאמפאניע, און איז גוט אב; זי איז א טהעטיגע רעוואלוציאנערקע.

— אין וואס בעשטעהט איהר טהעטיגקייט?

מיין פריינד האט זיך אויף א ווײלע פערלארען, הפנים, ווייל ער האט צו דער מינוט ניט געהאט קיין בעשטימטען ענטפער אויף מיין פראגע. באלד איז דער יונגערמאן צו זיך געקומען, און ענטפערט מיר:

— אט אזוי ווי איהר זעהט זי יעצט, אזוי איז זי אימער. ארראנ־זשירט אונטערנעהמונגען, פערקויפט ראפעל־טיקעטס און די פראפיטען געהען פאר די פאליטישע מארטירער פון רוסלאנד.

און ווי מיר רעדען אזוי, קומט די רעוואלוציאנערקע צו צו אונז און פרעגט מיך, נאטירליך אין עכט רוסיש, אויב איך וויל סובסקריי־בען זיך פאר א ראפעל.

איך האב זיך סובסקרייבט, און צו דער צייט ווען די פרוי האט מיין נאמען פערשריבען אין איהר ביכעלע, האב איך זיך צו איהר אביסעל צוגעקוקט.

דאס געזיכט איז געווען אינגאנצען פערשטוקאטורעוועט מיט פערשיעדענע פארבען. די ליפען זיינען געווען אבגעפארבט אויף רויט; די ברעמען און די „איי־לעשעס" שווארץ; די באקען — ווייס־

רוימלעך... און די ארבייט איז געווען אָבגעמאַכט גאַנץ נעט, הפּנים זי איז שוין געניט אין דער מלאכה. די סליווס אין דער זיידענער קלייד זיינען געווען זעהר קורץ, און עס האָבען זיך אַריבער די אָרעמס ארויסגעזעהען איהרע נאַקעטע הענד, אויך געפּאַרבט; אָרום האַלז איז די דרעס געווען ברייט דעקאָלטע, און עס האָט זיך ארויסגעזעהן א געפּאַרבטע האַרץ.

צום דרעס איז געווען צוגעפּינט א ברייטער רויטער זיידענער בענדזש, וואו עס איז בפירוש געווען געדרוקט אין שעהנע גאָלדענע בוכשטאַבען, אז די בעטרעפענדע פּערזאָן איז א מיטגליעד אין א רעוואָלוציאָנערען פעראיין, און יעצט, נאַטירליך, האָט שוין ביי מיר קיין שום פראגע ניט געקענט זיין, אז די מאדאם סטאָלבניאַק איז א רעוואָלוציאָנערקע.

מיין פריינד האָט אונז פאַרגעשטעלט, און אויף די געפּאַרבטע ליפּען פון דער רעוואָלוציאָנערקע האָט זיך אויסגעלעגט א וואהרער מאיעסטעטישער שמייכעל.

ווען מיין פריינד האָט זיך אויסגערעדט, אז איך בין א „פּיסאַ־טעל“, איז די מאדאם סטאָלבניאַק געוואָרען זעהר פּעראינטערעסירט מיט מיר, אָבער ווען דערזעלבער פריינד מיינער האָט ווייטער גערעדט און אויסגעזאָגט אויף מיר, אז איך שרייב אין אידישע צייטונגען, האָט עס די רעוואָלוציאָנערקע אָבגעגאָסען ווי מיט קאַלטע וואַסער, און זי האָט מיט גרוים שטאָלץ געענטפערט, נאַטירליך אין עכט רוסיש:

— איך לעז ניט קיין אידיש.

— רעדט איהר אידיש? — האָב איך געפרעגט.

און פון מיין אונשולדיגער פראגע האָט זיך מאדאם סטאָלבניאַק געפיהלט אזוי בעליידיגט, עפּעס אזוי ווי איך וואָלט איהר אויפ־געוואָרפען וועגען עפּעס א שווערען ניעדריגען פערברעכען.

— ניין! — האָט זי אויסגעשריען כמעט ווי מיט רציחה. ווייטער רעדען מיט מיר האָט די רעוואָלוציאָנערקע שוין ניט געהע־כענט פאַר נויטיג און זי איז אוועק מיט איהר ביכעלע זוכען ווירדיגערע קאָסטאָמער.

* * *

מיט דער אידענע האָב איך זיך בעגעגענט אויף א מיטינג פון אידישע סטרייקערינס פאַר ביליגערע פלייש.

דאָס איז געווען אַ בלאָנדע פרוי פון עטליכע און דרייסיג יאהר, מיט אַ מערקווירדיג סימפּאַטישען אידישען פּנים, זעהר איינפאַך, זעהר אָרים געקליידעט.

די פרוי האָט גענומען ביי דער טשער־לײדי דאָס וואָרט און זי האָט גענומען אינסטרואירען ווי אַזוי פּיקעטס פון די פליישׁ סטרייקע־רינס דאַרפען זיך בעגעהן, ווען זיי וועלען דערזעהן אַ וואָגען מיט סקעב־פליישׁ.

— דערזעהט איהר אַ וואָגען מיט פליישׁ, — האָט די פרוי גערעדט עפּעס מיט אַ טיעפער בעגייסטערונג — ווי נור איהר דער־טאַפּט אַ וואָגען מיט פליישׁ, טרעט ניט אָב, פערקלייבט זיך פון הינטען, הענגט זיך אָן דעם וואָגען, פאָהרט מיט, זעהט אין וועלכען סקעב־סטאָר מען וויל די פליישׁ אַראָבלעגען און דאַן מאַכט אַ געשריי אַזוי, אַז דעם סקעב־בוטשער זאָל ווערען פינסטער און ביטער.

שטעלט זיך אוועק אַ פרוי און פרעגט:

— און וואָס טהוט מען, ווען אַהינטער'ן וואָגען זיצט אַ מאַן און וואַטשט די פליישׁ?

— האָט מען דעם מאַן אין דר'ערד, — ענטפערט די בלאָנדע פרוי — שטעלט מען זיך אוועק זייט ביי זייט נעבען דעם וואַטשער.

— און ווען ער כאַפּט און גיט קלעפּ? — פרעגט אַ צווייטע פרוי.

— נעהמט מען צו און מען גיט צוריק, — ענטפערט די בלאָנדע פרוי — און מען לויפט צופוס נאָך דעם וואָגען, דזשאַסט ווי מיט מיר איז געווען — מען האָט מיר אַריינגעפּאַהרען אַ פּאַטש אין באַק, האָב איך געגעבען צוויי צוריק.

און ווען אַ פּאָליסמאַן איז אויף די אויגען? פרעגט ווידער אַ פרוי פון די סטרייקערינס.

— מען דאַרף זיך ניט דערשרעקען. — ענטפערט די בלאָנדע פרוי — מיך האָט שוין אַ פּאָליסמאַן צוויי מאָל געשלאָגען און אָט לעב איך דאָך!

איך בין צוגעקומען צו דער פרוי און פרעג איהר:

— ווער זייט איהר? ווי איז אייער נאָמען?

— אַנטקעגען וואָס איז דאָס? — פרעגט די בלאָנדינקע.

— מאַכט זיך אַריין אַן אַנדער פרוי און שטעלט מיך פאַר:

— דאָס איז אַ שרייבער פון אַ צייטונג.

— נו, איז צו וואָס דאַרף ער וויסען ווער איך בין? — פרעגט די בלאָנדע פרוי איהר מיט־סטרייקערין.

— ער וויל דיך מסתמא בעשרייבען. — ערקלערט די סטרייקערין.

די בלאָנדינקע ווענדעט זיך צו מיר מיט אַ נייגיעריגען שמייכעל און פרעגט מיך זעהר איינפאַך:

— איהר ווילט בעשרייבען ווי איך סטרייק פאַר ביליגערע פלייש?

— יעס, — זאָג איך — איך וואָלט וועלען.

— שרייבט אז עס איז אַ וואָך צייט, ווי איך האָב שוין ניט געשלאָפען — ענטפערט די בלאָנדע פרוי — שרייבט, אז גאַנצע נעכט פיקעט מען, און ווען עס קומט אויס לויפען נאָך אַ וואָגען פלייש, לויפט מען שנעלער פון די פערד... שרייבט, אַז איך האָב שוין גענוג קלעפּ געליזט, נור מיט קלעפּ שרעקט מען מיך ניט איבער — איך קען צונעהמען אַ קלאַפּ און קען געבען צוריק.

— ווער זייט איהר? — פרעג איך די בלאָנדע פרוי — ווי איז אייער נאָמען?

— אַ נפקא מינה ווי איך הייס? — ענטפערט די סטרייקערין — וואָס איז ניט אַלץ איינס, באָסיע אָדער סאָסיע? שרייבט, אַ פּליינע אידענע, אַ אידענע פון אַ גאַנצע וואָך!

א סצענע צום טרעפען.

מיר שפּאַציערען איבער'ן פּארק... אבענדצייט איז שטיל אין פּארק, די מאַסקיטאָס בעהערשען דעם גרינעם ווינקעל און פערטרייבען די מענשען מיט אזא אזארט, עפּעס אזוי ווי זיי וואָלטען געווירקט דורך א שטרענגען בעפעהל פון דער רעגיערונג.

פון דער ווייטען זעהען מיר, ווי אויפ'ן גרינעם גראָז ליעגט אויסגעצויגען א פיגור פון א מאַן און נעבען איהם זיצט א פרוי.

— א „פּאַארעל"...— בעמערקט אויף דעם די פּערזאָן, וועלכע עס שפּאַנט מיט מיר צוזאַמען.

מיר געהען ווייטער, נעהענטער צו דער „פּאַארעל".

— און זיי זיינען אַזוי פערטיעפט, וואהרשיינליך אין א ליעבעסגעשפּרעך, — רעדט ווייטער די פּערזאָן, וועלכע עס געהט מיט מיר — אז זיי פיהלען גאַרניט די מאַסקיטאָס.

— יעס, גיב איך צו — זיי מוזען שמועסען וועגען ליעבע, ווארום נור ליעבע קען בעקעמפּפען מאַסקיטאָס. און זאָגען זאָג איך עס ניט גלאַט אין דער וועלט אריין. איך זאָג עס אויס ערפאַהרונג.

די צווייטע פּערזאָן ווייס דאָס.

מיר קומען צו נעהענטער.

דעם מאַנ'ס געזיכט איז איבערגעדעקט מיט א ציטונג און די פרוי רעדט עפּעס.

— עס איז עפּעס ניט אַזוי אַנשטענדיג, — מאַכט צו מיר די צווייטע פּערזאָן — עס פּאַסט ניט פאַר געליעבטע אז ער זאָל האַלטען דעם געזיכט צוגעדעקט אין דער צייט ווען זי רעדט אויס מיט ברענענדע ווערטער איהר הייליגע ליידענשאַפט.

— עס איז טאַקע ניט פיין. — גיב איך צו.

— אפשר איז שוין נאָך זייער חתונה... — פּרובירט טרעפען די צווייטע פּערזאָן.

— זעהר מעגליך. — האָב איך גאַרנישט דאַגעגען.

און מיר קומען אַלץ נעהענטער צו דער „פּאַארעל".

אין דער צייט ווען מיר געהען רייסען פון אונז מאַסקיטאָס שטיקער פלייש, נור מיר בעקעמפּפען זיי און געהען ווייטער אין אונזער וועג.

— אוי, זעה נור, זעה נור!

— וואָס איז? — פרעג איך כמעט ווי דערשראָקען.

— קוק אויף זיי!

— וועלל?

— מיר שיינט אז זי וויינט...

איך קוק זיך צו. יעס, ריכטיג, זי וויינט, און ווישט זיך מיט א נאָזטיכעל די טרערען פון איהרע אויגען.... זי וויינט און רעדט, רעדט און וויינט.

— איז דאָס הפנים ניט קיין ליעבע. — מאכט די צווייטע פערזאָן, און פערבלייבענדיג א ווײלע פערטראַכט גיט זי צו:

— און אפשר איז דאָס א רואינע פון א געוועזענער ליעבע.

— מעגליך. — ענטפער איך.

— ששש! האָסטו געהערט?

— יעס. — ענטפער איך.

— האָסטו געהערט, וואָס ער האָט א זאָג געטהאָן.

— יעס, איך הער ער טרייבט זי פון זיך מיט גראָבע הערצלאָזע ווערטער.

און זי רעדט און זי וויינט, נור וואָס זי רעדט קען מען ניט הערען מיר געהען צו נאָך נעהענטער, זי בעמערקט אונז. זי ווישט אוים שנעל איהרע פערוויינטע אויגען, און מיר קוקען זיך צו צו איהר.

— נאָך גאָר א יונגעטשקע...

— א יאהר זיעבענצעהן, אכטצעהן. — גיב איך מיין מיינונג. פלוצלונג האָבען זיי זיך אויפגעהויבען און אוועק.

— זעה נאָר! — האָט געזאָגט מיין בעגלייטער.

— וואָס? — האָב איך געפרעגט.

— די פרוי...

— וועלל?

— איז ניט נאָרמאַל אין איהר טאַליע...

און ווען איך האָב זיך עטוואָס מעהר צוגעקוקט, האָב איך געענטפערט:

— יעס, איך בעמערק.

די פּאָארעל איז אונז פערבייגעגאַנגען און פון זייער געשפּרעך האָבען מיר געקענט דערכאַפּען א פּאָר פראַזען:

— וואוהין זאָל איך געהן? — האָט די אונגליקליכע פרוי געפרעגט מיט אַ מילדער וויינענדיגער שטימע.

— איך וויים ניט! — האָט געענטפערט דער מאַן, און זיין ענטפער האָט עפּעס אָבגעקלונגען ווי דער קלאַפּ פון אַ טומפּען אייזען.

— איך וויים ניט וואוהין צו געהן... — האָט די פרוי ווייטער געזאָגט.

— איך קען דיר ניט העלפען. — האָט געענטפערט טרוקען און קאַלט די מענערשע שטימע.

און זיי זיינען אַוועק אין אַ זייטיגער וועג, און מען האָט זיי מעהר ניט געקענט זעהען.

אין פּאַרק איז געוואָרען דונקעלער און דונקעלער. עס איז געוואָרען אַ לייכטער ווינטעל, וועלכער האָט בעוועגט די סאַמע שפּי־צען פון די בוימער, און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק אַזוי ווי די גרינע העלדען וואָלטען געקושט און גע'סוד'עט זיך. וואו־ניט־וואו האָבען פייגעלעך געטשירקעט, פון אַ נאָהענטען זומפּ האָט זיך צו אונז דערטראָגען דער מעלאַנכאָלישער אבענד־מורמלען פון די זומפּ־בעשעפּענישען. אויפ'ן הימעל האָבען די שטערן גענומען ליכטיגער און שטאָלצער פינקלען, און ווען די מאָסקיטאָס וואָלטען ניט דערעסען דאָס לעבען וואָלט מען געקענט זאָגען, אַז דער אָרט איז געווען פול מיט פּאָעזיע.

איך האָב זיך פערטראַכט. מיר האָט זיך אַזוי געוואָלט וויסען ווער די פּאָארעל איז געווען. מיר האָט זיך אַזוי געוואָלט דערוויסען דעם טרויעריגען שיקזאַל פון דער אָרעמער יונגער פרוי. אָבער וואָס האָב איך געקענט וויסען? דאָס איז געווען נור אַ סצענע צום טרעפען.

* * *

שפּעט אין דער נאַכט, ווען מיר זיינען געגאַנגען פון פּאַרק, האָב'ן מיר זיך ווייטער אָנגעטראָפען אויף איהר... אָבער אויף איהר אַליין, איהם האָט מען ניט געקענט זעהן.

ווען מיר האָבען זי דערזעהן, האָבען מיר ביידע אויסגעשריען ווי פון שרעק... און זי האָט זיך פון אונז גענומען שנעל דערווייטערען, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט פאַר אונז מורא געהאַט.

ווער קען עס וויסען וואָס פאַר אַן אונגליק דער פרוי איז גע־שעהען? — אונזער וועלטעל איז אַזוי רייך אין צרות.

דער סוד פון דעם

און דער פאמיליען־לעבען ביי די קענדעלמאנס האט זיך אין גאנצען איבערגעביטען. און דער פלעצליכער איבערבייט האט זיך אזוי דייטליך געווארפען אין די אויגען, אז שכנים האבען דאס גענומען אויף די צינגער.

אט שטעהען עטליכע ווייבער, שכנות פון די קענדעלמאנס און מען פיהרט אט אזא מין שמועס:

— וואס איהר זאגט, א אידישע נשמה קען מען גאר קיינמאל ניט אבשאצען... — רעדט איין ווייבעל מיט א לאנגען נאז און מיט א ברייטען מויל — די קענדעלמאנס, ווי די טייבעלעך לעבען זיי יעצט, און, דאכט זיך, גאר ניט לאנג האט ער געקעהרט פאר זיין ווייב ווי פאר דעם פאר־א־יאהריגען שנעע.

— מען האט זיי נעווער געזעהן געהען צוזאמען; תמיד, ער בעזונדער, זי בעזונדער, — בעמערקט נאך א ווייבעל מיט א פאר שנעל־לויפענדע אויגען און א לייכטער „מאסטעש“ אויף דער אויבער־שטער ליפ — און אצינד איז משיח׳ס צייטען: תמיד אין איינעם, וואו זי איז, דארט איז ער, עס איז געווארען א לעבען ווי א טאג נאך דער חתונה.

—ווי א וואך פאר דער חתונה... — בעמערקט נאך א ווייבעל.

— קומט ער אהיים פון דער ארבייט און טרעפט זי ניט, לויפט ער ארום ווי א פער׳סם׳טער צו אלע שכנים זוכען זי. — דערצעהלט נאך א שכנה.

— לענגער איז זי אוועק אין פארק און ער האט זי ניט אזוי שנעל געקענט געפינען, איז פון דעם מאן געווארען א בארג אש.

נסים, — טהוט א זאג די קענדעלמאנס א „נעקסט־דאריגע“ שכנה — טאקע הוילע נסים... ווער האט נאך געקענט די קענדעלמאנס אזוי גוט ווי איך? איך זאג אייך, ווען דער מאן פלעגט קומען אהיים און ער פלעגט זי ניט טרעפען, איז ניט וואס ער פלעגט זי זוכען, ער פלעגט זיין זעהר גערן מיט דעם. עס פלעגט ניט זיין דער טאג וואס מען זאל זיך ניט ארומרייסען. אן אנדערס מאל פלעגט זי אוועק־

פאַהרען אויף גאַנצע וואָכען צו איהרער א שוועסטער אין בראַנזוויל, און ער פלעגט זיין זעהר צופריעדען און פלעגט זיך לאָזען אָהן איהר וואוילגעהן. היינט איז ביי זיי געוואָרען א לעבען ווי ביי צוויי טייבעלעך. עס איז שטיל, רוהיג און פיין, און מען שיידט זיך ניט אויף איין מינוט.

— זי האָט געמוזט איינגעבען איהר מאַן ליעבעס־טראָפּען... — מאַכט איין ווייבעל, טהוט דערביי א וואונק אַזוי שעלמיש מיט די אויגען און צולאַכט זיך.

— אפשר האָט ער בעמערקט, אַז אַן אַנדערער שאַרט זיך אַרום איהר, איז זי איהם געוואָרען זיס און טהייער... — פּרובירט נאָך א שכנה טרעפען.

— ווער וועט זיך צו איהר שאַרען? — צושלאָגט איין ברעק־ברעקלעך די לעצטע בעהויפּטונג אַן אַנדער פרוי — ווער וועט עס וועלען אויף איהר א קוק טהאָן? יענע איז קוים וואָס זי אָטהעמט, זי איז אַלט תרח׳ס יאָהרען און איהר פּנים איז שוין צוקנייטשט ווי א זויערע אוגערקע.

— אפשר דאַרף איהר אָנקומען א גרויסע ירושה, דערפאַר חנפ׳עט ער זי?

— וואָס ירושה? ווען ירושה? יענע שטאַמט פון פייערדיגע אביונים.

— אפשר האָט זי אריינגעלאָזען א יונגען באָרדער? — זאָגט זיך אָב א ווייבעל אין א צוריסענעם ראָפּער — ביי די גומבינס איז אַזוי געוועזען. דאָרטען האָט אויך דער מאַן ניט געקהרט פאַר זיין ווייב, האָט זי פערדונגען די פראָנט־רום צו א באָרדער, יעצט איז שוין גומבין גאָר אַן אַנדער מענש, היט זיין פרוי ווי א הונד א פגירה.

— זי האָט ניט קיין באָרדער. — לאָזט וויסען די קענדעלמאַנס „נעקסטע דאָריגע" שכנה.

—טאָקע ניט מעהר ווי א כשוף...

* * *

אפשר איבערטרייבען די פרויען אביסעל די געשיכטע, אַזוי ווי עס איז גאַנץ נאַטירליך פאַר פרויען, אָבער די מעשה איז ווירקליך א שטיק אמת.

דער פאמיליען־לעבען פון די קענדרעלמאנס האט זיך טאקע פיעל געביטען די לעצטע צייטען, געביטען צום בעסערען, נור די אורזאכע פון דעם האבען די ווייבער ניט געטראפען.

מיסיס קענדרעלמאן האט איהר מאן קיין ליעבעס־טראפען ניט איינגעגעבען, קיינער שארט זיך ניט צו דער ווייבעל, קיין ירושה ערווארטעט זי אויך ניט.

הערט א געשיכטע, וואס עס קען צובינדען א מאן צו א פרוי!

קענדרעלמאן האט געהאלטען א סיגאר סטענד, עפעס אין א גרויסער אפיס בילדינג, אויף סאמע בראדוויי, און פון דעם האבען די קענדרעלמאנס געמאכט א לעבען, און א גאנץ פיינעם לעבען.

אבער אזוי לאנג ווי די אויג איז אפען בענוגענט זיך דער זינדיגער מענש מיט גארניט אויף דער וועלט. האט קענדרעלמאן בעשלאסען צו פערהאנדלען זיין סיגאר סטענד און קויפען עפעס א גרעסערע ביזנעס וואס זאל טראגען א גרעסערען ריוח.

געזאגט און געטהאן, און קענדרעלמאן האט אין איין שעהנעם טאג זיין ביזנעס פערקויפט און דער מאן האט פאר דער חזקה פון דעם סיגאר־סטענד בעקומען אכט־הונדערט דאלאר.

ווען קענדרעלמאן האט דערזעהען אזא אייגענס מיט געלד, איז איהם געווארען אזוי ליכטיג אין די אויגען און אזוי גוט און ווארם אויפ'ן הארצען, און ער האט צו די גרינע, ווייכינקע אסיגנאציעס געקראגען אזא טיעפע ליעבע, אז ער האט גלייך אויפגעגעבען דעם געדאנק צו קויפען אן אנדער ביזנעס און צו שיידען זיך מיט זיינע טהייערע הונדערטער. און דער געוועזענער סטארקיפער האט צו זיין ווייב אזוי געזאגט:

— קונע, איך וועל די אכט־הונדערט דאלאר אין באנק אוועקלעגען.

— שור, — האט קונע געענטפערט — געוויס אין די בײנק, ביז דער אויבערשטער וועט העלפען און דו וועסט זיך אנזעהן אן אנדער געשעפט וועסטו די געלד צוריק ארויסנעהמען.

— נא, — האט קענדרעלמאן איבערגעשלאגען זיין בעסערע העלפט — ניט דאס מיין איך.

— ניט דאס? וואס־זשע דען מיינסטו?

— איך וועל קיין ביזנעס ניט קויפען. איך וועל ניט געהן אוועק־געבען אן איינענס מיט געלד פאר א נעבטיגען טאג.

— וואס דען וועסטו טהאן? — האט קונע געפרעגט — מען מוז דאך מאכען א לעבען.

— איך בין ניט קיין בלינדער און ניט קיין שטומער, — האט קענדרעלמאן געזאגט — איך וועל מאכען א לעבען. איך וועל טרייען עפעס טהאן. טויזענדער מענשען מאכען א לעבען אהן ביזנעס, וועל איך אויך פרובירען.

— אדרבה! — האט קונע געגעבען מוטה איהר מאן.

קענדרעלמאן האט אוועקגעלעגט די שווערע, ליעבע הונדערטער אין די ביינק, און האט זיך גענומען פעדלען מיט א פעטענט־מעדיצין פאר היהנער־אויגען.

קענדרעלמאן האט ביי זיין נייער פרנסה אויך געמאכט א לעבען, נור גליקליך און רוהיג האט ער זיך ניט געקענט פיהלען. דאס וואס די ליעבע אסיגנאציעס זיינען געלעגען ערגעץ־וואו אין א בייכק האט דעם ארימען קערל געמאכט אונגליקליך און אונרוהיג.

אמת, ער האט פערמאגט א באנק־ביכעל און מיט דעם ביכעלע פלעגט ער זיך קוויקען. אין זיינע פרייע שטונדען פלעגט ער נור האלטען זיך מיט דעם באנק־ביכעל און פלעגט פון דעם טהייערען וועזען אן אויג ניט אראבנעהמען, אבער דאך פלעגט ער ניט פיהלען יענעם ווארעמען פערגניגען, יענעם זיסען נחת, וועלכען ער האט געפיהלט, ווען ער פלעגט צעהלען אליין, זיי, די אסיגנאציעס.

די אסיגנאציעס זיינען געווען טהייער אזוי ווי שעהנע, ליעבע, טהייערע קינדערלעך... דער באנק־ביכעל איז עפעס ניט דאס, עס איז להבדיל ווי א בריעף פון די קינדער. זיי שרייבען, זיי זיינען גאט צו דאנקען גאנץ, זיי לעבען און זיינען געזונד, אבער דאך זיינען זיי אין דער פרעמד. און קענדרעלמאן האט געבענקט, שטארק געבענקט נאך זיינע קינדער, די ליעבינקע „גרינבעקס", און די הארץ זיינע האט א ווארים געגעסען.

אין איין טאג קומט אן צו קענדרעלמאן א נייעס, אז דאון־טאון האבען צוויי בענק געפלאצט...

קענדרעלמאן און קונע זיינען פערציטערט געווארען... זיי האבען גלייך דערפיהלט, אז זייערע קינדערלעך זיינען אויך ניט זיכער.

ביידענס הערצער זיינען פערשטארבען געווארען פאר שרעק און נאך אין דעם זעלבען טאג האבען די קענדעלמאנס געסט געהאט, ליעבע, טהייערע געסט — זייערע פערוואגעלטע קינדערלעך, זייערע אסיגנאציעם זיינען וויעדער געווען צו הויז.

און איצט איז ביי די בערוהיגטע קענדעלמאנס ענטשטאנען א פראגע, ווי אזוי די געלד צו בעהאלטען, און נאך א לאנגען בעראטהען זיך איז בעשלאסען געווארען, אז די געלד זאל קונע בעהאלטען.

קונע האט אויפגענעהם א שטארקע לעדערנע בייטעלע, האט אין דעם די אסיגנאציעם אוועקגעלעגט און עס אנגעטהאן ביי זיך אויפ'ן האלז...

און דער גרויסער נס איז געשעהן — דער גאנצער פאמיליען־לעבען האט זיך געביטען ביי די קענדעלמאנס.

דער מאן האט זיין פרוי געהיט אזוי ווי די שווארצאפעל אין אויג. ער געהט איהר נאך ווי א שאטען... און פערליערט ער איהר סליאד אויף א ווייל, געהט איהם אוועק די נשמה אין די שפיץ פינגער.

און די שכנים וואונדערן זיך און ווייסען ניט וואו דער הונד ליעגט בעגראבען.

צוויי פרויען

איך קען א פרוי.

די פרוי איז א מוטער פון א קליינער, שעהנער בייבעלע.

ווען דיעזע פרוי וואלט גערעכענט פאר נויטיג צו דערצעהלען די געשיכטע צו וואס און ווי אזוי זי איז א מוטער געווארען, וואלט זי אונגעפעהר פאלגענדעס געהאט מיטצוטהיילען:

„איך בין געווען א שאפ־מיידעל. מיין בליהענדע יוגענד איז לאנג אריבער. דאס לעבען איז פאר מיר געווארען צו איינזאם. עס האט גענומען פערליערען יעדען אינטערעס. און דאן האט שטארקער און שטארקער גענומען דריקען דער געדאנק וועגען הייראטהען.

„צווישען די מענער, וועלכע איך האב געקענט, האבען זיך געפונען אזעלכע, מיט וועלכע איך וואלט זיך רעכענען גליקליך צו הייראטהען, זיינען זיי אבער געווען נים פאר מיר אנגעגרייט; מאנכע פון זיי זיינען געווען פערהייראטה, פאטערס פון קליינע קינדער. איך האב תמיד געוואוסט, אז פון א צו נאהענטער „פריינדשאפט" מיט אזעלכע מענער מוזען אלענפאלס פאלען קרבנות, און איך האב עס אויסגעווייכט; איינינע זיינען געווען נים פערהייראטה, האב איך אבער געזעהן, אז זיי אינטערעסירען זיך מיט מיר צו ווענינ אום צו הייראטהען מיט מיר.

„עס איז מיר געווען נים שווער צו געפינען א מאן, וועלכער זאל מיט מיר יא הייראטהען, דאן וואלט מיר אבער אויסגעקומען צוזאמענצוגעהען זיך מיט איינעם, וועמען איך האב נישט ליעב.

„עס זיינען געווען פעלע, וואס איך בין געווען זיכער, אז דער און דער וועט מיט מיר צו יעדער צייט חתונה האבען, און איך האב געוואוסט, אז איך וועל פאר דעם איינעם מאכען א גאנץ אנשטענדיגען לעבען.

„איך האב געוואוסט, אז דער הייראטהען וועט ענדליך ברענגען א סוף צו דעם אייביגען, אייביגען פערהאסטען שאפ, אן אויסלעזונג צו דער מארודנער, אייביגער זינלאזער ארבייט... און ביי וועלכער שאפ־מיידעל איז דאס נים די בעסטע, די גליקליכסטע פאנטאזיע?

„איך האב וועגען דעם ניט געוואָלט וויסען.

„הייראטהען מיט א מאַן וועלכען מען ליעבט ניט?

„דאָס איז דאָך אזוי ניעדריג... מיך האָט געעקעלט בלויז פון דעם געדאַנק — איך האָב וועגען דעם ניט געוואָלט וויסען!

„אלזא, אוים הייראטהען!

„מיר האָט זיך אָבער געוואָלט ווערען א מוטער. עס האָט זיך מיר געדאכט, אז א קינד וואָלט געגעבען מיין לעבען א נייעם אינטער־רעס... איך וואָלט האָבען פאַר וועמען צו לעבען, פאַר וועמען צו שטרעבען.

„בין איך מוטער געוואָרען...

„די וועלט לעגט גאָרנישט צו ניט צו מיר און ניט צו מיין קינד. עס קומט מיר אָן ניט אזוי לייכט דורכצומאכען דעם קאמפּף פאַר'ן עקזיסטענץ; שווערער, פיעל שווערער ווי פריהער — דאָך פיהל איך זיך פיעל, פיעל גליקליכער איידער פריהער.

„איך נעהם ארוים ארבייט אהיים, עס קומט מיר אוים צו ארביי־טען שווערער, ביטערער, לענגערע שטונדען, פיעל לענגערע איידער אין שאָפּ — איך בין אָבער צופריעדען... ווען מיין בייבעלע טהוט אויף מיר א בליק מיט די קלוגע אייגעלעך און מיר דאכט זיך, אז עס דער־קענט שוין די מאַמען — פערגעס איך אָן אלע צרות.

„ווען עס בעליידיגט מיך דער באָס, ווען דער קאמפּף פאַר'ן לעבען גיט אונערטרעגליכע קלעפּ און עס ווילט זיך וויינען, איז גענוג מיין „דעטקעס" איין שמייכעלע אום מאָמענטאַן אויסצוטריקענען די אָנגעלאָפּענע טרערען פון מיינע אויגען און צו פעריאָגען דעם שווערען וואָלקען פון דער נשמה...

„היינט די פאַנטאַזיען וועגען דער צוקונפט פון מיין קינד?

„אמת, מאַנכעס מאָל ווען עס טראַכט זיך וועגען דער צוקונפט פון מיין קינדעלע, קומען ארויף אזעלכע געדאַנקען, אז עס פאַנגען אָן צו קיהלען די בלוטען פון אנגסט און שרעק... אָבער דערפאַר האָף איך, און די האָפנונגען זיינען אזעלכע זיסע, אזעלכע גוטע! דעם גרעסטען, דעם גרעסטען גליק פיהל איך ביי דיעזע האָפנונגען, ביי דיעזע פאַנטאַזיען...

„אמאָל, ווען איך בין געווען א שאָפּ־מיידעל, פלעג איך אין מיינע פרייע שטונדען געניסען פערשיעדענע פערגניגענס: מאַנכעס מאָל

טהעאטער, מאנכעס מאָל א באלל, א קאָנצערט, א פערזאמלונג, א מיטינג א. ז. וו. אצינד זיץ איך פערשפארט טאָג און נאכט, ווי אין א פריזאָן, און דאָך איז מיין לעבען מיט מעהר אינטערעס... יענע פערגניגענס האָבען מיר אזוי דערעסען, מיין קינד דערעסט מיר נים.

„ווייל מיר דאכט זיך, איך האָב געפונען א צוועק אין לעבען. אלעס, וואס איך טהו אצינד האָט עפּעס ביי מיר א טעם, א זינען, פריהער האָט עס ניט געהאָט.“

איך קען א צווייטע פרוי.

די צווייטע פרוי איז אויך א מוטער פון א שעהנער, ליעבער, זיסער בייבעלע, און ווען דיעזע צווייטע פרוי וואָלט געוואָלט איבער־געבען די געשיכטע ווי אזוי און צו וואָס זי איז מוטער געוואָרען, וואָלט זי געהאָט צו דערצעהלען אונגעפעהר פאָלגענדעס:

„איך בין געוועזען א שאָפּ־מיידעל.

„ניט אין די ערשטע יונגע יאָהרען, אויך ניט איבריגס שטאַרק אין געזונד.

„דער אייביגער שאָפּ, די באָסעס, די פאָרלייטע, די שמאָלע, האלב־דונקעלע „סעפּרעט רומס“, וועה, וועה, ווי דערעסען דאָס האָט מיר!

„און דאָס לעבען האָט גענומען ווערען אונערטרעגליך.

„און דאָ פיהלט זיך אז מען ווערט עלטער, שוואכער; איך בעמערק, אז איך פערליער יעדען אינטערעס ביי מענער אין די אויגען, און ווען עס טראכט זיך וועגען די שפּעטערע יאָהרען, ווערט די הארץ פערגליווערט פון קעלט.

„הייראטהען!

„אָבער מיט וועמען?

„די, מיט וועמען איך וואָלט וועלען הייראטהען, ווילען מיך ניט, און עס נעהמט זיך טראכטען וועגען די וועלכע וואָלטען מיך וועלען, נור וועלכע איך האָב ניט ליעב.

„דאָס זיינען ביטערע, טרויעריגע געדאנקען. אָבער די יאָהרען פליהען. איך פערשטעה, אז איך מוז זיך מיט מיין בעשלוס צואיילען.

„איך פאנג זיך אָן טרייסטען: איך וועל פּטור ווערען פון דעם אייביגען פינסטערען שאָפּ, מען וועט מיך מעהר ניט בעטראכטען אלס

אן אלטע, פערזעסענע מויד, איך וועל ווערען א מוטער, מיין לעבען וועט קריגען א נייעם אינטערעס.

„איך בעשלים זיך!

„איך האב געהייראטה!

„מיין מאן האב איך ניט ליעב.

„איך פיהל צו איהם ניט קיין שנאה, ער איז מיר ניט אבשייליך, אבער קיין גרויסען אינטערס האב איך אין איהם ניט. דעם אמת מוז איך אבער צוגעבען, ער האט פון מיינע פלייצעס ארונטערגענומען א שווערע, שווערע משא.

„אמת, איך האב הויז־ארבייט, אבער די הויז־ארבייט איז דאך פיעל, פיעל לייכטער איידער די שאפ־ארבייט.

„און דאס לעבען איז פארט ניט אזוי איינזאם, פארט ניט אזוי זינלאז. מיין טהייערע, שעהנע בייבעלע, וויפיעל אינטערעס עס גיט מיר אין מיין לעבען... ווען עס שמייכעלט אדער ווען עס רעדט צו מיר אויף דעם זיסען, זיסען בייבי לשון פערגעס איך אן מיין מאן, אן דער גאנצער וועלט."

* * *

ווער עס האט געהאנדעלט ריכטיגער, דאס זאלען שוין ענטשיידען מיינע פערניגפטיגע לעזער. איך וויל אבער זאגען, דאס איך זעלבסט האב בעמערקט, אז אויף דער ערשטער פרוי קוקט מען קרומלעך, פון אויבען ארונטער, מיט א סארקאסטישען שמייכעל אויף די ליפען זאגאר אין דער העברעער, פרייערער געזעלשאפט, וואו מען זינגט די „מארסעליעזע". וואורום? !

אן ערפאהרונג אין פילאדעלפיא

(פון מיינע פערזענליכע עראינערונגען)

א שעהנעם שפאס האב איך אמאל געהאט אין פילאדעלפיא...

איבער דעם וואס מיינעם א פריינד איז איינגעפאלען אנצוגעבען זיך אויף מיין נאמען, האט מען מיט עטליכע וואכען שפעטער מיך זעלבסט פון א הויז ארויסגעטריעבען און איך בין פערבליעבען אין מיטען דער סטריט, אין א פרעמדער שטאדט, אהן א נאכט-לעגער.

הערט אן אינטערעסאנטען שפאס:

מיסטער מ., מיינער א נאהענטער פריינד, א בראוועך יונג, נור א גרויסער קבצן, איז אמאל געווען אין פילאדעלפיא, וואו ער האט געהאפט צו קריגען עפעס א דזשאב פאר זיך.

מ. האט דעם דזשאב ניט געקראגען. א פער׳דאגה׳טער, א פער־צרה׳טער איז מיין פריינד געזעסען אין א רעסטאראנט. עס איז שוין געווען שפעט אין דער נאכט, און ווען מיין פריינד׳ס מיעדע אויגען האבען זיך גענומען צושליסען, האט ער זיך דערמאנט, אז ער איז אין א פרעמדער שטאדט, און ער האט ניט וואוהין צו געהן נעכטיגען.

מ. האט וועגען זיין טראבעל דערצעהלט איינינע בעקאנטע, וועלכע זיינען געזעסען אין דעם זעלבען רעסטאראנט, און ער האט ביי יעדען איינעם נאכגעפרעגט זיך וועגען דער מעגליכקייט דיעזע נאכט איבערצונעכטיגען, אבער אלע מ.׳ס בעקאנטע זיינען וועגען דיעזער עדעלער נאכפראגע שטום געבליעבען.

נור אט האט זיך אבגערופען איינער א מיסטער פאדין, א מאן מיט אן עדעלער נשמה, און האט צו מיין ארעמען פערוואגעלטען פריינד אזוי און אזוי געזאגט:

— הערט אוים! ווילט איהר האבען א נאכטלעגער?

— געוויס, געוויס! — האט מ. געענטפערט זעהר גערן.

— א סעפערעט רום, א שעהן, ציכטיג בעט? — האט דער גוטער מיסטער פאדין ווייטער גערעדט.

— אבי דורכשלאפען זיך א נאכט! — ענטפערט מיין פריינד.

— טאַ קומט צו מיר. — זאָגט זיך אָב דער גאַסט־פריינדליכער מיסטער פּאַדין.

און מיין פריינד מ. מאַכט ניט קיין מחזקות, הויב זיך אויף און זאָגט:

— קומט, לאָמיר געהן!

— וואַרט־זשע, — האַלט מיין פריינד אָב דער מיסטער פּאַדין — עס איז נאָך דאָ א שטיקעל צרה דערביי.

— וואָס פאַר א צרה? — פרעגט אונרוהיג מ.

— א איד האָט דאָך א ווייב.

— נו, יעס.

— און מיין ווייב איז צו אַלע צרות זעהר א בייזע, זעהר אַן אויפגערעגטע. און ווען איך זאָל ברענגען מיט זיך א גאַסט, זיינען מיר ביידע מיט'ן לעבען ניט זיכער, ניט איך אַליין, און ניט מיין גאַסט, וואָרום אַז זי ווערט אין כעס איז זי א געפעהרליכע בעשעפעניש.

— וואָס־זשע טהוט מען? — פרעגט מ.

— עס איז דאָ א מיטעל ווי אַזוי צוצוקומען צו מיין ווייב, און אנשטאַט כעס זאָל מען פון איהר האָבען דעם גרעסטען כבוד, די בעסטע, די שעהנסטע אויפנאַהמע.

— וואָס פאַר א מיטעל? — פרעגט נייגיעריג מ. — איך בין גרייט צו טהאָן אַלעס אין דער וועלט, אַבי קריעגען א בעטעל וואו איבערצושלאָפען היינטיגע נאַכט.

— הערט־זשע, — ענטפערט אויף דעם דער בראַווער מיסטער פּאַדין — קענט איהר אין ניו יאָרק איינעם א ליבין?

— ז. ליבין? — פרעגט מ.

— יעס, ז. ליבין, וואָס שרייבט מעשה'לעך אין „פאָרווערטס“.

— שור, ער איז מיינער א נאָהענטער פריינד. וואָס־זשע האָב איך צו טהאָן ווען איך קען ליבין'ען?

— גאָר נישט! איהר דאַרפט נור זאָגען פאַר מיין אידענע, אַז איהר אַליין זייט טאַקע דאָס דער ליבין.

— צו וואָס איז דאָס? — פרעגט מ.

און פּאַדין ערקלערט פאָלגענדעס:

— מיין ווייב איז א שטענדיגע לעזערין פון „פאָרווערטס“, און פאַר ליבין'ס סקיצען וועט זי איך די העמד פערקויפען. אימער זאָגט

זי מיר, אַז זי וואָלט זיך נור טרעפען מיט דעם ליבין'ען, וואָלט זי — איך וויים ניט וואָס... אַזוי ווי זי קען איהם אָבער ניט, וועל איך איך פאָרשטעלען אַלס ליבין, און איהר קענט שוין זיין זיכער, אַז איהר וועט ביי מיין אַלטער זיין זעהר אַ טהייערער גאַסט.

מיין פריינד מ. איז פון דער נאַטור אַן אָרענטליכער מענש, און אַנגעבען אַ פאַלשען נאָמען האָט עפּעס ניט האַרמאָנירט מיט זיין געוויסען, אָבער אַזוי ווי ער האָט זעהר געוואָלט שלאָפען, און ער האָט ניט געקענט איינזעהן וואָס פאַר אַ שאַדען ער קען דאָ מיר ברענגען מיט דעם, וואָס ער וועט איין נאַכט טראָגען מיין נאָמען, האָט ער נאָך אַ קורצען צווייפעל געפאָלגט די עצה פון דעם בראַווען, גאַסט־פריינדליכען מיסטער פאַדין פון פילאַדעלפיא.

און עס איז טאַקע אַזוי געווען ווי פאַדין האָט פאָראויסגעזאָגט: מיין פריינד מ., וועלכער האָט דיעזע נאַכט געגילט אַלס ליבין, איז זעהר שעהן אויפגענומען געוואָרען פון פאַדין'ס בייזע פרוי.

מיין פריינד מ. איז ביים טרייד אַ ניעפּענטס־מאַכער. ער איז אָבער אַ שעהנער יונג, הויך, שלאַנק, טראָגט לאַנגע האָר, מיט איין וואָרט, מען קען טאַקע רעכענען, אַז ער איז איך וויים ווער. פאַדין'ס פרוי האָט גאָר ניט אָנגעהויבען צו צווייפלען, אַז זי זעהט פאַר זיך דעם ריכטיגען ז. ליבין. די פרוי איז געווען אויסער זיך פאַר גליק און שמחה... און זי האָט געגעבען איהר גוטען גאַסט אַ קעניגליכע אויפנאַהמע: אַ פיינעם סאַפּער, אַ גוטען נאַכטלעגער, אויף מאָרגען אַ טהייערען פריהשטיק — מיט איין וואָרט, מיין פריינד מ. האָט אויף מיין חשבון געלעבט אין פילאַדעלפיא אַ גוטען טאָג.

מיט עטליכע וואָכען שפּעטער איז טאַקי מיר זעלבסט אויס־געקומען צו זיין אין פילאַדעלפיא. אַלעס, וואָס איך האָב דאָ דער־ציהלט וועגען מיין פריינד מ., האָב איך ערשט דערוואוסט זיך שפּע־טער, אַ צייט נאָך מיין וויזיט אין פילאַדעלפיא. בשעת איך בין דאָרט געווען, האָב איך פון דער גאַנצער פּאַסירונג קיין שום בעגריף ניט געהאַט.

און מיט מיר זעלבסט האָט פּאַסירט אונגעפעהר דאָס זעלבע, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מיין פריינד מ. מיט איניגע וואָכען צוריק.

איך האָב אויך ניט געפונען דאָס, וואָס איך האָב געזוכט אין פילאַדעלפיא, אויך מיין האַרץ איז געווען פערפינסטערט און פער־

דאנה'ט; אן עלענדער, אן אומעטיגער בין איך געזעסען טאקע אין דעם זעלבען רעסטאראנט, וואו מיט עטליכע וואכען בעפאר איז געזעסען מיין פערוואגעלטער פריינד מ.

עס איז געווען א שפעטיגע נאכט־שטונדע. ווינטער איז דאס געווען, און דער וועטער איז ווי אויפ'ן הארצען געווען, עפעס זעהר א צרה'דיגער.

איך האב דיעזע נאכט בעדארפט נעכטיגען אין פילאדעלפיא. קיין איבריגע סענטען אויף צו נעהמען א צימער אין א האטעל זיינען ניט געווען, און איך בין געזעסען אין רעסטאראנט אין געהאקטע וואונדען, אלץ ערווארטענדיג אפשר וועט אריינקומען עפעס א שטיקעל בעקאנטער, ביי וועמען איך וועל קענען א נאכט איבערנעכטיגען.

מיט עטליכע בעקאנטע האב איך זיך אין רעסטאראנט יא אנגעטראפען, נור ווען איך האב דערמאנט וועגען א נאכטלעגער פאר זיך, האבען די בעקאנטע מיינע פיעלבעדייטענד געשוויגען... און דא ווערט אזוי שפעט און אין רעסטאראנט ווערט לעדיגליך... די פייערען לעשען זיך אוים ביסלעכוויין, עס ווערט פינסטערער אין רעסטאראנט און אויך פינסטערער אויפ'ן הארצען, און די פאר פערשלאפענע נאכט־וויטערס קוקען מיר יעדע וויילע אין די אויגען אריין — אזוי פערדראסיג... אזוי שטעכיג... עפעס אזוי ווי זיי וואלטען געזאגט צו מיר: „וואס זיצט איהר דא אזוי שפעט? ניט איהר עסט, ניט איהר טרינקט, גלאט אן ארט פערנומען... געהט אהיים און לאזט רוהען."

און שווער און מיאוס איז מיר געווארען אויפ'ן הארצען... און איך האב ניט געוואוסט וואו איך זאל זיך אהינטהאן.

נור אט קומט צו מיר צו א יונגערמאן און פרעגט מיך:

— זייט איהר ליבין?

— יעס.

— ז. ליבין דער שרייבער?

— יעס, דאס בין איך.

— איהר זוכט א פלאץ וואו צו נעכטיגען?

— נור היינטיגע נאכט — ענטפער איך, און אין מיין הארצען האט אריינגעבליקט א שטראהל פון האפנונג.

— איך האב פאר אייך א פלאץ, — מאכט דער יונגערמאן — קומט צו מיין שוועגערין.

— אָלל־רייט, זאָג איך — זעהר אנגענעהם.

— איהר הערט, — זאָגט צו מיר דער יונגערמאַן — מיין שוועגערין איז זעהר א בייזע. קיין אַנדערען צום נעכטיגען וואָלט איך קיינמאָל ניט געוואגט צו ברענגען צו איהר... נור ווי באַלד, אז איהר זייט ליבין, האָב איך קיין מורא ניט. זי לעזט אייערע שריפטען, און זי לעקט פון אייך די פינגער... מיין ברודער, דאָס הייסט, מיין שוועגערין'ס מאַן, איז ניט היע, ער איז נעכטען אָבגעפאָהרען, נעכטיג איך ביי דער שוועגערין... קומט מיט מיר. ועט זי זיך נור דערוויסען, אז איך האָב מיט זיך געבראכט אזא גאסט, וועט זי זיין אין זיבעטען הימעל פאַר גליק.

— ווי איז אייער נאָמען? — פרעג איך מיין ערלעזער.

— פאַדין.

— זעהר אנגענעהם.

און מיסטער פאַדין האָט מיך פערפיהרט שלאָפען צו זיין שוועגערין.

אָט קומען מיר אין הויז אריין. דער יונגערמאַן צינדט אָן די געז און נעהמט רופען:

— חנה! חנה!

— אפשר שלאָפט זי, — מיש איך זיך אריין — אפשר וועט זי בעז ווערען וואָס מען וועקט זי?

— נישט אויף אייך, — ענטפערט דער גאסטפריינדליכער יונגערמאַן — אויף אייך וועט זי נעווער אין כעס ווערען.

א פערשלאָפענע אידענע האָט זיך אין טהיר געצייגט און פרעגט מיט א טרוקענער, בייזער שטימע:

— וואָס ווילסטו, שד, מחבל? וואָס לאָזטו ניט שלאָפען? וואָס שלינדרעוועסטו ארום ביז האַלבע נאכט?

דאָ האָט די אידענע מיך דערזעהען און זי האָט א קוק געטהאָן אויף איהר שוואָגער מיט א שטומען, בייזען פיעלבעדייטענדען בליק, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט וועלען זאָגען: „וואָס נאָך פאַר א פערשלעפּעניש האָסטו אהער געבראכט?“

דער יונגערמאַן האָט הפנים פערשטאַנען זיין שוועגערין'ס מימיקע, און ער האָט גלייך געענטפערט:

— איך וועל אייך בעקענען: דאס איז מיין שוועגרין, מיסים פאדין און דאס איז ליבין.

— ווער? — פרעגט די פערשלאפענע אידענע — ווער?

— ליבין, ז. ליבין, דער שרייבער.

— א בראך צו דיין קאפ, דו באם איינער! — איז די פער־שלאפענע אידענע אין איין מינוט וואך געווארען — וועמען געהסטו בלאפען? איך האק דיך גלייך פון הויז ארויס!...

— יעס, מיסים פאדין, — מיש איך זיך אריין — אייער שוואגער זאגט אן אמת — איך בין ליבין.

אז די אידענע לויפט דאס ניט צו צו אונז און טהוט זיך אווארף מיט א ווילדען כעס:

— ארויס, זשוליקעס! ארויס פון מיין הויז!

איך האב געכאפט די פיס אין די הענד און גלייך פון טהיר ארויס.

א לאנגע צייט האב איך ארומגעוואנדערט ארום דער הויז, וואו איך האב אזוי אונערוואַרטעט אזא מיאוס'ען אבשניט געקראגען. איך האב אלץ געווארט, טאמער וועט ארויסקומען דער יונגערמאן, וועלכער האט מיך אין דיעזער הויז איינגעלאדען, און וועט ערקלערען וואס דא איז פארגעקומען. דער יונגערמאן איז אבער מעהר ניט ארויס־געקומען, און איך בין דיעזע נאכט טאקע פערבליעבען אהן א נאכט־לעגער.

מיט א צייט שפעטער האב איך זיך ערשט אין ניו יארק דער־וואוסט וועגען דעם, וואס עס האט געטראפען מיט מיין פריינד מ. אין פילאדעלפיא, דאן ערשט האב איך פערשטאנען ווארום די פרוי פאדין האט מיך אזוי ניט שעהן בעהאנדעלט...

א טרוקענער רעכנונג

— דער דאָקטאָר געהט, דער דאָקטאָר געהט! — איז געוואָרען א טומעל אין האָספּיטאַל.

פּיעלע האָבען געוואָרט אויף דעם דאָקטאָר. עס האָבען געוואָרט אויף איהם די קראַנקע, וועלכע עס האָבען געברויכט זיין הילף; עס האָבען אויף איהם געוואָרט די, וועלכע עס האָבען היינט ערוואַרטעט צו ווערען אויסגעשריעבען און צו פערלאָזען דעם האָספּיטאַל; אויך האָבען מיט גרויס אונגעדולד געוואָרט אויף דעם דאָקטאָר די יענינע פּאַציענטען, וועלכע האָבען שוין דעם מזל'דינען טאָג געדאַרפט פון דעם האָספּיטאַל אויסגעשריעבען ווערען און אומקעהרען זיך צוריק צו זייערע היימען, אויב זיי האָבען נאַטירליך געהאַט א היים. און צווישען די לעצטע האָט זיך אויך געפונען אַן אַלטער גרויער מאַן פון א יאהר פינף־און־זיבעציג.

און דער דאָקטאָר איז געקומען.

און די ערשטע אָרדערס, וועלכע ער האָט געגעבען צו די אָנגעשטעלטע פון דעם האָספּיטאַל, איז אויסצושרייבען די פּאַציענטען, וועלכע זיינען שוין געזונד געוואָרען. און אַט איז אָנגעקומען די רייהע פון אונזער אַלטעטשקען פּאַציענט. מען האָט איהם אויסגעשריעבען, מען האָט איהם אָנגעזאָגט די פרעה־ליכע בשורה, אז ער דאַרף שוין געהן א היים. דער אַלטער מאַן איז אָבער פערבליעבען גאַנץ רוהיג, דער האָפנונגסלאָזער טרויער, וועלכער האָט בעדעקט זיין בלאַסען אַלטען פּנים, איז אויף איין מינוט ניט אָבגעטראָטען, און זיינע האַלב־פערלאָשענע אויגען זיינען פערבליבען קאַלט טויט.

די אויסגעשריעבענע האָבען זיך גענומען צוגעהן. אין פּאָדער־צימער איז געוואָרען א געוויין פון שמחה פון די, וועלכע האָבען מקבל געווען די קראַנקע... מען האָט זיך געקושט, מען האָט זיך געאַרעמט, מען האָט געוויינט, מען האָט פערגאָסען טרערען פון שמחה...

— גאָט צו דאַנקען, — האָט א מאַמע געקושט איהר טאָכטער,

א קראנקע שאפ־מיידעל פון א יאהר זיבעצעהן — א דאנק, וואס ער האט דיך אריבערגעטראָגען.

— ווייסט ניט, מאמעלע, וואס עס טהוט זיך ביי אונז אין שאפ?

— האט די קראנקע געפרעגט — האב איך פיליכט דעם פלאץ פערלאָרען?

א טאטע מיט א מאמען האבען מקבל געווען זייער זוהן, וועלכער איז אריין אין האספיטאל דורך אן „עקסידענט" אין פעקטאָרי. זיי האבען געקוקט אויף זיין האלבער האנד און זיי האבען שטילערהייט צוואויינט זיך...

א מאמע האט גענומען א קליינע קינד, א בלאסע מיידעלע פון א יאָהר אכט. די מוטער האט געכאפט איהר קינד אויף די הענד, און דאס מיידעלע האט זיך ארויפגעוואָרפען דער מאמען אויפ'ן האלז.ביידע האבען געוויינט:

— מאמעלע, וועסט שוין מעהר מיך ניט לאָזען אהער? — האט דאס קינד גערעדט.

— ניין, ניין, מיין טהייערע.

און אונזער אויסגעשריעבענער אלטער מאן איז אויך ארויס אין פאָדערצימער, ער איז אָבער פערבליעבען רוהיג — קיינער איז נאָך איהם ניט געקומען.

ער האט זיך נאָך געפיהלט זעהר שוואך, ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף א ביינקעל און איז שטיל געבליבען זיצען. ווען דער דאָקטאָר איז ארויס האט ער דעם מאן נאָך אמאל בעטראכט, און ער האט געאָרדערט, אז מען זאָל דעם אלטען אוועקפיהרען אהיים אין א קעררידזש.

אין גיכען איז דער אלטער קראַקער, מיט אן אָנגעשטעלטען פון האָספיטאל, געפאָהרען אהיים.

אין איינעם פון סאָפאָלק סטריטער טענעמענט־הייזער איז געווען אָפען א פענסטער און פון פענסטער האט שוין א לאנגע צייט ארויסגעקוקט א מיידעלע פון א יאהר צעהן. זי האט ניט אויפגעהערט צו קעהרען איהר קאָפ אויף אלע זייטען, און זי האט זיך אלץ געסטארעט צו זעהען ביידע ברעגען פון גאס ווי ווייט עס איז מעגליך.

— באשקע! — האט זיך זערהערט א מענערשע שטימע פון אינוועניג אין צימער.

— קוק, מיין קינד, צו דער ר'עכטער זייט. פון דאנען וועט ער קומען.

— יעס, פאפא. — האט באשקע געענטפערט, און זי האט גענו־מען קוקען רעכטס.

עס זיינען אריבער אייניגע מינוטען.

— לאזט אקארשט מיך קוקען. — איז צוגעגאנגען צום פענסטער באשקעס מאמע, און הפנים זי האט מעהר גליק געהאט איידער איהר טאכטער, ווארום באלד האט זיך פון קארנער געוויזען א קערריעדזש.

— ער פאהרט! — האט די פרוי אויסגעשריען. זי האט שנעל צוגעמאכט דאס פענסטער און אראבגעלאזען די קוירטענס.

דער קערידזש איז צוגעפאהרען צום הויז, פון וועלכען מען האט עס אזוי ארויסגעקוקט פון פענסטער. אין קערידזש זיינען געזעסען צוויי מענער, דאס איז געווען דער אנגעשטעלטער פונ'ם האספיטאל און אונזער אלטער גרויער קראנקער מאן.

— דא וואוינט אייער זוהן? — האט דער אנגעשטעלטער געפרעגט דעם אלטען מאן.

— דא, אויפ'ן ערשטען פלאר. — האט ציטערענדיג געענטפערט אן אלטע שטימע. דער אנגעשטעלטער איז אריין אין האל. באלד האט ער זיך צוריקגעקעהרט און איז צוגעגאנגען צו דעם אלטען מאן, וועלכער איז נאך געזעסען אין קערידזש:

— דער זוהן וויל אייך הפנים ניט צונעהמען, — האט דער אנ־געשטעלטער פון האספיטאל גראב געזאגט צו דעם אלטען מאן — ער האט פערשפארט פאר אייך די טהיר. א שכנה האט מיר געזאגט, אז ער איז צו הויז...

דער אלטער מאן האט א שווערען קרעכץ געגעבען, זיינע אויגען זיינען פערלאפען מיט טרערען, און ער האט צוגערעקט זיין פנים מיטביידע הענד.

— וואס טהוט מען, אלטער?

דער אלטער האט געשוויגען.

— איך קען אייך צוריק ניט פיהרען.

— לאזט מיך איבער אין מיטען גאס... — האט געענטפערט דער אלטער גרויער טאטע, און ער האט זיך צוואויינט ווי א קליין קינד.

ער האט גענומען ארויסקריכען פון קערידזש.

— שטעהט ! — האט געזאגט דער אנגעשטעלטער — איהר זייט שוואך, איהר קענט ניט געהן איבער די טרעפ. — דער אנגעשטעלטער איז ווידער אריין אין האל פון הויז, ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט, האט ער אויסגעקוקט בייז און אויפגערעגט..

— קומט, אלטער. — האט ער אויסגעשריען.

ער האט א כאפ געגעבען דעם אלטען מאן, ער האט איהם גענומען אונטערביידע ארעמס און האט איהם צוגעשלעפט צו דער טהיר פון זיין זוהנ׳ס וואהנונג.

— זוהן מיינער, עפען מיר... — האט דער אלטער מאן שוואך אנגעקלאפט אן טהיר. אבער די טהיר איז פערבליעבען פערמאכט...

דער אנגעשטעלטער האט זיך אנגעשפארט אן טהיר — א קלאפ ! א זעץ ! א טראסק ! — די טהיר האט זיך אויפגעבראכען, און דער אנגעשטעלטער האט דעם אלטען אריינגעשליידערט אין זיין זוהן׳ס צימער.

* * *

— איך זשאלעווע דען איהם עסען אדער טרינקען ? — האט זיך דער גוטער זוהן ערנסט פערענטפערט פאר שכנים — ווער איז דאס אזוי קארג ? וואס וועל איך אבער מיט איהם טהאן, אז ער וועט שטארבען ? — עס דארף אזוי פיעל קאסטען מקבר זיין. פער־בלייבענדיג אין האספיטאל וואלט ער דאך דאס געהאט פריי... וואס איז, ווען וואלט עס געארט אז זיי זאל עס קאסטען ?

שמערצליכע געדאנקען

זיי זיינעןביידע פריידענקער — האבען געהייראטה פריי, ליע־בענדיג איינער דעם צווייטען.

איין קינד האבען זיי בעגראבען, און איין קליין קינד האבען זיי יעצט.

ער גלויבט, אז ער האט יעצט ליעב בעקומען אן אנדערע; ער דערט וועגען דעם גאנץ אפען, זי וויים פון דעם, און זיי לעבען אימער צוזאמען.

ווארום ער פערלאזט זי ניט, ווייס איך ניט, ווארום זי פערבלייבט נעבען איהם, וואלט איך אויך ניעמאלס געוואוסט, נור איין מאל האט זי געשילדערט א מאמענט פון איהר לעבען, זי האט געשילדערט איהרע געדאנקען פון דיעזען מאמענט, און עס שיינט מיר איך האב זי א ביסעל פערשטאנען...

און דאס זיינען שמערצליכע, שמערצליכע געדאנקען!

איך שטעל זיך פאר, ווי זי זיצט אין איהר הויז, עלענד, אונ־גליקליך, מיט א הארץ וועלכע איז פול מיט טיעפע, טיעפע וואונדען...

זי איז נערוועז, אויפגערעגט, נור שווער פערטראכט, נעבען איהר שפיעלט זיך איהר קינד, אבער די מוטער בעמערקט זי ניט.

אויפגערעגט.. שנעל לויפען איהרע מחשבות, און ווען זי וואלט בענומען א פען אין האנד און וואלט פרובירען פערצייכנען איהרע געדאנקען, וואלטען ארויסגעקומען אונגעפעהר פאלגענדע שורות:

„וועל, אזוי וועט עס בלייבען, עס מוז געשעהן, איך מוז אזוי טהאן, ווען ניט, וועל איך משוגע ווערען....

מארגען מוז עס געשעהן!

מארגען וועט ער אוועקגעהן וועגען ביזנעס, וועל איך אלעס צוגרייטען צו מיין טרויעריגער רייזע. איך וועל ענדיגען די וועש, אלעס צוביגלען, גרייטען דעם טיש מיט א ווייסען טישטוך, דעם לאונדזש מיט א ווייסען קאווער, אויף די פענסטער וועל איך אנטהאן די קוירטענס, איך וועל אלעס צוואשען, די פלאארס, אלעס, אלעס מאכען אין בעסטען ארדנונג... זאל זיין צווייטע ווייב, די נייע ווייב,

די געליעבטע זיינע, זאָל זי דערוויסען אַ רייגע, שעהנע שעהנע הויז.... כאַ־כאַ־כאַ !...

צו וואָס האָב איך זיך דאָס אַזוי צולאַכט ?

אַזאַ מאָדנער געלעכטער... די לעצטע צייטען לאַך איך אָפט מיט אַזאַ מאָדנעם געלעכטער...

דער געלעכטער רייסט ביי מיר אַרויס אַ שטיק האַרץ...

אַלזאָ מאָרגען... מאָרגען האָב איך פיעל אַרבייט... ווען איך וועל ענדיגען מיט דער הויז־אַרבייט, וועל איך אַרונטערגעהן אין קעלער... איך וועל עפענען דעם שטרויענעם באַקס און וועל פון דאָרטען אַרויסנעהמען מיין קינד'ס קליידער.... מיין טויטען זוהנעלע'ס קליידער... איך וועל אויך מיט זיך נעהמען זיין בילד.. .עס ליעגט אין קאַסטען... זיין נייע וויב דאַרף עס ניט... ער וועט דערפאַר ניט קעהרען... און איך קען זיך מיט דעם ניט שיידען... נאָכדעם וועל איך נעהמען מיין רייזעלע'ס קליידעלעך... מיינע קליידער... דאָס אַלעס... דאָס וועל איך נעהמען מיט זיך... די איבריגע לאָז איך איהר איבער, אַלץ, אַלץ איהר... איך וועל נעהמען מיין קינד, און איך וועל געהן... גענוג ! גענוג געליטען !

„וואוהין ?"

איך וועל געפינען אַן אָרט...

„צו וועמען ?"

צו אירגענד וועמען... אבי לויפען פון דאַנען...

„שוואַך... קראַנק..."

ניט געפעהרליך !

איך קען נאָך מיין שטיקעל ברויט פערדיענען... פאַר וואָס איך זאָל זיך ניט נעהמען וועל איך מיין לעבען מאַכען. איך וועל געהן אין שאָפּ.

„דאָס קינד ?... אַליין לאָזען ?"

נו, וועל איך אַרויסנעהמען אַרבייט אַהיים !... אָדער איך וועל זיך עפּעס מאַכען אַ שטיקעל ביזנעס... איך וועל קריעגען געלד... מען וועט מיר אויסהעלפען... מיט צעהן יאָהר צוריק האָב איך דאָך געמאַכט אַ לעבען אָהן „איהם"... איך וועל היינט אויך מאַכען אַ לעבען...

אוי, מיר ווילט זיך וויינען !... וויינען ! וויינען ! וויינען !

און אַלטער מיטעל ביי אונז פרוּיען צו פערלייכטערען די שווערע, ביטערע ,ביטערע צרות פון הארצען!

אך, גאָט מיינער, ווער האָט עס געטראַכט וועגען אזא סוף!

ניט ליעב האָט ער מיך... אַן אַנדערע האָט ער ליעב.... אָרעמער לעמעלע... וואָס איז ער, נעבעך, שולדיג? ער טהוט נור דאָס, וואָס עס זאָגען איהם פאַר זיינע הייליגע געפיהלען, און פאַר וואָס זאָל ער ניט לעבען? וואָס קען איהם דען שטערען? א פרייער מענש איז ער, מיט פרייע פּרינציפּען... מיט פרייע אידעען... זיין כשר׳ע, ריינע, הייליגע ליעבע מוז זיין פריי! פריי! פריי! פריי!

אָרעמער מאַרטירער, איך לאָז דיך פריי!... איך וועל דיך מעהר ניט שטערען...

אָרעמער מאַרטירער!

דיין ברענענדע ליעבע עסט דיך, נעבעך, אויף לעבעדיגערהייט, נור פון פנים שפּריצט בלוט... די אָרעמע ליעבענדע הערצעלע געהט דיר אויס, נור... נור... יעדע וואָך קומט דיר צו, קיין עין הרע, דריי פונט אין וואָג. אָרעמער, אָרעמער מאַרטירער!

און טאַקע וואָס קען איך צו דיר האָבען?

עס איז געווען א צייט, ווען איך בין געווען די גליקליכע, האָסטו מיך ליעב געהאַט, יעצט איז אַן אַנדערע די גליקליכע, יעצט ליעבסטו אַן אַנדערע... א גאַנץ נאַטירליכע ערשיינונג... נור עטליכע פראַגען זיינען דאָ יאָ פאַראַן:

מיין זיסער מיסטער׳ל, פאַר וואָס האָסטו, צום ביישפּיעל, דאַן מיך ניט אויפגעהערט צו ליעבען — דאַן, דאַן, געדענקסטו, ווען דו ביזט געלעגען אין קריינק, און די ווייב האָט געאַרבייט אריבער די כחות אין שאפּ און אין דער היים?

וואָרום איז דיין הייליגע ליעבע ניט געקומען מיט יאָהרען צוריק, ווען איך בין געווען געזינטער, שעהנער, דיקער... מיין אונשולדיגע שעפּס, דאַן, ווען איך האָב נאָך אויך געקענט קריעגען ווער עס זאָל מיך ליעבען?

אך, פיעלע, פיעלע פראַגען ווילט זיך פרעגען!

אָבער צו וואָס?

מיר זיינען פרייע מענשען, פרעגען פראַגען דאַרטען וואו מען איז ניט מחויב צו ענטפערן, איז נעגען אונזערע פּרינציפּען.

זיי נור פריי, האנדעל ווי דו ווילסט, איך לאָז דיך, איך לאָז דיך פריי!

מאָרגען ביזטו א פרייער יונג... האסטו מעהר ניט קיין ווייב, קיין קינד... איך בעפריי דיך פון אלעס, אפילו פון דער קצבה, וועלכע איך קען ביי דיר געזעצליך קריעגען, און וועלכע דו, מיין ערהאבענער מאַן, וועסט זיך געוויס ניט ענטזאגען פון צו געבען מיר!

איך שענק דיר דאָס אויך... א דאנק דיר פון טיעפען הארצען, וואָס דו לאָזט מיך ניט אָב צו שפּעט... איך האָב נאָך עטוואָס כחות... עס בייגען זיך נאָך די פינגער... זיי וועלען נאָך קענען האלטען א נאָדעל... און איך וועל פון דיר קיין נדבות ניט נעהמען...

איך לאָז דיך פריי!

מאָרגען וועסטו זי קענען ברענגען צו זיך, אין אונזער געוועזענער הויז, וועסט זי קענען לעגען אין מיין בעט, צודעקען זי מיט מיין קאָלדרע... איבערמאָרגען ביזטו פריי!

וועסט שוין ניט דארפען לויפען צו איהר, און בעקלאָגען דיין ביטערען שיקזאל... וועסט מעהר ניט זאָגען, אז די מורא פאר'ן שטיקעל ברויט צווינגט דיין פרוי צו פערבלייבען נעבען א מאַן, וועל־כער ליעבט איהר ניט... כא־כא־כא!...

וואָס איז מיין קינד?... רייזעלע, טהייערע, וואָס קוקסטו מיך אָן אזוי פערוואונדערט? וואונדערסט זיך וואָס די מאמע לאַכט?... ביזט שוין הפנים געוואוינט געוואָרען זעהען מיך וויינענדיג.

וואָס קוקסטו אין די פענסטער, קינד? וואָס הערסטו זיך צו? וואָרום קוקסטו אויפ'ן טהיר? וואָס ביזטו אזוי אומעטיג? נאָך וועמען בענקסטו?

— „פאפּאַ".

ניט וויין... ער קומט גלייך...

אוי, ווי זאָל איך ביי איהר אוועקנעהמען איהר „פאפּאַ"? ווי ליעב זי האָט איהם... ליעב... ליעב מיט איהר גאַנצער אונשולדיגער קינדערשער הערצעלע... איז ער ניטאָ אין דער היים, געהט איהר אויס דאָס הערצעלע פון אנגסט, זי איז שטיל... זי האָט אין זיך גאָר קיין שפּיעל ניט, און בייגקט און בייגקט נאָך דעם „פאפּאַ"... קומט ער, ווערט זי ניי געבאָרען — זי שפּיעלט, זי טאנצט, זי שטופּט מיט איהם... אָרעמעס קינד!

ווי זאָל איך ביי איהר צונעהמען איהר פאפא ?... ווי זי זיפצט !... אפשר פיהלט איהר קליינע הערצעלע וואָס איהר מאמע וויל טהאָן.... אפשר פיהלט זי, אז אָהן א טאטען וועט איהר אויסקומען פיעל צו ליידען.. .ווער וויים ?...

קינד מיינס, לעבען מיינער!

זאָל איך ווייטער דולדען ?

ווייטער שטילערהייט, פערשטיקען דעם וועהטאָג אין הארצען.... ווארטען ?... אפשר... אפשר... וועט מיין קינד דאָך האָבען א מוטער און א פאטער ?...

אוי, מיין הארץ ! ! !

אָך, א שלאנג ביזטו... דו... דו... דו... וועלכע עס רויבט אוועק קאלטבלוטיג א פאָטער פון א קינד...

שווייגען איז בעסער

— אָ, וואָס פאַר אַ טהייערער גאַסט... אָ, וואָס פאַר אַ טהייערער גאַסט, אָ, וואָס פאַר אַ טהייערער גאַסט ! רייזעלע, רייזעלע !...

דיזע ווערטער האָט מיט דער גרעסטער פרייד אויסגעשריען פריידעל, נחום דעם ביגלער׳ס ווייבעל, ווען די טהיר פון איהר הויז האָט זיך געעפענט און עס איז אריינגעקומען רייזעל פיליפ׳ס.

רייזעל מיט פריידלען זיינען געווען אַלטע גוטע פריינד. נאָך אין דער ליטא האָבען זיי געוואָהנט איינע נעבען די צווייטע ;ביידע האָבען זיי דאָרט אין איין צייט חתונה געהאַט ; ביידע אין איין צייט געקומען אין אמעריקא ; ביידע געארבייט אין די זעלבע „שעפּער" ; ביידע געהאַט די זעלבע צרות און ביידע, קיין עין הרע ניט, געהאַט פיינע צינגער צום רעדען.

קענט איהר זיך שוין פאַרשטעלען וואָס פאַר אַ מין טומעל עס איז דאָ פאָרגעקומען נאָך דעם ווי אַט דיזע פּאָאר ווייבער האָבען אַ האַלב צעהנדליג יאָהר זיך ניט געזעהן ? !

ביידע האָבען גערעדט, ביידע געשריען, ביידע געלאַכט, ביידע געקוואַלען. איינע האָט געזאָגט „בויבעריק", די צווייטע האָט געענט־פערט „פּאַליטצע"... רייזעל, אָ, רייזעל ; פריידעל, אָ, פריידעל... קורץ, מען האָט געדארפט האָבען דעם שנעלסטען סטענאָגראַף אום צו דערכאַפּען אַ צעהנטען וואָרט פון זייער געשפּרעך. פערשטעהט איהר שוין זעלבסט, אַז ווענען זייער ערשטען שמועס קען איך אייך די קלענסטע ידיעה ניט געבען.

ניט נויטיג — זאָגט איהר — עס איז, ברוך השם, גאָר אַ קנאַפּער נייס צו הערען ווי צוויי ווייבער רעדען ; אַט זעהט איהר, ווען איהר וואָלט אונז מיטטהיילען, אַז צוויי ווייבער האָבען זיך בעגעגענט און די זאַך איז דורכגעגאַנגען שווייגענדיגערהייט — דאָס וואָלט געווען אַ רעכטע שטיקעל נייעס, און ניט וועניג מענער וואָלטען זיך געוואונשען צו דערלעבען די זעלבע ישועה אויף זייערע ווייבער ביי זיך אין דער היים...

איהר האָט רעכט, פריינד, אָבער ווען ווייבער פיהרען אַ שמועס, דורך וועלכען זיי קומען צו דער איבערצייגונג, אַז שווייגען איז גוט —

דאָס, זעה איך, זיית איהר שוין בעלנים צו הערען, און איך וועל אייך דערצעהלען.

ווען רייזעל מיט פריידלען האָבען זיך אביסעל בערוהיגט, האָט מען גענומען נאָכפרעגען זיך וועגען די מענער, ווארום ביידע האָבען זיי געהאַט פון זייערע מענער די זעלבע פעקלעך צרות.

— נו, וואָס הערט זיך מיט דיינעם ? — האָט פריידעל געפרעגט.

— וואָס זאָל זיך הערען ? און וואָס איז מיט דיינעם.

— מיינער איז שוין אָלל רייט, — האָט פריידעל געענטפערט — אָבער וואָס איז וועגען דיינעם ?

— דערזעלבער וואָס געווען, פריידעלע, דערזעלבער. איין הארעלע האָט אין איהם ניט געביטען זיך.

לויפט נאָך אַלץ ארום ?

— געווים, נאַכט אין נאַכט, ווי איך זאָג דיר. ער איז ביי מיר אין שטוב ווי אַן אוצר, איך זעה איהם גאָר ניט אָן. קומט ער פון דער ארבייט, עסט ער אָב סאַפּער, קושט זיך אָן, שפּיעלט זיך אָן אביסעל מיט די קינדערלעך, רעדט אוים מיט מיר עטליכע ווערטער, און איך זעה . מיין שלים־מזל לויפט שוין צו דער טהיר; היידאַ! ער פליהט! ערטער וואו צו לויפען זיינען געגוג פאראַן: דאָ א יוניאָן, דאָ א מיטינג, דאָ א קאָמיטע, דאָס א סמיטע, דאָרטען עקזעקוטיוו, סקעקוטיוו — א מענש האָט עס זיך איינגעשמועסט! וואָס? ווער? ווען? וואָס האָסטו פון דעם? גאָר נישט! וואו נור א שד, א מחבל, דאָרטען דאַרף זיין מיין שלים־מזל.

— נו, און וואָס טהוסטו? — האָט פריידעלע איהר איבער־געשלאָגען.

— וואָס זאָל איך טהאָן? איך פויל זיך אוים מיין האַרץ, אָט וואָס איך טהו.

— נו, און וואָס זאָגט ער פאַרט?

— וואָס זאָל ער זאָגען? ער שווייגט, מען הערט פון איהם א וואָרט ניט. ווייסט דאָך, פריידעל, אז איך וויל, קען איך פערגעבען א גאָב, קענסט דאָך מיך נאָך פון דער היים, ווייסט דאָך, אז א צונג האָב איך — ניט צו פערזינדיגען, אז ס'זאָל דערגעהן די נשמה,

זעהסט דאך, און עס איז גארינשט — מיט מיין בראך קען איך גאר נים מאכען. עס טרעפט, אז איך שריי אב צוויי שטונדען אויפ'ן זייגער, דער צונג הויבט מיר אן אזש וועה טהאן, און וואס? גאר־נישט, עס קלעבט זיך צו איהם ווי אן ארבעס צום וואנד — גלייך ווי ניט איהם מיינט מען דאס. איך שריי, איך שריי, ער שטעהט זיך, הערט זיך צו, און ווען איך ווער אנשווינען, טהוט ער קאלטבלוטיג א שמייכעל: „געענדיגט? — פרעגט ער ביי מיר — יעצט קען איך געהן.“ און איך זעה מיין פיליפקע לויפט צום טהיר.

— וואוהין געהסטו? — פרעג איך.

— געציל'ס שאפ מיטעט היינט מיט א קאמיטע פון דער יוניאן, מיך האט מען אויסגעוועהלט אלס קאמיטע־מאן.

—א מיטה, מיין מאן, שוין צייט דיר א מיטה — זאג איך צו איהם — וואס טראכסטו זיך פיליפקעלע, וואס האסטו זיך דא איינ־געשמועסט? וואס האסטו צו מיר, וואס פערפינסטערסטו מיר די טעג מיינע? זעה, לייטישע מענער א — א נחת! א, בנימין דער הויקער איז שוין אויך אן אפרייטאר ביי נעקטאים, רייכער פון דיר און גע־זינטער אויך, און פון דעסטוועגען, ווען ער קומט אהיים, ברענגט ער מיט זיך א באנדעלע ארבייט, ארבייט אפ א פאר שטונדען, עסט אפ א סאפער, רוהט זיך אוים, פערברענגט מיט זיין ווייב — א פערגע־ניגען, אי גאט, אי לייט האבען הנאה, און דו? דו, מיין בראך, לויפסט ארום... מיטינגס... וואס מיטינגס? ווען מיטינגס? וואס גיבען דיר די מיטינגס דיינע? וועט דיר דיין עקזעקוטיוו אויפנעהען א קלייד דער ווייב? וועט דיר דיין קאמיטע געבען שיך די קינדערלעך? וועט געציל'ס שאפ פאר דיר רענט בעצאהלען?

— ביסט א נאר, רייזעל — ענטפערט ער מיר — א גרויסער נאר.

איך ווער דאך אין כעס.

— האסט א ווייב, דאן ליעג אין קריינק — גיב איך דאך א געשריי.

— עס — טהוט ער א מאך מיט'ן האנד — א ווייבעל בלייבט א ווייבעל. און ער נעהט טאקע אוועק.

— נו, וואס זאגסטו אויף דעם, פריידעל?

— צרות— האט פריידעל געענטפערט.

— מיינסטו, האט ער מיך ניט האלט? האלט ווי זיין נשמה. זאל מיר עפּעס פּעהלען אין געזונד, קוים פיהל איך עפּעס א האר ניט גוט, ווייס ער שוין ניט וואס צו טהאן איבער מיר. ווען ער וואלט געקאנט, וואלט ער א טעלעריל פון הימעל דערקאזועט, זיצט לעבען מיר דאן, טרעט ניט אפּ א מינוטעלע, מען זעהט, אז ער שטארבט.

אן אנדערש מאל, אז ער דערעסט מיר, נעהם איך איהם עסען ווי אירזשא אייזען, בלייבט ער זיצען א פּאר נעכט אין דער היים. אבער איך זעה, אז דער לעבען איז איהם ניט ניחא: זיצט און גענעצט, קראצט דעם קאפּ און ער האט עפּעס קיין ארט ניט... עס קומט א פערזאמלונג — מיינער זיצט ניט איין, און היידא.... נו, וואס טויג מיר שרייען? גאדנישט, אקוראט ווי פאר א הונד ארויסגעוואַרפען. אן אנדערש מאל קאך איך קיין סאפּער ניט — זאל ער זיצען און קריינקען — גאר־נישט! אז מען דארף, געהט ער אוועק אהן סאפּער אויך. א זייגער צוועלף, מיין בראך שלעפּט זיך. און וואלסטו א קוק געבען אויף איהם! אזא צופריעדענער, אזא גליקליכער, עפּעס אקוראט ווי ער האט טויזענד דאלאר פערדיענט. איך נעהם דאס אויסבייטלען צו זיין קאפּ אלע בייזע חלומות. ער הערט אוים גאנץ דוהיג, טהוט א מאך מיט די הענד, עפּעס אזוי ווי ער וואלט זאגען: „רייד מיט איהר, אז זי פערשטעהט גארנישט", טהוט זיך אוים און געהט שלאפען.

איך ווייס דאך אבער, אז ער וויל עסען. איך ווייס דאך, אז ער איז א שוואכער, די הארץ מיינע טהוט מיר וועה אויף איהם — פארט מיין צרה, נו, שטעה איך אויף, און גיב איהם עסען... נו, איז ער נאך מעהר צופריעדען, נעהמט מיך ארום און קושט מיך. איך ווייס ניט פון וואנען די קריינק האט זיך צו איהם גענומען? אין דערהיים, געדענקסט דאך, ווען ער איז געווען א מילנער, איז ער גע־ווען, דאכט זיך, אזא רוהיגער, אזא שטילער, און דא איז ער שטענדיג צוטראגען, שטענדיג צופיהרט, ווי ברוך אויפ'ן יריד. הא! הו! א לע־בעדיגע וועלט... וואס טהוט מען פארט? פריידעלע, וואס טהוט מען? זאג, שוועסטער.

פריידעל האט אויף זיך געמאכט אזא פּנים, אזוי ווי זי וואלט געווען אם העכסטען געניט אין אזעלכע אנגעלעגענהייטען.

— ניין, רייזעל — האט זי געענטפערט — פיהרסט זעהר נאריש דעם רעדעל.

— וואס איז דאס? איך שריי ווענינ?

— וואס קומט ארויס פון דיין שרייען? גארנישט.

— נו, וואס דען טהוט מען?

— שווייגען, אט אזוי ווי איך טהו.

— שווייגען? ווי הייסט שווייגען? — האט רייזעל אויסגע־שטעלט אויף פריידלען א פאר פערוואונדערטע אויגען.

— זעהסט דאך, איך האב געשוויגען — און טאקע מיט'ן שוויי־גען האב איך גענומען. איך האב געלאזען גאר פריי; געה, מיין פריי־געלע, וואוהין דו ווילסט אליין; לויף, ברעך זיך דעם קאפ. — „ווען דו ווילסט מיך ניט הערען — האב איך צו איהם געזאגט אמאל, דאן וויל איך פון דיר ניט וויסען, טהו זיך וואס דו ווילסט, אבער דו וועסט ניט זוכה זיין פון מיר ווען עס איז א ווארט צו הערען; מעגסט צופלאצט ווערען, וועסטו פון מיר א ריהר מיט'ן צונג ניט ארויסקריגען“. און איך האב טאקע אזוי געטהאן. וואכען לאנג א ווארט מיט איהם ניט אויסגערעדט, שטיל — גלייך ווי שטום. קענסט דאך מיין נחום'ען, ווייסט דאך, אז ער איז א לעבעדיגער, א פרעהליכער, א זודיגער. ער קען ניט שווייגען, א מינוט ניט. ווען ער פלעגט קומען אהיים ווען פון א מיטינג, פלעגט ער שוין צולויפען צו מיר, נעהמען ריידען, דערצעהלען, „פריידעלע“ און „פריידעלע“. מיין פריידעלע — שטיל, א ווארט ניט; ווען ער רופט מיך געהן מיט איהם צוזאמען אן אנ־דערש מאל, פריידעל שווייגט, ער נעהמט מיך פעררדרעהען א קאפ, דערצעהלען געשיכטען, אז ער איז גערעכט, אז אנדערש דארף גאר ניט זיין. איך קוק אין יענעם זייט ניט — איך שווייג. נור געשוויגען. צוגעקליבען, אויפגערעמט אין שטוב, אלעס פיין, ציכטיג; איך גיב איהם אב זיין דינער, זיין סאפער און ריידען א ווארט ניט, גארנישט, גלייך ווי איך בין שטום. איך ווייס דאך, אז ער האט מיך האלט. זאל ער פוילען פון דעם וואס ער וויל קיין מענש ניט זיין.

און איך האב טאקע געזעהען, אז דער מענש פוילט, אז פון איהם ווערט אש. עפעס לענגער מיט א פאר מאנאטען קומט ער דאס צור־געהן פון א פערזאמלונג: איך זעה די אויגען שיינען, דער פנים פלאקערט. איך פערשטעה שוין, אז ער איז עפעס זעהר צופריעדען,

ער וועט זיך שוין ניט איינהאַלטען, ער וועט שוין נעהמען מיט מיר ריידען; אַזוי איז טאַקע געוועז.

„פריידעלע“ — לויפט ער צו צו מיר — „פריידעלע, אַז דו וואָלסט הערען ווי די קאַפּעלמאַכער פיהרען קונציג דעם סטרייק... איך שווייג.

„אָ, פריידעלע, נעהמען זיי דאָס ביי די באָסעס די געדערים....“ איך שווייג. אמת, עס האָט זיך מיר געוואָלט אַ זאָג טהאָן: „די געדערים מעגען דיר טאַקע ארויס, אַז ביי דיר ליעגט יעדע נאַרישקייט אין זינען“; אָבער איך האָב זיך איינגעהאַלטען, געשוויגען.

„פריידעלע, וואָס רעדסטו ניט? בעט ער זיך ביי מיר רחמים. איך שווייג.

„וואָס שווייגסטו, פריידעל?“ אַ וואָרט ניט! אָבגעקעהרט זיך אָן אַ זייט, גלייך ווי ער מיינט נאָר די וואַנד.

„פריידעל, וואָס ווילסטו פון מיר?...“ איך זעה, אַז ער וויינט נאָר איינפאַך... און איך — געשוויגען. קורץ, רייזעל, וואָס זאָל איך מיט דיר איבריגס ריידען, אַט אַזוי מיט מיין שווייגען האָב איך אַלץ אויסגעפיהרט, ביסלעכווייז, ביסלעכווייז.

די טיהר האָט זיך געעפענט און עס איז אַריינגעקומען נחום עסען דינער, און דער געשפּרעך וועגען די שלים־מזל׳דיגע מענער איז געוועזן איבערגעשלאָגען.

צוויי מאָל בעגעגנט זיך

צוויי מאָל האָבען זיי זיך בעגעגנט אין זייער לעבען; צווישען דעם ערשטען מאָל און דעם צווייטען מאָל איז אריבערגעפלויגען אַ צייט, אַ לאַנגע, לאַנגע צייט פון דרייצעהן יאָהרען.

ווי פערשיעדען זיינען געווען דיעזע צוויי בעגעגעניסען, ווי פער־שיעדען זיינען געווען די אַלע אומשטענדען, וועלכע עס האָבען זיי ארומגערינגעלט!

ווען זיי האָבען זיך בעגעגנט דעם ערשטען מאָל, האָט זי גע־הייסען קריינע ווילנער, און ער — יאָפּע, דאָס אַלעס, וואָרום זיין ערשטען נאָמען האָט זיך דאַן קיינער ניט אינטערעסירט צו וויסען. זיי זיינען ביידע געווען יונג, ביידע זיינען זיי אַלט געווען פון צוואַנציג ביז צוויי און צוואַנציג יאָהר.

אין יענעם טאָג, ווען קריינע מיט יאָפּען האָבען זיך בעגעגנט, איז זייער שיקזאַל געווען איינס און דאָס זעלבער: זיי ביידע זיינען „געלאָפען". קריינע האָט עס אין דיזען טאָג געהאַלטען אין אנטלוי־פען און יאָפּע איז שוין געקומען צו לויפען; קריינע איז געלאָפען פון איהר פאָטער און מוטער, זי איז געגאַנגען פערלאָזען איהר היימאטה; איהר געבורטס־פּלאַץ, די גרויסע גובערנסקע שטאָדט מאָהילאָוו, וועלכע געפינט זיך ביי די ברעגען פון דעם טייך „דניעפּר", און זי האָט זיך צוגעקליבען צו לויפען נאָך דער וויטער פרייער אַמעריקא, וועה־רענד יאָפּע האָט פערלאָזען די קליינע, קויטיגע, פערוואָרפענע שטעד־טעלע ליאַדי, וועלכע געפינט זיך פופציג ענגלישע מיילען פון מאָהי־לאָוו, אָדער, גענויער גערעדט, דריי טעג רייזע מיט דעם אייזציגען בעל־עגלה, וועלכער עס האָט דאַן פעראייניגט דיזע צוויי פונקטען, און ער איז געקומען אהער נאָך מאָהילאָוו.

די אורזאַכען פון קריינעס און יאָפּעס לויפען זיינען אפילו גע־ווען פערשיעדען, אָבער צו דער זעלבער צייט האָבען זיי געהאַט אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער.

יאָפּע, אָדער משה, ווי ער האָט דאַן געהייסען, איז אין דער קליינער שטעדטעל ליאַדי געווען אַ ישיבה בחור. ער איז געווען ניט נור דער בעסטער תלמיד אין דער ליאַדער ישיבה, נור דער גרעסטער

לערנער אין ליאדי — ער איז געווען אַן איינפאַכער תלמיד חכם, און ליאדי האָט אין משה'לען געזעהען אַ קאַנדידאַט פאַר איהר צוקינפטי־גען שטאָדט־רב. ער איז געווען אַ כשר קינד, שטיל, פרום, אַ ציערונג אין ליאדי, און אַ טרויסט, אַ קוואַל פון פערגעניגען פאַר זיינע עלטערן. נון, האָט זיך פּלוצלונג אריינגעמישט דער בייזער שטן. משה'לע האָט גענומען אריינקוקען אין ספרים, וועלכע עס זיינען געווען אין דער ליאדער ישיבה. בשתקה, פערבאָרגען האָט ער גענומען בלעטערען אַזעלכע שרעקליכע בלעטער, וועלכע עס האָבען גענומען שטאַרק אונ־טערטרייסלען זיינע וועלט־אַנשויאונגען. משה'לע האָט גענומען אָב־קעהרען פון גאָט'ס וועג. אָנפאַנג געהיים, שטיל, פערבאָרגען, אָבער ווייטער, ווייטער אָפענער און „סמעלער“. עס איז געוואָרען אין ליאדי אַ שרעקליכער רעש, אידען האָבען זיך פאַר איהם אַ נעהם גע־טהאָן, מען האָט געפּרובירט מיט גוטען, מיט בייזען, דער רב האָט גע'מוסר'ט, דער טאַטע האָט געשלאָגען, די מאַמע האָט געוויינט מיט ביטערע טרעהרען... משה איז אָבער געווען שטאַרק אין זיינע איבער־צייגונגען, און ער האָט אוועקגעוואָרפען זיין ליעבע שטעדטעלע, וואו זיין קינדהייט איז אריבערגעלאָפען, זיין פאָטער און מוטער, און ער איז געלאָפען נאָך מאהיליאָוו, נאָך דער נאָהענטסטער גרויסער שטאָדט, געלאָפען מיט דעם גאַנצען היטץ פון זיין יוגענד, געלאָפען צוליעב זיינע פּרינציפּען וועגען, געלאָפען, ניט וויסענדיג, וואו ער וועט מאָר־גען לייגען זיין קאָפּ, וואו ער וועט קריגען דעם ערשטען שטיקעל ברויט....

קריינע איז אויך געלאָפען פון איהרע עלטערן. זי איז ניט גע־לאָפען פון זיין פאַנאַטאיזם, זי איז ניט געלאָפען זוכען בילדונג, אָבער איהר האָט געיאָגט פון איהר היים דאָס, וואָס איהרע עלטערן האָבען איהר געוואָלט חתונה מאַכען עפּעס מיט אַ רייכען יונגען מאַן.

שטעלט זיך פאָר, חתונה האָבע אין דער צייט, ווען מען אַנער־קענט ניט קיינע רעליגיעזע צערעמאָניעס, הייראַטהען אַ מאַן, וועלכען מען קען ניט, נור מיט וועלכען מען הייסט הייראַטהען, אין דער צייט, ווען מען אַנערקענט הייליגע, ריינע ליעבע פאַר דעם איינציגען אָרענט־ליכען הייראַטהען; און ענדליך חתונה האָבען, גאָר חתונה האָבען אין דער צייט, ווען מען שטרעבט גאָר צו בילדונג, צו אָרענטליכע אַר־בייט, צו פרייהייט, צו הויכע אידעאַלען! שטעלט זיך דאָס פאָר, אוז

איהר וועט גוט בעגרייפען די אורזאכען, וועלכע עס האבען געצוואונגען קריינען צו פערלאזען איהרע עלטערן און איהר היימאטה.

אין דיעזען טאג, ווען קריינע ווילנער און משה יאפפע האבען זיך צום ערשטען מאל בעגעגענט, איז געווען א צווייענדיגער יום־טוב פאר מאהילאווער אידישער אינטעליגענציע. ערשטענס, האט מאהילאווער אידישע יוגענד עמפפאנגען א נייעם קאמעראד אין זייערע רייהען, און, צווייטענס, האבען זיי מיטגעהאלפען רעטען זיך פון א שענדליכער אונטערדריקונג זייערען שוין אן אלטען פריינד. איך גלויב, אז מיר איז איבריג צו דערצעהלען אייך, אז דער ניי־עמפפאנגענער איז געווען יאפפע, און אויסגעהאלפען האט מען דא קריינע ווילנער.

דאס איז געווען אין א שמאלען, ארעם געמעבלירטען חדר, וואו ווילנער מיט יאפפען האבען זיך צום ערשטען מאל בעגעגענט. דיעזער חדר איז געווען די קווארטיר פון א אידישען יונגען לעסאן־געבער מיט דעם נאמען מענדעל זאק. ביי דיעזען מענדלען האבען זיך צוזאמענגעקליבען אלע פריינד און פריינדינען פון קריינע ווילנער, אום געהיים אוועקצושיקען זיי נאך אמעריקא, און פון דיעזען צימער איז זי טאקע אוועקגעפאהרען. אהער איז אויך געקומען יאפפע, וועלכער איז געווען א גוטער גאסט, און דא האט ער זיך מיט אלעמען בעקענט. אויך האט ער זיך דא צום ערשטען מאל בעקענט מיט קריינען.

עס האט ניט פיעל געדויערט און יאפפע און קריינע האבען שוין גוט געוואוסט איינער דעם צווייטענס געשיכטע.

ביידע האבען געברענט מיט שטרעבען און בעגייסטערונג. ביידע זיינען זיי געווען יונג, היציג און ענטשלאסען. עס איז געווען קענטיג, דאס די יונגע בעקאנטע נעהמען איינער אין דעם צווייטען א טיעפען אינטערעס. זיי זיינען שנעל בעפריינדעט געווארען. און עס איז געקומען די קריטישע מינוט פון שיידונג, האבען ווילנער און יאפפע געוואונשען איינער דעם צווייטען מוטהיג און ערנסט געהן איבער זייערע אויסגעקליבענע וועגען.

— עס טהוט מיר זעהר לייד — האט קריינע געזאגט שוין זיצענדיג אין פוהר און דריקענדיג א לעצטען מאל יאפפע'ס האנד — עס טהוט מיר זעהר לייד, וואס מיר זיינען אזא קורצע צייט בעקאנט געווען, וואס מיר דארפען זיך אזוי שנעל שיידען.

— א בארג מיט א בארג בעגעגענען זיך ניט — האָט יאפפע גע־ענטפערט — אָבער א מענש מיט א מענשען קענען זיך אימער בע־געגענען. און זיי האָבען זיך ווירקליך נאָך איין מאָל בעגעגענט!

* * *

דרייצעהן לאנגע, לאנגע יאָהרען זיינען אריבערגעלאָפען. איך וועל אייך ניט דערצעהלען וואָס קריינע און יאפפע האָבען דורכ־געמאַכט פאר דיעזער לאנגער צייט, וואָרום עס איז פיעל צו רעדען וועגען דעם אין א סקיצע, איך וועל אייך בלויז דערצעהלען ווי אזוי זיי האָבען זיך בעגעגענט, און איהר וועט שוין מוזען אליין די איבריגע פאָרשטעלען זיך.

דער שיקזאל האָט אונזערע אלטע פריינד צוזאמענגעפיהרט אין אן אָרעמען „דאנטאנער האלל" אויף חתונה.

קריינע האָט יעצט געהייסען מיסס ווילנער, אבער באלד האָט זי געדארפט הייסען מיסים גאָטליעב; וואָרום זי איז דאָס געוועזען די כלה פון דער היינטיגער חתונה.

זי איז געוועזען געקליידעט אין א חופה־קלייד, אָבער זי האָט ניכער אויסגעקוקט אלס א מת אין תכריכים, איידער א כלה. עס איז געוועזען זעהר, זעהר שווער צו דערקענען די אמאָליגע לעבעדיגע פרעה־ליכע, מוטהיגע קריינע, דער פייער פון איהרע אויגען איז געוועזען אין גאנצען אויסגעלאָשען, דער פנים האָט אויסגעקוקט אלט, אָבגעבליהט, אָבגעלעבט, זי איז געוועזען דאַר און הויך, אזוי ווי א לעבעדיגער סקעלעט... ווער ווייס? פיליכט האָט מיסס ווילנער דיעזע דרייצעהן יאהרען, דיעזע לאנגע, לאנגע יאָהרען אָבגעארבייט אין אידישע סוועט־טינג שעפער... יעדענפאלס יעצט איז זי געגאנגען הייראטהען א גאנץ פרומען אידישען פעדלער — אן אלמן מיט צוויי קינדערלעך...

יאפפע'ן איז אויך געוועזען שווער צו דערקענען: ער איז געוואָרען פיעל דיקער, געזינטער און שענער איידער ער איז געוועזען מיט דריי־צעהן יאהר צוריק. ער האָט יעצט געהאט א פיין קיילעכדיג בייכעל, דאָס בערדעל האָט זעהר געפיט צו זיין פנים און האָט איהם געגעבען אן אויסזעהען פון א בכבוד'דיגען כלי קודש און, הפנים, ער איז טאקע דאָס יעצט געוועזען, וואָרום דורך א רעקאָמענדאציאָן איז ער געוועזען דאָ אויף דער חתונה אָנגעשטעלט אלס מסדר קדושין...

זיי האָבען זיך דאָרט בעגעגענט.... זיי האָבען זיך דערקענט.

דער העט־טשעק.

און עס איז געקומען די גוטע שעה, ווען מוטערמאַן האָט שוין בעדאַרפט אוועקגעהן צו דער וועטשערינקע פון דער נייער פּאַרטיי, וועלכע האָט געטראָגען דעם פיעל־בעדייטענדען נאָמען: „די אידישע אינטערנאַציאָנאַלע אַנאַרכיסטען־פּאַרלאַמענטאַריסטען“.

מוטערמאַן האָט אָנגעטהאָן אַן אויבערשטע העמד, ערשט געבראַכט פון די לאָונדרי, האָט גוט, מיט גרויס התמדה, אויסגעבראַשט זיין סוט, און ווען ער האָט אַזוי געטהאָן, האָט זיך איהם געדאַכט, אַז זיינע קליידער זיינען נאָך גאַנץ נייע, און דער מאַן האָט נחת געהאַט.

ווען מוטערמאַן האָט גענומען אַ פּוץ טהאָן זיין העט, האָט זיין געזיכט זיך בעדעקט מיט אַ שווערען וואָלקען, און ער האָט פערדראָסיג פערביסען מיט די ליפּען.

עס איז געווען אַ שוואַרצער, האַרטער דערבי־העט, און מוטערמאַן האָט בעמערקט, ווי אין סאַמע פראָנט פון דעם הוט זיינען שוין דאָ אַ פּאָאַר שפּעלטעלעך, דער „ברים“ איז אין איין אָרט אביסעל אָבגע־ריסען, די זיידענע בענדעל איז צוקנייטשט, און דער גאַנצער הוט איז אַזוי אַלט, אַזוי אָבגעטראָגען.

ווי געהט מען דאָס אין אַזאַ הוט צו אַ וועטשערינקע? — האָט מוטערמאַן אַ טראַכט געטהאָן — עס איז דאָך אַ חרפּה און אַ שאַנדע. עס קוקט אויס אַזוי אַלט, אַזוי העסליך, עפּעס אַזוי ווי אַ הוט פון אַ בעטלער אָדער אַ פערשכור'טען טרעמפּ.

מוטערמאַן האָט פּרובירט מיט די הענד אביסעל אַ פּיקס טהאָן דעם הוט זיינעם, האָט ער נאָך ערגער געמאַכט — דאָס בענדעל האָט זיך נאָך מעהר פערקנייטשט, און ער האָט געזעהן, אַז ווען ער וועט נאָך אביסעל פּיקסען דעם הוט, וועט דער „ברים“ גאָר אין גאַנצען אָבפאַלען...

וואָס טהוט מען? — האָט זיך מוטערמאַן פערטראַכט — זאָל ער קויפען אַ נייעם הוט? ווי אַזוי? ערשטענס איז ניטאָ קיין געלד; צווייטענס, לויף עפּעס מיט אַמאָל קויפען העטס? און וואָס וועט זאָגען די ווייב? (מוטערמאַן איז געווען אַ בעווייבטער). וואָס טהוט

מען? און געהן אין אזא צרה'דיגען הוט אויף א שמחה, האט עפעס קיין פנים ניט... וואס טהוט מען?

מוטערמאן האט אנגעטהאן דעם הוט, האט אויף זיך א קוק געטהאן אין שפיעגעל און דעם מאנ'ס געזיכט האט זיך אויסגעקרימט פון ערגערנים. איהם האט זיך געדאכט, אז ער קוקט אויס העסליך, אז דער הונגער־טויט ליעגט איהם אויפ'ן געזיכט. ער האט א טראכט געטהאן — אויף דער וועטשערינקע וועלען אלע קוקען אויף זיין העט, און אלע וועלען געוויס דענקען: ער מוז זיין זעהר פעראָרימט. און מוטערמאן איז געבליעבען אזוי זיצען אומעטיג און פערצווייפעלט.

אפשר גאר ניט געהן? — האט מוטערמאן א טראכט געטהאן, ער האט אבער גלייך חרטה געקראגען.

מוטערמאן איז א פערהייראטהער מאן און א פאטער פון קליינע קינדער. איהם געהן אויף א שמחה קומט ניט אן אזוי לייכט. עס קומט איהם נעבעך אוים צו האבען פיינע עטליכע דעבאטען מיט זיין בעסערע העלפט, איידער ער קריעגט די ערלויבנים צו געהן. און ווען ער איז שוין „ענטלאסען“ געווארען, איז א צו גרויסער שאדען מיט דער ענטלאסונג ניט צו בענוצען זיך.

ניין, געהן מוז ער, און עס ווילט זיך איהם זעהר געהן און פער־ברענגען אן אבענד, אבער ווי אזוי? דער העט! דער העט! וואס טהוט מען מיט דעם העט?

און דא האט זיך מוטערמאן דערמאנט, אז ביי אזעלכע געלעגענ־הייטען זיינען דאך דא אויף דער וועלט „העט־טשעקס“. א שטראהל פון א זיסער האפנונג האט בעלויכטען זיין פערוואלקענטען געזיכט. שנעל האט ער א כאפ געטהאן די צייטונג, אין וועלכער עס איז געוועזן געדרוקט די אנאנסע וועגען דער וועטשערינקע פון די אידישע אינטער־נאציאנאלע אנארכיסטען פארלאמענטאריסטען, ער האט זיך גלייך איינגעגראבען מיט די אויגען אין דער אנאנסע. ער האט דורכגעלעזען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט יעדען ווארט — וועגען העט־טשעקס האט זיך גאר ניט דערמאנט.

מוטערמאנען איז וויעדער געווארען אומעדיג אויפ'ן הארצען, און עפעס אזוי ווי ניט וועלענדיג שיידען זיך מיט א גוטער האפנונג, האט ער וויעדער גענומען אריינקוקען אין דער אנאנסע — ניטא קיין העט־טשעקס. עס איז נור דערמאנט, אז א טיקעט קאסט א קוואדער.

דאָס אלעס. דערווײלע, אזוי אריינקוקענדיג אין צייטונג, האָט מוטער־מאַן דערזעהן, אז די אידישע אינטערנאַציאָנאַלע אנארכיסטען פּאַרלאַ־מענטאַריסטען זיינען נישט די איינציגע בעלי־שמחות אויף דער וועלט. טאקע דערביי האָט זיך אָנאָנסירט אַ טהעע־פּאַרטי פון די חעלעמער רעוואָלוציאָנערען. אַ טיקעט האָט בעדאַרפט קאָסטען אויך ניט מעהר ווי אַ קוואָדער, און דאָ האָט זיך שוין בפירוש דערמאָנט, אז עס זיינען דאָ העט־טשעקס, צעהן סענט אַ שטיק.

און מוטערמאַנ'ען איז גלייך ארויף אַ געדאַנק צו געהן צו דער טהעע־פּאַרטי פון די חעלעמער רעוואָלוציאָנערען. אמת, עס וועט קאָסטען טהייערער מיט צעהן סענט, אָבער דערפאַר וועט ער פּטור ווערען פון זיין פערפּלוכטען העט, און ער וועט זיך קענען אַמוזירען מיט אלע מענשען גלייך.

אי, וואָס? עס איז בעוואוסט, אז ער איז אַ סימפּאַטיזירער, כמעט אַן אנהענגער פון די אידישע אינטערנאַציאָנאַלע אנארכיסטען פּאַרלאַ־מענטאַריסטען, און אויף דער טהעע־פּאַרטי פון די חעלעמער רעוואָלו־ציאָנערען קענען זיך טרעפען בעקאַנטע, וועלכע וועלען איהם פרעגען: סטייטש, ווי קומט עס? נו, וועט ער שוין געפינען מיט וואָס צו פערענטפערען זיך... צום ביישפּיעל, ער קען זאָגען: ער האָט דאָ צו בעגעגענען אייניגע בעקאַנטע פריינד; ער קען דערצעהלען אַ מעשה, אז מען האָט איהם מיט געוואלט אריינגעשפּארט אַ טיקעט א. ז. וו.... מיט איין וואָרט, ער וועט שוין געפינען מיט וואָס צו פערענטפערען זיך.

די אונטערנעהמונג פון די חעלעמער רעוואָלוציאָנערען איז געווען אַ גלענצענדער ערפאָלג; דער עולם איז זיך צוזאַמענגעלאָפען ווי אויף אַ בייז־וואונדער; מען האָט געכאַפּט ביי דער קאַסע די טיקעטס, אזוי ווי הייסע קייקלעך, און ביי דער העט־טשעק פענסטערעל האָט זיך געקעהרט אַ וועלט: מען האָט זיך געשטופּט, מען האָט זיך געשטויסען, יעדען איינעם האָט זיך געגלוסט וואָס שנעלער אויסצו־טשעקען די קליידער און אריינגעהן אין האָלל און אַנטהייל־נעהמען אין דער שמחה.

איז נעבען דער גוטער פענסטערל געווען אַ שרעקליכע אויפ־רעגונג, אַן אמת'ער יריד: דער מאַן, וואָס האָט געטשעקט די קליידער, איז געווען אין אַ שלעכטען מוטה, און ער האָט אָהן צערעמאָניעס,

כמעט ברוטאל, בעהאנדעלט די יעניגע, וועלכע האָבען בעדאַרפט אַנקומען צו זיין בעדיענונג.

מוטערמאַן האָט זיך אַריינגעשטויסען אין דעם קראַוד נעבען דעם פענסטעריל, און אַזוי שטויסענדיג זיך האָט מען איהם זיין העט אַרונטערגעשמיסען, און די צרה איז נאָך צרה'דיגער געוואָרען.

נור אָט שטעהט שוין מוטערמאַן נעבען דעם פענסטעריל און שפּאַרט זיין העט, פון הינטען איהם שטויסט זיך דער קראַוד און מען איילט איהם צו.

דער מאַן פון יענער זייט פּעסנטעריל האָט אַ קוק געטהאָן אויף דעם העט, און וואַרפענדיג אַ בליק פול מיט שפּאָט און פעראַכטונג אויף דעם אָרימען מוטערמאַנען, האָט ער גענומען דונערען מיט אַלע זיינע כחות!

— מיסטער, אָט אַזא העט געהט איהר דאָס טשעקען?

מוטערמאַנ'ען איז דאָס בלוט אין פּנים אריין; אויף אַ סעקונדע האָט ער זיך גענצליך פערלאָרען, נור באַלד איז ער צו זיך געקומען, און ער האָט געענטפערט שטיל, אבער מיט אַ פערשטיקטען כעס.

— וואָס איז דאָס אייערע ביזנעס?

— שור איז דאָס מיינע ביזנעס! — האָט נאָך העכער גענומען שרייען דער העט-טשעק-מאַן — איך קען שוין אייערע לייטע, מען גיט מיר אַ צובראָכענע העט, וועלכע מען האָט בעדאַרפט לאַנג אין סטריט אַרויסשמייסען, נאַכהער, ווען איך קעהר עס אום צוריק, בינדט מען זיך צו מיר, און מען זאָגט, אַז איך האָב עס צובראָכען...

— נישט אייערע ביזנעס... — האָט דער פערשעמטער מוטערמאַן געשטאַמעלט, און די ליפּען האָבען ביי איהם געציטערט פון אויפרעגונג און בזיונות.

— שור איז דאָס מיינע ביזנעס, גרינהאָרן וואָס איהר זייט! — איז דער העט-טשעק-מאַן געוואָרען ווילד פאַר כעס. ער האָט אַ כאַפּ געטהאָן דעם הוט, גענומען איהם בויגען, ברעכען, און ער האָט ניט אויפגעהערט צו שרייען אויפ'ן קול:

— קוקט נור אָן אַ העט!... וואו האָט איהר דאָס אויפגעזוכט, מיסטער?

מוטערמאַן האָט געפיהלט, ווי ער ווערט בלאַס. אַלע אברים האָבען יעצט אין איהם געציטערט. ער האָט פון אויפרעגונג אַ וואָרט

ניט געקענט אויסרעדען. און דא האט דער עולם איהם געשטופט און געשטויסען און האט צו איהם געשריען:

— נו שוין, מיסטער!

— טרעט אָב פון פענסטער!

— צום טייפעל מיט אייער העט!

— גיט אַן אַנדערען אַ טשאַנס צו טשעקען די קליידער.

מוטערמאַן האט אַ כאַפּ געטהאָן זיין העט, און ער איז אַזוי ווי אַ האַלבער משוגענער אריינגעלאָפען אין האַל.

אויף דער טהעע־פּארטי פון די חעלעמער רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך אַלע זעהר פיין אַמוזירט; אַלע, נור ניט מוטערמאַן.

דעם אָרימען בעליידיגטען מאַן האט זיך געדאַכט, אַז אַלע בעזור־כער האַלטען אין איין בעטראַכטען זיין העט. האט ווער־עס־איז צו איהם אַ שמייכעל געטהאָן, האט זיך מוטערמאַנ'ען געדאַכט, אַז דאַס שמייכעלט מען פון זיין העט; האט אימיצער צו איהם זיך אַ נייג געטהאָן „ערנסט", האט זיך איהם געדאַכט, מען לעגט אויף איהם רחמנות פאַר זיין העט; האט אימיצער ביי איהם אַ פרעג געטהאָן: „ווי געהט עס, מיסטער מוטערמאַן?" האט ער געפּיהלט, אַז מען האט דאַ אין זינען זיין העט; האט ער געזעהן, אַז עטליכע בעזוכער שטעהען אין אַ קופּקעלע און מען שמייכעלט עפּעס, האט זיך איהם געדאַכט, מען לאַכט עס פון זיין העט.

און מוטערמאַן האט פאַר פריה פערלאָזען דעם האַל, אומעדיג, ערניעדריגט, בעליידיגט...

א טאָג ארבייט.

א שרעקליכען, א ביטערען יאָהר האָבען דורכגעמאכט די ניו יאָרקער פיינטער.

דעם פערגאנגענעם סיזאָן איז געווען זעהר וועניג ארבייט. נאכ־הער האָט זיך אָנגעצויגען א לאנגער, לאנגער ווינטער, און די זעקס חדשים צייט האָט געהערשט א פינסטערע שווארצע סלעק.

די העמדער פון די לייבער, די הויט פון די ביינער האָט מען באַלד געהאַט אויפגעגעסען, און א ביטערע, שווערע, גרויזאַם שטיקענדע נויט האָט זיך איינגעפונדעוועט צווישען די פעראָרימטע פאמיליעס פון די ארבייטסלאָזע פיינטער.

מען האָט געוואַרט אויפ'ן סיזאָן.

ספרינג איז געקומען, זומער איז געוואָרען, א ביסעל ארבייט האָט זיך געוויזען, אבער דאָס איז געווען נור ווי א טראָפען אין ים. די מעהרסטע צאָהל ארבייטער זיינען אימער פערבליבען ארבייטסלאָז. דער זומער האָט געהאלטען ביים ענדיגען זיך... און די לאגע האָט זיך אויף איין האאר ניט פערבעסערט.

צווישען די פיינטער האָט מען גערעכענט, אז קיין סיזאָן ביי זייער ארבייט וועט שוין דיזען יאהר אין גאנצען ניט זיין און פיעלע, פיעלע ארבייטסלאָזע פאמיליען־פאטערס זיינען ארומגעגאנגען שווארץ, חושך ווי די ערד, האַלב־משוגע פון פערצווייפלונג.

אונערוואַרטעט, אונגעריכטערהייט איז ער געקומען דער פער־שפעטיגטער סיזאָן. און עס האָט זיך אין דעם פיינטער־טרייד אָנ־געפאנגען א רעגענדע, אַן אונגאָרמאַלע, א פיעבערהאפטע ביזי, אונ־נאָרמאַל און קדחת'דיג, אזוי ווי דער גאנצער לעבען אין דעם אייביג־רוישענדען, אייביג קאָכענדען ניו יאָרק.

פיינטער! פיינטער!! פיינטער!!!

מען האָט זיי מיט ליכט געזוכט; מען האָט זיי געריסען אויף שטיקעל, ווי די הערינג... נאָך יעדען פיינטער זיינען מיט אויסגע־שטעלטע צינגער דרייצעהן באָסעס נאָכגעלאָפען.

א פיינטער! געוואַלד געשריען, גיט א פיינטער!

און די פיינטער האבען גוט געוואוסט, אז דער פערשפעטיגטער סיזאן וועט לאנג ניט אנהאלטען, אז דער פייער וועט באלד אויס־ברענען. דארפט איהר שוין פערשטעהן, ווי אזוי מען האט געארבייט: שבת און זונטאג, נאכט און טאג, ניט געגעסען, ניט געטרונקען, — געארבייט, געארבייט און געארבייט!...

אייברעם גודין, א פיינטער ביים טרייד, איז אויך געווען איינער פון די יעניגע, וועלכע האבען אבגעפינסטערט א לאנגע, לאנגע סלעק און יעצט געמאטערט זיך מיט א ברענענדער ביזי.

אין א געוויסען פריהמארגען, אין דעם סאמע מיטען פון דער קדחת׳דיגער, פיינטערשער ביזי, ווען אייברעם גודין איז אויפגעשטא־נען צו דער ארבייט, האט ער דערפיהלט א שרעקליכען קאפּוועהטאג. ווען דער ארבייטער האט זיך אויף די פיס אוועקגעשטעלט, האט איהם גענומען שווינדלען אין די אויגען, און איהם האט זיך געדאכט, אז ער פאלט צוריק אנידער אין חלשות.

גודין האט זיך צוריק אין בעט אוועקגעלעגט.

„צו דער ארבייט!“ — האט עפּעס ווי א געהיימע, קאלטע שטימע אויסגעשריען: עפּעס האט ווי א שטארקען שטויס געטהאן דעם פיינטער, און אין איין סעקונדע איז שוין אייברעם אויף די פיס געשטאנען. שנעל, פיבעריש שנעל האט דער ארבייטער געדארפט אנטהאן זיך... א וואש געטהאן דעם פנים, א זופּ געטהאן א גלעזעל טהעע, געכאפּט די טולס.. א שארפער, דורכדרינגענדער שטאך אין קאפּ... און אייברעם איז געבליבען שטעהן נעבען טהיר, קרעכצענדיג פון שמערצען.

האט זיך אויפגעכאפּט דארא, דעם פיינטער׳ס ווייב:

— וואס איז דיר, אייברעם? — האט זי אונרוהיג געפרעגט.

דער קאפּ טהוט מיר זעהר וועה. — האט אייברעם קרעכצענדיג געענטפערט.

— אוי, אן אונגליק איז מיר! — האט די פרוי פערבראכען מיט די הענד — מעהר פעהלט ניט ווי יעצט קראנק ווערען.

— און איך דארף נאך ארבייטען אויף א סקעפאלד אין דער הויך, אין דער לופטען... — האט דער פיינטער א זאג געטהאן מיט א שטימע, וועלכע איז געווען פערשטיקט פון שמערצען — און דא שווינדעלט מיר אזוי אין די אויגען...

— געה ניט צו דער ארבייט! געה ניט צו דער ארבייט! — האָט דאָרא אַ שפּרונג געטהאָן פון בעט — געה ניט, איך האָב מורא.

— דאָרא, דאָרא, צי ווייסטו וואָס דו רעדסט? — האָט דער ארבייטער מיט אַ שמערצליכען פאָרוואורף אַ בליק געטהאָן אויף זיין פרוי — דאָס הייסט אַ טאָג ארבייט דורכלאָזען... אַ טאָג ארבייט, דאָרא, ווייסטו וואָס דאָס הייסט?... יעצט?... אין אזא צייט אַ טאָג ארבייט?...

אין דעם ארבייטער'ס פּאָאר ווערטער איז געלעגען אזוי פיעל ערנסט, אזוי פיעל ביטערער ערנסט, אַז זיין פרוי איז געבליעבען זיצען שטום אָהן ווערטער.

אַ טאָג ארבייט! אַ טאָג ארבייט אין אזא צייט! דאָס האָט געשיינט צו זיין אזוי וויכטיג, אזוי שוידערליך וויכטיג, אַז דאָרא האָט גאָר ניט געוואגט צו זאָגען עטוואָס דאגעגען, און זי האָט נור אַ שטאמעל געטהאָן מיט אַ שטילען געבעט:

— אָבער זיי פאָרזיכטיג, אייבערעמ'קע, האָב רחמנות, זיי פאָר־זיכטיג.

—איך וועל זיך דורכגעהן אויף דער פרישער לופט, וועט מסתמא מיר ווערען בעסער. — האָט אייבערעם בערוהיגט זיין פרוי, און דער קראנקער פיינטער איז צו דער ארבייט אוועק.

עס איז נאָך געווען גאנץ פריה און דעם ארבייטער'ס פרוי האָט זיך צוריק אין בעט געלעגט. זי האָט פערמאכט די אויגען, פּרובירט איינשלאָפען, האָט אין איהר פאנטאזיע גענומען שילדערען זיך אַ שרעקליכע סצענע: אָט זעהט זי — איהר מאן שטעהט אויף אַ סקעפאָלד אין דער לופטען און ער פארבט אַ וואנד פון אַ שרעקליך הויכען הויז... ער שטעהט אַ בלאסער. אָט טהוט ער זיך אַ כאפּ פאר'ן קאָפּ... און פאלט... פאלט ארונטער... אָט זעהט זי איהם ליעגענדיג... אַ צושמעטערטען אין בלוט... בלוט...

און מיט אַ פערשטיקטען אויסגעשריי פון שרעק איז דאָרא פון בעט ארויסגעשפּרונגען... האסטיג איז זי צו דער טהיר צוגעלאָפען, געעפענט די טהיר:

— אייבערעם! אייבערעם!

אייבערעם איז שוין ניט געווען.

זי האָט האסטיג אָן עפּעס געטהאָן א פּענסטער, ארויסגעקוקט אויף אַלע זייטען. איהר מאַן האָט זי ניט געזעהן...

דאָרט האָט זיך געכאַפּט אָנטהאָן, הפּנים, וועלענדיג לויפען נאָך איהר מאַן, האָט זי זיך אָבער דערמאָנט, אז זי ווייס ניט וואו ער ארבייט, און זי איז געבליעבען זיצען נעבען פּענסטער מיט אַן אראָב־געלאָזענעם קאָפּ, מיט פערבראָכענע הענד.

און דאָס שוידערליכע בילד האָט אימער געשוועבט פאר איהרע אויגען.

עס האָבען גענומען אויפשטעהן די קינדער — פיער זיינען זיי געווען. עס איז געוואָרען אין הויז לעבעדיג, טומעלדיג: אָנטהאָן די קינדער, איינוואשען, פערקאמען, ברעקפעסט געבען... א געפּילדער, א געשריי, א ליארעם און דאָרט האָט זיך פערגעסען אָן איהר מאַן... נור אַט זיינען די קינדער אוועק שפּיעלען זיך אין סטריט, אין הויז איז ווידער געוואָרען שטיל.

און ווידער דאָס זעלבע שוידערליכע בילד... אין וועלכען צימער זי געהט אריין, וואָס זי נעהמט ניט טהאָן — זעהט זי פאר איהרע אויגען איהר מאַן, א דער'הרג'עטען, ליעגענדיג אין א טייך בלוט.

מען האָט האסטיג אָנגערונגען די בעלל. אויף א סעקונדע איז ביי דער אָרימער פרוי די הארץ פערגליווערט געוואָרען פון שרעק, און זי האָט זיך פון אָרט ריהרען ניט געקענט. באַלד איז זי געקומען צו זיך, געעפענט די טהיר, צוגעהערט זיך א ווײַלע מיט א פערשטאָרבענעם אָטהעם — עס האָט זיך איהר געדאַכט, אז מען טראָגט דאָס איהר טויטען מאַן... עס איז אָבער נור דער מילך־מאַן געווען.

עס איז אריינגעקומען א נעקסט־דאָריגע שכנה. די צוויי ווייבער האָבען זיך אַזוי נייש־קשה'דיג צורעדט, און דאָרט האָט זיך ווידער בערוהיגט. נור ווען די שכנה האָט אין געשפּרעך דערמאָנט וועגען איהר איינגענעם מאַן, האָט דעם פיינטער'ס פרוי ווידער א ריס געטהאָן אין הארצען.

— און מיין מאַן האָט זיך היינט נעבעך אוועקגעשלעפּט צו דער ארבייט גאָר א קראַנקער, — האָט דאָרט געזאָגט. זי האָט געוואָלט דערמאָנען וועגען סקעפּאָלד, נור די ווערטער זיינען איהר ווי אין האַלז געבליעבען, זי האָט זיך עפּעס ווי געשראָקען צו רעדען וועגען דעם.

צוזאַמען מיט דער שכנה איז די מיסעס גודין אַוועק אין בוטשער־סטאָר, פון דאָרטען אין גראָסערי — די געשיכטע האָט פערנומען אַ גוטען טהייל פון טאָג. באַלד האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ חתונה מיט נעבען דינער די קינדער, און דאָרא האָט וויעדער ניט צייט געהאַט צו טראַכטען וועגען איהר מאַן...

דער טאָג איז אַריבער. נאַכט איז געוואָרען. דאָרא האָט אָב־געגעבען די קינדער זייער סאַפּער און צולעגט דאָס ביסעל קליינוואַרג שלאָפען. אין הויז איז געוואָרען אומעטיג שטיל. און וויעדער האָבען די אָרימע פרוי גענומען פּלאָגען שרעקליכע מחשבות.

עס דוכט זיך איהר — באַלד וועט מען אָן עפּען טהאָן די טהיר, און מען וועט אריינטראָגען איהר אייברעם׳ען אַ טויטען... דער קאָפּ און דאָס פּנים אין גאַנצען אין בלוט... ניין, ער וועט ניט זיין טויט... ער וועט נאָך לעבען... די קינדערלעך וועלען צולויפען מיט אַ געוויין: „פּאַפּאַ! פּאַפּאַ!“... און ארומגערינגעלט פון די קינדער, וועט ער שטאַרבען. זי וועט בלייבען אַן אלמנה — איינע אַליין אויף דער גרויסער וועלט, איינע אַליין מיט פיער קליינע יתומים׳לעך...

און זי הויבט אָן טראַכטען ווי עלענד זי איז דאָ אין ניו יאָרק.... קיינער נישטאָ..... נישטאָ קיין קרובים, ניט קיין פריינד.... עלענד, שרעקליך עלענד...

און איהר הארץ ווערט צוזאַמענגעדריקט ווי מיט צוואַנגען, און טרערען נעהמען זי שטיקען אין האַלז...

עס האָט זיך דערהערט דער קלינגען פון אַן אַמבולאַנס.

ביי דער פרוי האָבען גענומען ציטערען אַלע גליעדער; אַ קאַלטער שוויים האָט איהר קערפּער בעדעקט.. .זי איז צוגעלאָפען צום פענסטער, ארויסגעקוקט, דער אַמבולאַנס האָט זיך אָבגעשטעלט אויפ׳ן קאָרנער נעבען סאַלון.

— דאָרא! — האָט דעם ארבייטער׳ס פרוי דערהערט איהר מאַנ׳ס שטימע. זי טהוט אַ קוק — אייברעם איז אין הויז אריין.

— אייברעם, דו!..—האָט די פרוי אויסגעשריען—וואָס מאַכסטו?

— בעסער. — האָט אייברעם געענטפערט.

— „אַ טאָג ארבייט“ האַ? — האָט דאָרא אַ זאָג געטהאָן עפּעס מיט אַ מאָדנער שטימע, און דעם ארבייטער׳ס פרוי האָט זיך צו־וויינט מיט אַ היסטערישען געוויין.

דער טוידטער וועכטער.

הינטער איהר מאַנ'ס פּלייצעס האָט זי אַ געליעבטען געהאַט...

זי האָט איהר מאַן ניט געהאַסט און איהר געליעבטען ניט געליעבט. דאָך האָט זי איינינע מאָל איהר לעבען כמעט אין קאָן געשטעלט, אום צו געניסען זינדיגע פרוכט מיט דעם צווייטען, מיט דעם פרעמדען מאַן.

איהר מאַן איז געווען זעהר אייפערזיכטיג, און האָט זיין שעהנע פרוי גרויזאַם געהיט. האָט זי וועןעס־איז מיט אַ פרעמדען מאַן אַן אונשולדיג וואָרט אויסגערעדט, פלעגט ער זי נאכהער וואָכען לאַנג פּלאַגען מיט זיינע פאָרווירפע; און ווען איהם האָט זיך נור געדאַכט, אַז זיין פרוי האָט אַ פריינדליכען שמייכעל געטהאָן צו אַ פרעמדען מאַן, איז ער געוואָרען ווילד פון כעס און איז געווען גרייט אויף שטי־קער צו צורייסען זיך זעלבסט מיט זיין פרוי צוזאַמען.

פערבאָטענע פרוכט איז זיס, און וויפיעל שטאַרקער און גרוי־זאַמער דער פערדאַכט איז, דעסטאָ זיסער, דעסטאָ שטאַרקער פלאַגט דער פערלאַנג נאָך די פערבאָטענע פרוכט.

זי איז פון דער נאַטור געווען ווייט ניט קיין ליידענשאַפטליכע פרוי, און זי וואָלט קיינמאָל ניט געפיהלט אַ זינדיגען פערלאַנג נאָך אַ צווייטען מאַן, ווייל איהר אייגענער מאַן איז פאַר איהר אויך געווען צו פיעל, און זי האָט מעהר געגאַרט נאָך איינזאַמקייט, שטילקייט, רוהע, איידער נאָך דער געזעלשאַפט פון מענער. נור זיין אונענדליכע אייפערזוכט האָט איהר פרויען־נייגיעריגקייט גערייצט, זיין שטענ־דיגער אויפוואָרפען איהר, אַז זי זוכט צו געפעלען אַנדערע מענער, האָט איהר זאַנפט ריינע האַרץ אונריין געמאַכט, און אין איהר אונ־שולדיגער נשמה איז געבאָרען געוואָרען אַ בעגעהר צו פערזוכען דאָס, וואָס איהר מאַן האָט פאַר איהר אייביג געשילדערט אין אזעלכע שוואַרצע פאַרבען. און וואָס שטאַרקער, וואָס גרויזאַמער עס זיינען געוואָרען איהר מאַנ'ס געמיינע בעשולדיגונגען געגען איהר אַלץ שטאַרקער, אַלץ געוואַלדיגער איז די פרוי בעהערשט געוואָרען פון אַ פערלאַנג ווירקליך שולדיג צו זיין...

דאָס געהיימע, דאָס נאַרען, דאָס אונטריי זיין צו אַן אייגענעם מאַן, פון וואָס זי וואָלט אפשר קיינמאָל גאָר קיין בעגריף ניט געהאַט, ווען איהר אייפערזיכטיגער מאַן וואָלט איהר אין די אַלע זאכען ניט בעשולדיגט — צו דעם אַלעמען האָט איהר יעצט גענומען ציהען, און זי האָט אַ געליעבטען געקראָגען!

זי האָט ניט געזוכט, זי האָט גאָר ניט אויסגעקליבען... און אייגענטליך ליעבען האָט זי אויך ניט געליעבט... עס האָט איהר נור געצויגען צו איין זאַך: האָבען פערהעלטניסע מיט אַ צווייטען מאַן, מיט אירגענד וועמען, אַבי אָבנאַרען איהר אייגענעם מאַן. עס האָט איהר געצויגען אָבצונאַרען איהר גרויזאַמען ווערכטער, אויפשליסען די טהירען, וועלכע ער האַלט פערשלאָסען, גנב'ענען פון אונטער זיין רעכטען נאָז, און ניט די עצם גנבה האָט די פרוי געצויגען, נור בלויז דאָס גנב'ענען...

און זי האָט גע'גנב'עט אויף וואָס די וועלט שטעהט. אַזוי, אַז דער גנב'ענען האָט זי איינפאַך פער'שכור'ט....

און דער מאַן איהרער?!

וועלכער מאַן קען דאָס איינהיטען אַ פרוי, ווען די פרוי וויל זיך זעלבסט ניט אָבהיטען?

אַזאַ מאַן איז נאָך אויף דער וועלט ניט געבאָרען געוואָרען!

און זיין אייפערזוכט איז געוואַקסען ביטערער, גרויזאַמער, און צוזאַמען מיט זיין אייפערזוכט איז געוואַקסען איהר ליידענשאַפט צו בעטריגען איהם, צו נאַרען איהם!

זי איז געווען זיכער, אַז ווען איהר מאַן וועט פון איהר זינדיגער ליעבע דערגעהן, וועט ער אין אַן אויסגוס פון ווילדען צאָרן איהר דעם טויט מאַכען, און זי האָט פיעלע מאָל איינפאַך איהר לעבען אין קאַן געשטעלט אום צו געניסען דאָס, וואָס איהר מאַן האָט מיט שאַרפע שווערדען אָבגעהיט.

און איהר מאַן איז קראַנק געוואָרען און איז געשטאָרבען!

זי איז אַן אַלמנה געוואָרען...

פריי איז זי יעצט געווען. זי האָט געקענט געניסען וויפיעל זינדיגע ליעבע זי האָט נור געלוסט... קיינער האָט איהר יעצט ניט געשטערט, קיינער האָט זי ניט געהיט...

און איהר געליעבטער איז געקומען צו איהר... געקומען איז ער

פון זיין געליעבטער ליעבע פערלאנגען... נור זיין פנים איז יעצט רוהיג געוועזן. עס איז גלייך געוועזן צו דערקענען אן זיין געזיכט, אז ער ווייסט און ער פיהלט, אז יעצט איז שוין ניטא מעהר פאר וועמען צו בעהאלטען זיך, פאר וועמען צו שרעקען זיך, און ווען זי האט איהר געליעבטען אנגעקוקט, האט זי זיינע געפיהלען פערשטאנען, און פלוצלינג איז איהר געליעבטער איהר געווארען עקעלהאפט!

ער האט זי ליידענשאפטליך ארומגענומען.... האט זי איהם פון זיך אבגעשטויסען...

ער האט זי אנגעקוקט ערשטוינט.

אויף איהר געזיכט איז געוועזן עפעס אזוי ווי א פערשטיינערטע קעלט צוגאסען... און איהרע אויגען, וועלכע פלעגען אימער אזוי פיעבעריש, אזוי געהיימניספול צוברענען זיך ביי זייערע ליעבעס־בעגעגענישען, זיינען יעצט געוועזן האלב פערמאכט און צו דער ערד געריכטעט.

— סאפיע, וואס איז מיט דיר? — האט ער געפרעגט איבער־ראשט און פערציטערט.

— מיין מאן איז געשטארבען... — האט זי שטיל און עפעס ווי מיט פערבארגענעם שרעק געענטפערט.

— וועלל — האט ער זי אנגעקוקט ציניש און נאריש — זיינען מיר דאך יעצט פרייע מענשען... מיר האבען דאך מעהר קיין וועכטער איבער אונז...

— געה אהיים! — האט זי געענטפערט קאלט און טרוקען.

און צום ערשטען מאל איז סאפיע, די זינדיגע סאפיע, איהר מאן געטריי געוועזן... עקעלהאפט איז איהר געווארען צו גנבענען, ווייל איהר וועכטער איז יעצט טויט געוועזן.

דער ציניּשער דענטיסט.

האָבען מיר טאַקע אַ טעות, אַ ביטערען טעות געהאַט! אַך, די פּרויען, די פּרויען, אַ מאַדים דאַרף מען זיין אום צו פערשטעהן די טיעפע, עדעלע נשמות פון דעם צאַרטען געשלעכט!

ווען מיר האָבען זיך דערוואוסט, אַז טוניק האָט זיך גענומען פאַר שטודירען „דענטיסטרי", איז דאָס פאַר אונז אַלעמען געווען אַן אמת'ער געלעכטער, און מיר האָבען אַלע ווי איין מאַן גע'טענה'ט צו דעם צוקינפטיגען דענטיסט:

— אוי, טוניק, וואוהין קריכסטו, וועסט בעגראָבען ווערען!

איהר האָט נור גענדאַרפט קענען אָט דעם טוניק'ען!

איז דאָס געווען אַ נפש! אַ מיאוס'ער ציניק. פוי, אַזאַ עקעל־האַפטע בריאה!

אַ מויל האָט ער געהאַט — שמוץ.

מענער פלעגט אויסקומען רויט צו ווערען ווען דער חברה־מאַן האָט זיך צוואווערטעלט! און אַ פרויענצימער האָט פשוט אין זיינע ד' אמות ניט געטאָרט אריינטרעטען!

אין דער אַנוועזענהייט פון פרויען פלעגט דער פרעכער ציניק נאָך פרעכער ווערען, נאָך ציניּשער ווערען; און ניט נור מיט'ן מויל פלעגט ער שמוציג זיין, נור זיין גאַנצער בענעהמען זיך צו פרויען איז אימער געווען זעהר פרעך, זעהר עקעלהאַפט, אַזוי, אַז אַן אנשטענדיגע פרוי האָט געמוזט פון דעם קערל אַנטלויפען וואו פעפער וואַקסט!

האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז טוניק געהט ווערען אַ דענטיסט. און דאָס ווייסט מען דאָ, אַז דענטיסטרי איז אַ פּראָפעסיאָן, וואו עס קומט אוים צו האַנדלען מעהרסטענטהיילס מיט פרויען, האָבען מיר געלאַכט און גערעדט צו טוניק'ען:

— וואוהין קריכסטו, טוניק? !

— וועלכע פרוי וועט מיט דיר האָבען וואָס צו טהאָן?

— דיין מיאוס'ער צונג וועט דאָך זיי פערטרייבען פון דיר, אַזוי ווי דו וואָלסט אַ פעסט געווען.

— ווער בעסער אַ באָדי־יונג!

— א הינד־שלעגער! ד
— אבי ניט א דענטיסט...
— ווערסט פאר הונגער געשוואָלען ווערען!
נור טוניק האָט אונז געהערט ווי דעם פאר־יאָהריגען שנעע, און אויף אלע אונזערע רעדערייען פלעגט ער אבענטפערען:
— אָט, איהר וועט שוין זעהען, וועלכע טהייערע געשעפטען איך וועל מאכען.
— ווערסט דען קענען אוועקוואָרפען דיינע אבשייליכע געוואָהנ־הייטען? — פלעגען מיר פרעגען.
— עס הייבט זיך ניט אָן! — פלעגט טוניק ציניש שמייכלען.
— וואָס־זשע דען?
— אי, איהר קענט ניט די פרויען! — פלעגט פיעל־בעדייטענד ענטפערען דער מיאוס'ער ציניק.
און טוניק האָט געענדיגט דענטיסטרי, זיין כאראקטער האָט זיך ניט געביטען — נור געשעפטען האָט ער געמאכט באמת גאָלדענע. ווייבער לויפען צו איהם מיט זייערע צייהנער פון ארבע פינות עולם, ווי צו א גוטען אירען, להבדיל.
האָבען מיר טאקע א טעות געהאט!
אך, די פרויען, ווער קען פערשטעהן זייערע צארטע, זייערע עמפפינדליכע נשמות!...

זאלץ אין די וואסער.

(א דראמא אין איין אקט)

פערזאנען:

איינברעם זוממערמאן — פערציג יאהר אלט.
ביילע, זיין פרוי — צוויי־און־פערציג יאהר אלט.
מאקס שאפירא — דריי־און־דרייסיג יאהר אלט.
א שעריף.
ארבייטער — סטרייקער.

(א ווינטער־פריהמארגען, ביי איינברעם זוממערמאן צו הויז. — א געוועהנליכער חדר פון א טענעמענט־הויז, ארים און איינפאך מעבלירט. די פענסטער זיינען פערפרארען. אין איין פענסטער איז אויסגעבראכען א שטיק שויב און עס איז פערקלעפט געווארען מיט א שטיק פייפער. — זוממערמאן ליעגט אין א האלב־זיצענדער פאזע אויפ'ן לאונדזש; אויף א שטוהל נעבען איהם שטעהט א כלי מיט וואסער, ער נעצט א טיכעל מיט די וואסער און לעגט א קאמפרעס צום קאפ. ביילע עוסק'ט זיך ביים אויוועז.)

ביילע. אוי, די קוילען, די קוילען... עס קאסט אב ממון קרח, און אין הויז איז קאלט, כאטש טרייב אום וועלף.

זוממערמאן. ביילע, ביילע, שיט אריין א ביסעל זאלץ אין די וואסער, מען זאגט, אז זאלץ ציהט אב די היץ פונ'ם קאפ.

ביילע (נעהמט אביסעל זאלץ, געהט צו צום מאן און שיט אין דער כלי מיט וואסער). וועה און ווינד איז מיר, ביזט הפנים גאר קראנק, איינברעם?

זוממערמאן. יא, איך פיהל זיך ניט אם בעסטען.

ביילע. וואס טהוט דיר וועה?

זוממערמאן. דער קאפ שפאלט זיך... ברענט... די ביינער ברעכען. עס ווארפט מיר אין היץ און אין קעלט.

ב י י ל ע. א פערקיהלונג, עס האט געמוזט פערגעהן א ווינד. פון דער צובראכענער שויב שפארט אזא קעלט! וואס קען מען זיך העלפען? ווען מען וואלט געצאהלט רענט, וואלט איך דעם פינסטערען לענדלארד דעם טויט געמאכט, און ער וואלט געמוזט ארייגשטעלען א שויב. אבער יעצט, אז מען צאהלט שוין דעם צווייטען מאנאט ניט קיין רענט, ווי אזוי קען איך גאר פאר איהם די אויגען צייגען? דעם הויזקיפער האב איך דערמאנט וועגען דער שויב, האט ער אויף מיר גענומען קוקען מיט אזא העסליכען, שטעכיגען שמייכעל, און ווען איך בין פון איהם אבגעטראטען, האט ער אזוי הויך צולאכט זיך, אז מיר איז געווארען פינסטער און ביטער.

ז ו מ מ ע ר מ א ן (צורייצט). רעד וואס ווענינער, שיט אריין נאך אביסעל זאלץ אין די וואסער. (מאכט א קאמפרעס צום קאפ).

ב י י ל ע (שיט זאלץ אין די וואסער). וועה און ווינד איז מיר! ביזט גאר קראנק. זאל מען רופען א דאקטאר? טא וואו זאל מען נעהמען א דאלאר? פערשולדיגט איבער'ן קאפ... איך קען זיך ניט בעוויזען ניט אין גראסערי סטאר, ניט אין בוטשער סטאר, ניט אין דער גאנצער ווייסער וועלט. א קלייניגקט, צוויי חדשים אז מען סטרייקט! מען וועט שוין באלד פון זיך די הויט אויפעסען... פינף מיילער...

ז ו מ מ ע ר מ א ן. איך האב דיך געבעטען שיטען זאלץ אין די וואסער, און דו שיטסט זאלץ אויף די וואונדען, ביילע.

ב י י ל ע. רעד איך דען ניט דעם אמת?

ז ו מ מ ע ר מ א ן. אבער וואס קומט ארויס פון דיינע רייד?

ב י י ל ע. מעגסט זיך זיין אין כעס, אייברעם, איך יועל דיר זאגען נאך אמאל און נאך אמאל: אליין, דו אליין ביזט שולדיג אין אונזערע צרות; אליין מיט דיינע הענד האסטו גענומען א מעסער און האסט זיך אוועקגעקוילעט... ווער, ווער — דו, אייברעם, דו, האסט ניט געטארט געהן סטרייקען...

ז ו מ מ ע ר מ א ן (שפרינגט אויף). האב איך געזאלט בלייבען סקעבען? ווען אלע זיינען ארויס, האב איך אויך געמוזט געהן!

ב י י ל ע. ע ס איז ניט אמת, אייברעם'קע. אלע האבען געקוקט אויף דיר, ווען דו וואלסט זיך ניט אויפהייבען פון פלאץ וואלטען אלע הענד געבליעבען זיצען.

זוממערמאן (אויפגערעגט). נו, און דיין קלוגער קאָפּ, דיין כשר'ע הארץ זאָגט דיר, אַז איך האָב בעדאַרפט בלייבען זיצען. ווען איך האָב געזעהן, אַז מען מוז געהן אין סטרייק? האָב איך בעדאַרפט מאַכען זיך כלא ידע, ווען איך האָב געזעהן, אַז דער באָס איז שווין שכור פון אונזער בלוט?! האָב איך געזאָלט נאַרען הונדערטע אַרביי־טער, וועלכע האָבען זיך אויף מיר פערלאָזען, הא, ביילע? איך גלויב ניט, אַז דיין מיינונג איז אַז איך האָב בעדאַרפט אַזוי טהאָן.

ביילע. האָבען מיט דיר די אַרבייטער בעסער געהאַנדעלט? אייבערעם, אייבערעם, האָסט הפנים פערגעסען דעם סטרייק מיט אַכט יאָהר צוריק?

זוממערמאן. איך האָב ניט פערגעסען!

ביילע. דער סטרייק איז פערשפּיעלט געוואָרען... אַלע אַרביי־טער האָבען דאָך געקראָגען זייערע פּלעצער צוריק... האָבען דאָך געקראָגען אַ ביסען ברויט... דו ביזט אויסען געבליבען, דיך האָט מען אונעקגעשטעלט אויף דער שוואַרצער חתימה... מען האָט איבעראַל פאַר דיר פערשפּאַרט טויערען און טהירען, דערפאַר וואָס דו ביזט געווען דער אָנפיהרער פון סטרייק... מיט וואָס האָבען דיר די אַרבייטער געהאָלפען?... האָט איינער פון זיי זיך דערמאָנט, ווען ביי אונז איז אין שטוב קיין ברעקעל ברויט ניט געווען? האָט דיר איינער פון זיי געשיקט אַ דאָקטאָר צו אונזער קראַנקען קינד?

זוממערמאן (שלאָגט איבער האַסטיג). גענוג! גענוג! גענוג! וואָס האָבען זיי געקענט טהאָן, דו נאַר איינע? זיי האָבען אַליין ניט געהאַט גענוג ברויט צום עסען... זיי האָבען ניט געהאַט קיין דאָקטאָר פאַר זייערע איינעגע קינדער... אונגליקליכע, פערשפּיעל־טע סטרייקער. וואָס האָבען זיי דיר געקענט העלפען?

ביילע. דו האָסט אָבער געליטען מעהר פון זיי אַלעמען: צוויי יאָהר האָסטו זיך אַרומגעפּלאָגט.

זוממערמאן. צו וואָס רעדסטו דאָס, און צו וואָס דער־מאָנסטו דאָס?

ביילע. ווייל דו האָסט עס, הפנים, פערגעסען.

זוממערמאן. איך געדענק... איך געדענק...

ביילע. דאָס זעלבע וועט זיין אויך היינטיגען מאָל. הלואי זאָל איך זאָגען אַ ליגען.

ז ו מ מ ע ר מ א ן. היינטיגען מאל וועט דער סטרייק זיין גע־וואונען.

ב י י ל ע. עס קוקט ניט אויס — שוין צוויי חדשים אז מען סטרייקט.

ז ו מ מ ע ר מ א ן. ביזט א אידענע!... וואס מישטו זיך? וואס ווייסטו אין די זאכען?

ב י י ל ע. דער סטרייק וועט מסתמא זיין פערשפיעלט, און ווער, ווער — דו וועסט זיין אויף די טהייערע צרות... קענסט זיך שוין ריכטען, אז מען וועט דיך יאגען ווי א משוגענעם וואלף... וועסט שוין ערגעץ קיין ארבייט ניט קריגען... דער באס וועט שוין זעהן דאס אויספיהרען... איך שטעל זיך פאר, וואס פאר א מין העלישער פייער עס ברענט אין איהם אויף דיר, אז דו האסט איהם אזוי אבגענארט... האסט זיך ביי איהם געבעטען, ער זאל דיך צונעהמען צו דער ארבייט; האסט איהם צוגעזאגט, אז דו וועסט די טובה קיינמאל ניט פער־געסען; אז דו וועסט מיט די ארבייטער ניט האבען וואס צו טהאן — און יעצט...

ז ו מ מ ע ר מ א ן. — ביילע, רחמנות האב, הער אויף צו רעדען! די ביטערע, פינסטערע נויט האט אין מיר דאן גערעדט... דו גערענקסט אונזער לאגע? אונזער קינד איז געווען געפעהרליך קראנק, און עס איז ניט געווען מיט וואס צו רופען א דאקטאר... איך בין דאן געווען פארטיג צו לויפען דעם טייפעל אין מויל אריין!

ב י י ל ע. יעצט האבען מיר פיער קינדערלעך, וואוהין וועסטו יעצט לויפען?

ז ו מ מ ע ר מ א ן. דער סטרייק וועט זיין געוואונען.

ב י י ל ע. אבער ווען ניט?... ווער, ווער — דו וועסט ניט קריגען קיין ארבייט!... דו ביזט שוין אלט און שוואך... וואו וועסטו יעצט געהן זוכען ארבייט? צו וועמען וועלען מיר זיך ווענדען?

ז ו מ מ ע ר מ א ן. דער סטרייק וועט זיין געענדיגט.

ב י י ל ע. האסט ניט געוואלט זיין קיין סקעב — האסטו ניט בעדארפט זיין; ווען אלע וואלטען ארויס סטרייקען, דאן וואלסטו אויך ארויס. קיין אנפיהרער האסטו ניט געטארט זיין.

ז ו מ מ ע ר מ א ן (שרעקליך אויפגערעגט). ביילע, ביילע, איך האב דיך הונדערט מאל געבעטען דו זאלסט מיר ניט דערעסען!... איך

האָב ניט געקענט... איך האָב ניט געקענט... ווען די קאָמיטע איז אריין צוריק אין שאפ און האָט דערצעהלט, ווי דער באָס האָט זי אזוי געמיין, אזוי ברוטאל בעהאנדעלט, האָט זיך מיר מיין מח א הייב געטהאָן. פאר וואָס קומט עס אונז? איז ער דען ניט רייך און דיק געוואָרען פון אונזער שוויים? מיט וואָס זיינען מיר, ארבייטער, ניט אזעלכע מענשען ווי ער? פאר וואָס קומט עס אונז צו זיין אזוי ער־ניעדריגט? א פראָסטע בהמה ווען מען מעלקט זי, שלאָגט מען זי ניט צו דערזעלבער צייט מיט א שטעקען... ביילע, ניט רעד, ניט רעד, איך בעט דיך! איך האָב זיך אליין ניט געקענט העלפען... פריהער, ווען די קאָמיטע איז ארונטער, האָב איך געטראַכט האַלטען זיך אָן א זייט, פערבלייבען רוהיג, וואָס עס זאָל דאָרט ניט פּאַסירען. איך האָב געטראַכט וועגען מיין לאַגע, וועגען דעם וואָרט וואָס איך האָב געגעבען דעם באָס... נור ווען איך האָב דערזעהן די לייטע, ווען זיי זיינען ארויף צוריק, בעליידיגט, דערשראָקען, בלייך ווי די טויטע, מיט ארונטער־געלאָזענע קעפּ; ווען זיי האָבען אין קורצען דערצעהלט, ווי דער באָס האָט זיי איינפאך ארויסגעטריעבען, געסעקט, — פאר וואָס, ביילע, איך פרעג דיך, פאר וואָס? ווייל מען האָט זיי געשיקט בעטען, מען זאָל ניט שניידען די ווידזשעס?... ביילע, ניט רייד! איך האָב ניט געקענט איינזיצען, איך האָב פערגעסען אלעס אין דער וועלט, דער מח האָט גענומען ברענען, די הארץ האָט געוואָלט ארויסשפּרינגען — און דאָ האָבען זיי אלע אויף מיר געקוקט... זיי האָבען קיינער ניט געוואָגט צו רעדען צו מיר... זיי האָבען געוואוסט, אז איך האָב אויף דעם קיין רעכט ניט... אבער זייערע בליקען!... ביילע, עס האָט מיך געהויבען פון מיין פּלאַץ... איך בין דאָך אַן ארבייטער, איך וויים דאָך זייערע ביטערע הערצער!... ביילע, ניט רעד, ניט דערעגס. איך האָב מיט זיך גאָרניט געקענט מאַכען... ניט איך האָב א געשריי געגעבען: „סטרייקען! סטרייקען!" מיין הארץ, מיין מח — דער געשריי האָט זיך ארויסגעריסען מיט געוואַלט...

ביילע. איך וויים, איך וויים, אז דו האָסט א צו זודיגען קאָפּ, אייברעם!

זוממערמאן. אָבער לאָז צורוה, זעהסט דאָך, אז אין בין קראַנק, עס ברענט מיר דער קאָפּ... (עס הערען זיך טריט און א געשפּרעך פון פיעלע מענשען, מען קלאַפּט אין טהיר, עס קומען אריין פיעלע

סטרייקער, אלע קוקען אוים ניעדערגעשלאָגען און טרויעריג.)

די אריינקומענדע. גוט מאָרגען, מיסטער זוממערמאַן!

זוממערמאַן און ביילע. גוט מאָרגען, גוט מאָרגען. (ביילע דערלאַנגט שטוהלען.)

זוממערמאַן. ווער עס האָט אַ טשער, זאָל זיך זעצען; ווער עס האָט ניט, זאָל שטעהן. אַ ברירה האָט ער. (אייניגע זעצען זיך, די איבריגע שטעהן).

אייניגע פון די אריינקומענדע. נו, ווי פיהלט איהר זיך? איהר טאָרט ניט זיין קראַנק. מיר וועלען אייך צווינגען געזונד צו ווערען.

זוממערמאַן (זעצט זיך אוועק גלייכער). איך פיהל זיך גאַנץ גוט. עפּעס נייעס, ברידער?

איינער. ניטאָ קיין נייעס.

אַ צווייטער. דער באָס שווייגט. הפּנים ווי ער קען דאָך אויסקומען אָהן אונז...

אַ דריטער. עס קוקט אוים זעהר ניט פרעהליך.

זוממערמאַן. לאָזט ניט אראָב די נעז, פערשטעהט איהר מיך. ווען איהר לאָזט אראָב די נעז, הייבט דער באָס אויף די נאָז.

שאַפּיראָ. עס איז אַ קנאַפּע שמחה, מיסטער זוממערמאַן, אַז מען סטרייקט אָב צוויי חדשים און דער באָס לאָזט וועגען זיך ניט הערען.

זוממערמאַן. יעס, ברודער, דאָס איז אָבער אויך אַ קנאַפּע שמחה צו לאָזען דעם באָס צאַפּען די בלוט און שלאָגען דערביי מיט אַ שטעקען... בעסער צוויי חדשים ליעגען אין בעט אַ קראַנקער און נאָכ־דעם געזונד ווערען, איידער דעם גאַנצען לעבען שפּייען מיט בלוט.

שאַפּיראָ. מיר קענען דאָס אָבער מעהר ניט אויסהאַלטען.

זוממערמאַן. מיר האָבען שוין מעהר אויסגעהאַלטען, איידער מיר דאַרפען אויסהאַלטען.

שאַפּיראָ. דאָס איז לייכט צו זאָגען, אָבער שווער צו טראָגען.

איינער. עס איז ביי מיר אין הויז אַ ברעקעל ברויט ניטאָ. די קינדער געוואַלדעווען עסען. איך בין אַנטלאָפען פון הויז, ווי איהר זעהט מיך לעבען.

צווייטער. איך האב היינט א מוף־צעטעל געקראגען. עס איז ביי מיר אין הויז יום־כפור.

דריטער. ביי מיר אין הויז איז קאלט, אז דער אטהעם פריהרט, און עס איז ניטא פארוואס א קויהל צו קויפען.

פערטער. ביי מיר איז א קינד קראנק. וואו דאקטאר, וועז דאקטאר! וועז אין שטוב וואלט כאטש געווען ווארעם...

זוממערמאן (ארא בלאזענדיג טרויעריג דעם קאפ). ביטער, ברידער, זעהר ביטער. אבער וואס קענען מיר זיך העלפען? ... עס איז אונז קיין סך געבליעבען צו ליידען. ביז יעצט איז געווען סיי ווי סיי סלעק און דער באס האט געקענט דולדען דעם סטרייק. יעצט פאנגט זיך אן ביזי און דער קערל וועט געהמען רעדען.

שאפירא. מיסטער זוממערמאן, און איך זאג, אז מען זאל פעררופען א פערזאמלונג פון אלע סטרייקער און מען זאל אויפגעבען דעם סטרייק.

אלע. יעס, יעס, יעס.

שאפירא. מיר קענען מעהר ניט ווארטען — מיר וועלען צו־שטארבען פון הונגער.

זוממערמאן. א פערזאמלונג קען מען פעררופען, און וועגען דעם סטרייק אויפגעבען וועלען מיר שמועסען.

שאפירא. עפעס זייט איהר אזוי קאלטבלוטיג! הפנים, אייך געהט גוט און וואויל... אונז האט מען פערפיהרט אין בלאטע...

זוממערמאן (שלאגט איבער). שאפירא, ביזט יונג אין יאהרען, אבער אלט און גרויס אין נארישקייט.

שאפירא. וועלל, עס קען זיין, אז איך בין א נאר, נור נאך מיין נארישען שכל קומט אויס, אז... אז... אז.. איהר רעדט אלץ אב פון אויפצוגעבען דעם סטרייק, ווייל איהר האט מורא פאר...

זוממערמאן (שפרינגט אויף). פאר וועמען? פאר וועמען? פאר וועמען?

שאפירא. פאר... פאר אייער אייגענער הויט...

זוממערמאן. שאפירא, געהט! געה! געהט אלע!... לאזט מיך צורוה!... טהוט, וואס איהר ווילט!... טהוט וואס איהר פער־שטעהט...

ביילע. זעהסט, אייבר, אט האסטו דיר, הא?

ז ו מ מ ע ר מ ן.ביילע, ניט דיינע דאגות, מיש זיך ניט. שוויינ. דו, דו צאפּסט אויף מיין בלוט? (מען קלאפּט האסטיג אין טהיר. עס לויפען אריין איינינע ארבייטער).

ד י א ר י י נ ק ו מ ע נ ד ע. גוטע נייעס! גוטע נייעס! פרעה־ליכע נייעס, מיסטער זוממערמאן; פרעהליכע נייעס, ברידער...

אלע. וואס? וואס? וואס?

ד י א ר י י נ ק ו מ ע נ ד ע. דער פּארמאן איז געקומען צו אונז אין די „העדקוואַדערס" און... און... און... געבעטען מען זאל צו איהם גלייך שיקען א קאמיטע.

א ל ע. הוררי! הוררי! (עס ווערט טומעלדיג).

א י י נ י ג ע. גאט צו דאנקען! גאט צו דאנקען!

א ל ע. מיסטער זוממערמאן, וואס זאל מען טהאן? ווי זאל מען יעצט טהאן? מיסטער זוממערמאן, וואס זאל מען טהאן, הא?

ש א פּ י ר א (פערשעהמט און מיט אן אראבגעלאזענעם קאפּ). מיסטער זוממערמאן, האט אויף מיר קיין פּאראיבעל ניט. גלויבט מיר, אז איך האב דאס גערעדט ניט מיט מיין צונג... דאס האבען מיינע פינסטערע, ביטערע צרות גערעדט. מיין ווייב'ס מיילכעל האט עס אין מיר גערעדט. אז איהר וואלט וויסען, וואס פאר א מין חלק איך האב פון איהר היינט געקראגען!... אויף אידישקייט, איך האב זיך געוואלט אויפהענגען. א ביטער הארץ האט זי געבעך, אבער א באלעריע איז זי אויך א גרויסע.

ז ו מ מ ע ר מ א ן. איך האב אויף דיר קיין פּאראיבעל, שאפּירא. מיך ארט ניט, אז דער באס אונזערער זאל קומען צו דיין הארץ.

א י י נ י ג ע. אמן. צו אונזערע אלעמענס הערצער.

א ל ע. נו, מיסטער זוממערמאן, מען מוז דאך עפּעס טהאן. גיט אן עצה!

ש א פּ י ר א. מיסטער זוממערמאן, זייט זיך מטריח... ווער קען ־אס אהן אייך געהן און רעדען מיט'ן באס, מיט אט דעם באליערניק?

א י י נ י ג ע. מיסטער זוממערמאן, טאמער קענט איהר...

ב י י ל ע. אוי, וואס רעדט איהר! וואס רעדט איהר! ער איז דאך גאר קראנק. זעהט איהר דען ניט?

ז ו מ מ ע ר מ א ן. ביילע, מיש זיך ניט... שיט אריין נאך אביסעל זאלץ אין די וואסער, עס שפּאלט זיך מיר דער קאפּ... (צו אלעמען)

קינדער, איך קען ניט געהן און איך טאָר ניט געהן: איך קען ניט געהן, ווייל איך בין גאָר קראַנק, און איך טאָר ניט געהן, ווייל מיין פערזאָן וועט אויף דעם באָס נור מאַכען אַ שלעכטע ווירקונג. איהר דאַרפט דאָך פערשטעהן, אַז אויף מיר טראָגט ער מעהר האַס ווי אויף אייך אַלעמען, און ווען איך וועל צו איהם קומען, וועט עס אויסקוקען עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט געקומען רייצען זיך מיט איהם. פאָלגט מיך, קינדער, לאָזט מיך היינטיגען מאָל צורוה, געהט אין די הערדקוואָדערס קלייבט זיך אוים אַ קאָמיטע, ווען איהר פערשטעהט דאָרטען, און זאָלען זיי געהען מיט מזל. זאָגט נור פון מיינעטוועגען די קאָמיטע־לייט, אַז זיי זאָלען ביי זיך וועניג אַראָבפּאַלען. זיי זאָלען האָבען אין זינען, אַז ניט מיר אַרבייטער שיקען זיי, נור זיי זיינען געבעטען פון באָס. זאָלען זיי אָבער אויך ניט רייצען זיך מיט׳ן באָס, עס איז אַ צורייצטער געשוויר, און מען בעדאַרף זיך מיט איהם בעגעהן עדעל....
נו, געהט, קינדער, שנעלער. אבער איך בעט אייך, קומט גלייך מיר זאָגען אַן ענטפער. געהט, קינדער, אונזער סטרייק איז דאָכט זיך ווי געוואונען.

אלע. געוואונען! געווים געוואונען!! גוד באַי, מיסטער זוממערמאַן, גוד באַי, מיסעס זוממערמאַן.

ביידע. גוד באַי, גוד באַי!

זוממערמאַן. האָט אייך אַ גליקליכען וועג, און האַנדעלט ווי פערנינפטיגע מענשען...

שאַפּיראָ. מיסטער זוממערמאַן, טאָמער איז פּאַרט אַ סברא...

זוממערמאַן. זיי ניט קיין קינד, איך בין קראַנק, אָבער, גלויב מיר, ברודער שאַפּיראָ, ווען איך וואָלט איינגעזעהען, אַז איך מוז געהן, וואָלט איך זיך געלאָזט אוועקטראָגען אויף אַ בעטעל און איך וואָלט זיין מיט אייך צוזאַמען.

שאַפּיראָ. נו, טאָ זייט געזונד. (אלע אָב).

ביילע. רעכענסטו, אייבערעמקע, אַז פון דעם וועט עפּעס ארויסקומען?

זוממערמאַן. צי וועט עפּעס פון דעם ארויסקומען? אָה, דו בהמה, נאַרישע אידענע... איך קען אונזער באָס גוט: אַ פערקאָכטע הארץ! אַז ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזען און האָט געשיקט צו אונז נאָך אַ קאָמיטע, און ווען? אַליין דעם פאָרמאַן — איז דאָס אַ סימן

אז דעם קערל דריקט גוט דער שוך. ביילע, ביילע, קום אהער, מיין ווייב, דער סטרייק איז געוואונען! ביילע, דער סטרייק איז געוואונען! דער סטרייק איז געוואונען!

ביילע. ביז דאך אבער קראנק, אייברעם.

זוממערמאן. ווער איך? עס הויבט זיך ניט אן... איך בין שוין בעסער. שוין, שוין בין איך בעסער! עה, ביילקע, ביילקע, ביילקע, מיין אלטינקע, דער סטרייק איז דאך געוואונען! דער שטעקען איז איבערגעבראכען... מען וועט אונז מעהר ניט שלאגען... ביילקע, מיר איז פרעהליך, טאנצען ווילט זיך מיר! אויף אידישקייט, טאנצען! אך, ביילקע, ווען דו וואלסט וויסען וואס פאר א ווערים עס האבען גענעסען זוממערמאנ׳ס הארץ!.. .אוי, ווי עס האט וועה געטהאן!... נו, ביילע, יעצט רעד; רעד, וואס דו ווילסט!

ביילע. יעצט, ווען גאט וועט געבען און דו וועסט זיך זעצען צו דער ארבייט, גיב זיך א נדר, אז דו זאלסט שוין מעהר אין סטרייקס ניט זיין דער הויפט־מאכער.

זוממערמאן. אוי, דו נאר, און אז איך זאל געבען צעהן נדרים, מיינסטו, וועט עס העלפען? זעהסט אט דא (ציינט אויפ׳ן קאפ), און זעהסט אט דא (ציינט אויפ׳ן הארצען), דא געפינט זיך עפעס אזוינס, וואס עס וועט ניט דערלאזען צו האלטען דעם נדר... ביילע, איך קען דאך ניט ליידען, ווען איך זעה ווי א באס ערניעדריגט, בעלייי־דיגט, צאפט די בלוט פון אן ארבייטער! איך קען ניט! פאר וואס, ביילע? עס איז דאך הימעל־שרייענד! פאר וואס, ביילע? ער ווערט דאך פון אונז רייך, מען צאפט דאך אונזער בלוט, פארוואס קומט נאך אונז שלאגען, הא, ביילע?

ביילע (גוטמוטהיג). גענוג דיר שוין צו רעדען, משוגענער אייברעם, האסט א צוהיצטען קאפ, אט וואס.

זוממערמאן. נו, ביילע, יעצט לאז מיך א ווילע אברוהען... איך פיהל זיך אזוי מיעד... מיר איז עפעס זעהר קאלט... דעק מיך איין גוט און איך וועל פרובירען א ווילע א דרעמעל טהאן, אויב איך וועל קענען... איך האב מורא איך וועל ניט קענען... די קאמיטע איז דאך יעצט אוועק... דעק מיך איין, ביילע, עס ווארפט מיך אין קעלט.

ביילע. וועה איז מיר, ביזט דאך גאר קראנק.

זוממערמאן. עס וועט גאנץ זיין... איך וועל זיך מיר

אביסעלע אויסרוהען, וועל איך בעסער ווערען. (ביילע דעקט איהם איין מיט שמאטעס).

ביילע. נו, גוט אזוי?

זוממערמאן. אלץ קאלט. נאך עטליכע שמאטעס... נאך, ביילע. אי, דער קאפ ברענט, אין גוף איז קאלט... די קאמיטע איז שוין דארטען... (ביילע בעדעקט איהם מיט נאך שמאטעס).

ביילע. נו, גענוג, אייברעמקע!

זוממערמאן. גענוג, גענוג... אז זיי זאלען נור פערהאלטען זיך ווי מענשען... זיי זאלען ביי זיך ניט אראבפאלען... זיי זיינען דאך קינדער — דערזעהען זיי דעם באס, פאלט אין זיי איין די נשמה; קינדער נארישע, אונגליקליכע קינדער... אוי, מיינע אברים ווי זיי ברעכען מיר... אלץ קאלט... דער קאפ, ביילע... נאך אביסעלע זאלץ אין די וואסער... א פרישען קאמפרעס... זעה נור, ווי די טיכעל ברענט... ניט אומזיסט זאגט מען, אז זאלץ ציהט ארויס היץ פון קאפ.

ביילע. אוי, וואס טהו איך? ביזט א חולה, אייברעם, וואס טהו איך?

זוממערמאן. מאך א קאמפרעס און רעד ניט... וועסט זעהן ווי מארגען בין איך שוין געזונד... אפשר איז שוין יעצט דער סטרייק געוואונען, הא, ביילע?

ביילע (לעגט איהם צו א קאמפרעס) אזוי גיך? נארישער אייברעם!

זוממערמאן. די קאמיטע איז שוין געווים דארטען..... ביילע, רעד ניט, איך וועל פרובירען א ביילע איינשלאפען. (טוליעט זיך איין. ביילע זיצט נעבען איהם און שאקעלט טרויעריג מיט'ן קאפ. פויזע.)

זוממערמאן. אוי, דער קאפ, דער קאפ ברענט.. שפאלט זיך.. קאלט... אוי, ווי די גליעדער ברעכען!... (ביילע פערברעכט די הענד און ווישט טרערען אין די אויגען. פויזע.)

זוממערמאן. ביילע, מיינסט אז איך שלאף? גאר, ווער קען עס שלאפען.. אז דארטען... איז די קאמיטע... וויפעל איז דער זייגער, ביילע?

ביילע. שוין נאך עלף. (זוממערמאן שפרינגט אויף און ווארפט ארונטער פון זיך די שמאטעס.)

זומערמאן. שוין נאך עלף? ! באלד קומט די בשורה... ד פרעהליכע בשורה,ביילע... וועלען די קינדער באלד קומען פון סקול?

ביילע. מוזען באלד קומען.

זומערמאן. איך וואלט וועלען, זיי זאלען דערביי זיין... עס וועט דא באלד זיין אין הויז א שמחה.

ביילע. הלואי, רבונו של עולם! גענוג שוין האבען די סטריי־קער צרות געהאט... גענוג האבען זייערע ווייבער געוויינט... גענוג שוין האבען די ארעמע קינדערלעך געוויינט... צייט, שוין צייט אז מען זאל זיך פרעהען.

זומערמאן. פערשטעהסטו מיך, אזוי לאנג, ווי מיר האבען געשיקט צום באס קאמיטעס, איז געוועזן ניט אזוי פרעהליך. אבער, אז דער הערר באס שיקט צו אונז — אך, ביילע, איך בין שוין געזונד... זיי זאלען דארטען נור האבען שכל צום רעדען... (בלייבט א ווײלע פערטראכט) אבער וואס דויערט עס אזוי לאנג? איך קען זיך ניט דערוואַרטען... ביילע, איך וועל זיך פּרובירען שלעפּען... וואו זיינען מיינע קליידער?

ביילע. וואוהין ווילסטו געהן? ביזט דאך גאר א קראנקער. ביזט אזוי אויך א פערקיהלטער. דרויסען איז א ווינד און א פראסט — איך וועל דיך ניט לאזען!

זומערמאן. זיי ניט קיין נאר, איך קען ניט איינזיצען!... (פּרובירט געהן, קען ניט און שטעלט זיך אב) אוי, איך קען ניט!... די פיס סטרייקען אויך, ווילען מיר היינט ניט דיענען... (פאלט צוריק אויפ'ן לאונדזש) אוי, דער קאפּ!... ביילע, מיך טרייסעלט ווייטער... קאלט איז מיר...

ביילע. אז איך זאג, אז דו ביזט גאר קראנק, ווער איז צו מיינע יאהרען!...

זומערמאן. שא, שא, נור ניט געקלאגט, (מען קלאפּט אין טהיר) מען געהט... מען געהט... קאם אין! קאם אין! (שאפּירא קומט אריין שטיל און טרויעריג).

זומערמאן. וואס איז? שלעכטע נייעס? (פויזע) וואס שווייגסטו? געוועזן ביים באס א קאמיטע?

שאפּירא (שטיל). געוועזן.

זוממערמאן. נו, וואס האט ער גע'דרשנ'ט?... רעד!... וואס שוויינסטו?

שאפירא. ער האט אלעס נאכגעגעבען.

זוממערמאן (שלאגט איבער). נו, איז דאך גוט!... טא וואס ביזטו אזוי פערקלאגט?

שאפירא. איין בעדינגונג האט ער געשטעלט...

זוממערמאן. הא? איין בעדינגונג? איך פערשטעה... מיך? יעם? מיך וויל ער ניט?

ביילע (פערברעכט די הענד). וועה!

שאפירא. דער באנדיט וויל וועגען אייך ניט הערען און ניט זעהן...

ביילע. הא, אייבערעם — נו, וואס איז יעצט?

זוממערמאן. ביילע, טרעט אב, וועסט צייט האבען צו רעדען... (צו שאפירא) אזוי, איין בעדינגונג... מיך וויל ער ניט... נו, וואס האט די קאמיטע געענטפערט?

שאפירא. צעהן זיינען מיר געווען אין דער קאמיטע, איך און נאך ניין. די איבריגע אלע האבען צוגעשטימט, איך בין איינער געבליעבען...

זוממערמאן. און וואו זיינען אלע... די סטרייקער... אלע... אלע... וואס האבען אלע געזאגט?

שאפירא. עס איז געווארען ששון ושמחה... מען האט אן אייך אין גאנצען פערגעסען, מיסטער זוממערמאן...

ביילע. נו, אייבערעם?...

זוממערמאן. ביילע, לאז, לאז צופריעדען!... (צו שאפירא) וואו זיינען זיי יעצט אלע?

שאפירא. מען איז אוועקגעלאפען אין שאפ.

זוממערמאן. שוין?

שאפירא. דער באס האט געזאגט, אז ווער עס וועט ניט קומען ביז צוועלף דעם זייגער, וועט פערליערען זיין פלאץ...

זוממערמאן. ביז צוועלף דעם זייגער? נו, עס איז דאך באלד צוועלף דער זייגער — געה, שאפירא!

שאפירא (שטיל). איך קען ניט, מיסטער זוממערמאן...

זוממערמאן. געה, נאר!... וואס קענסטו איינער מיר

העלפען?... אלע צוזאמען וואלטען געקענט ווייטער בויגען דעם באס. דו אליין קענסט מיר ווייניג העלפען... געה אין שאפ... וועסט האבען טראבעל!... (ביילע ברעכט די הענד פערצווייפעלט און דערשראקען).

שאפירא. ניין. וואס גאט וועט געבען, דאס וועט זיין!... (קוקט אויף זוממערמאנען) ניין, עס פערטראגט מיר די הארץ ניט!...

זוממערמאן (מיט טרערען אין דער שטימע). געה, שאפירא, ביזט א טאטע פון זעקס קינדערלעך... מאך זיך ניט נאריש... א דאנק פאר דיין גוט הארץ.. גיב דיין האנד... (נעהמען זיך פאר די הענד. בייביידע ווערען די אויגען פערלאפען מיט טרערען) געה, לויף אין שאפ, און זאג זיי אלעמען, אז אמווייניגסטען האבען זיי בעדארפט אהער פערגעהן און דערצעהלען... נו, לויף שאפירא, וועסט פערשפעטיגען.

שאפירא. גוד באי. איך וועל אבענד ביי אייך זיין.

זוממערמאן. קום ארויף. (שאפירא אב.)

ביילע. אייברעם, אייברעם, וואס טהוט מען יעצט? מיר טרינקען זיך דאך, וועה איז צו מיינע יאהרען!...

זוממערמאן. שא. בעקלאג מיך ניט. איך לעב נאך.

ביילע. אבער וואס טהוט מען?

זוממערמאן. שיט נאך זאלץ אין די וואסער...

ביילע. אייברעם, דיר שפאסט זיך?

זוממערמאן. עס איז קיין שפאס. זאלץ אין די וואסער. מען זאגט, אז זאלץ ציהט אב די היץ פון קאפ... שיט וואס מעהר זאלץ, עס זאל אבציהען די היץ, אפשר וועט אבגעקיהלט ווערען די הארץ, וועל איך קענען צוזעהן ווי מען שפייט, ווי מען בעליידיגט, ווי מען טרעט מיט די פיס... איך וועל זיך קענען בויגען און חנפהנען אזוי ווי אלע... איך וועל ארבייטען מיט דער נשמה פאר'ן באס, און פאלען פאר איהם כורעים יעדעס מאל ווען איך וועל איהם דערזעהן... שיט, שיט זאלץ אין די וואסער, לעג קאלטע קאמפרעסען — אפשר וועט מיך ניט ארען מען זאל כאטש די גאנצע וועלט צורייסען ווי די הערינג, אבי מען זאל ניט אוועקנעהמען מיין שטיקעל ברויט... זאלץ אין די וואסער! וואס מעהר זאלץ! (טרייסעלט זיך פון קעלט).

ביילע (מיט שרעק). וואס איז דיר, אייברעם? ביזט זעהר קראנק!... אייברעם, מיר איז קאלט, און דער קאפ שפאלט זיך מיר אין

הונדערט שטיקער!... (מען קלאפּ שטארק אין טהיר און גלייך נעהט אריין א שעריף).

שעריף. אייבערעם זוממערמאן?

זוממערמאן. יעס...

שעריף (דערלאנגט א מוף־צעטעל צו זוממערמאן). דהאט איז פאָר יו.

ביילע (פערציטערט) וואָס איז דאָס, א מוף־צעטעל, אייברעם? (דער שעריף גיט א לייכטען שמייכעל).

זוממערמאן. יעס, ביילע, א מוף־צעטעל...

(עס וויססעלט צוועלף דער זייגער. פאָרהאנג.)

טרייהייט פון א פרוי.

פערזאָנען:

אלבערט בוקסענבוים, א רייכער ריעל־עסטייטניק.
פרידא, זיין פרוי.
גינאדמאן, זייערער א הויז־פריינד, אן אלטער בחור.
דזשעני, א דיענסט, א גרויסער גולם.

(דער אקט שפיעלט זיך אָב אין פארלאָר־רום ביי די בוקסענבוימס. — ווינטער. א נאכמיטאג־שטונדע פון א זונטאג. אלבערט בוקסענבוים קוקט אריין אין א פענסטער, שפיעלט זיך נערוועז מיט די גארדינען. עס מאכט דעם איינדרוק, אזוי ווי ער וואָלט געוועזן אביסעל ברוגז'דיג. גינאדמאן ראָקעט זיך ברייטלעך אין א ראקער. זיין פנים פלאמט פון בייזען נצחון. די צוויי פריינד האלטען אין מיטען פון א היציגען געשפרעך. (פויזע). גינאדמאן פעררויכערט א סיגאר. אויך בוקסענבוים נעהמט אין מויל אַ סיגאר, זוכט א ווײלע צוטראָגענערהייט א מעטש, געפינט ניט, און ווענדעט זיך צו זיין פריינד:)

בוקסענבוים. גיעב מיר פייער.

גינאַדמאַן (מיט א פיעל בעדייטענדען שמייכעל). דאכט זיך מיר, איך האָב דיר שוין היינט גענוג פייער געגעבען.

בוקסענבוים. דיין פייער קען מיך ניט ברענען... (פער־רויכערט זיין סיגאר) איבערהויפט איז דאָס גאָר קיין פייער, עס איז נור א טוכלער, שטינקענדער רויך.

גינאַדמאַן. דו קוקסט טאקע אויס ווי א האלבער א פער־שטיקטער.

בוקסענבוים. דיינע ווערטער האָבען קיין ברעקעל ממשות ניט.

גינאַדמאַן. אזוי ווי עס האָט ניט קיין ממשות די ברענענדע ליעבע פון דיין פרידאַ.

ב ו ק ס ע נ ב ו י ם. ווען דו וואלסט ניט געווען אזא לץ, וואלט איך זיך אויף דיר בעליידיגט.

ג י נ א ד מ א ן. בעליידיג זיך יא, וועמען ארט עס דען?

ב ו ק ס ע נ ב ו י ם. אזוי ווי אלע אלטע בחורים, פערגינסטו ניט דעם יעניגען, ווער עס געניסט א גליקליכען פאמיליען־לעבען. אזוי ווי ביי אלע אלטע בחורים איז ביי דיר די הארץ אויסגעטריקענט און פערשמעקט אזוי ווי א שטיק אויסגעטריקענט לימבורגער קעז.

ג י נ א ד מ א ן: בוקסענבוים, איך מוז דיר נאך אמאל זאגען: ביזט א גרויסער עזעל, זאלען מיר די עזלען מוחל זיין פארוואס איך שרייב דיך צו צו זייער געזינדעל. אמאל, מיט א יאהר צעהן צוריק, ווען דו ביזט נאך געווען אן ארעמער טייפעל, אזוי ווי מיר אלע; אמאל, ווען דיר האט זיך נאך אפילו ניט גע'חלום'ט אז דו וועסט ווען־עס־איז ווערען א רייכער ריעל־עסטייטניק, איז אין דיר געווען איין גרויסע מעלה — און איך זאג דיר, אז איך האב דיעזע מעלה אין דיר איינפאך פערגעטערט.

ב ו ק ס ע נ ב ו י ם. אינטערעסאנט צו וויסען, וואס פאר א מעלה איז דאס געווען?

ג י נ א ד מ א ן. ביזט געווען קלאסענבעוואוסט — האסט גע־וואוסט אז דו ביזט אן עזעל, און האסט דאס גאר ניט געוואגט צו לייקענען. אצינד, זייט דיין באנק־בוך איז אזוי פאנאנדערגעשוואלען געווארען, האסטו זיך פערגעסען ווער דו ביזט...

ב ו ק ס ע נ ב ו י ם (בעליידיגט). וואס איז מיט דיר, גינאדמאן? עפעס זוכסטו מיט מיר היינט בסדר צו קריגען זיך. ביזט הפנים שטארק בייז אויף דער וועלט, פארוואס עס שפיעלט דיר אזוי דער שלים־שלים־מזל.

ג י נ א ד מ א ן. און דו ביזט אזוי פיעל גלאמפיג, אז אפילו דער שלים־מזל האט זיך פון דיר מיט פעראכטונג אבגעקעהרט. און איך זאג דיר נאך אמאל, אז ווען דו וואלסט ניט האלטען אין איין שטאפען דיין פרידא'ן מיט געלד און דיאמאנטען, וואלט זי שוין אויך לאנג אויף דיר א שפיי געטהאן.

ב ו ק ס ע נ ב ו י ם. ביזט א פערפאלענער מענש, גינאדמאן. אזוי ווי פון לוט'ס ווייב איז געווארען א שטיק פערגליווערט זאלץ, אזוי וועט פון דיר מיט דער צייט ווערען א פערגליווערט שטיק סם המות...

איין זאך קען דיך נור רעטען — האב חתונה! נור די טרייהייט פון אן איבערגעבענער פרוי קען ברענגען צום לעבען דעם שטיק לימבורגער קעז, וואס עיפוש'ט ביי דיר אונטער'ן ברוסט.

גינאַדמאַן (אַבלאַכענד). „טרייהייט פון א פרוי" — דאס איז זעהר ניט קיין ראיעלע סחורה. עס איז אזא מין ארטיקעל, ווי די הונדערטער לאטס, וועלכע דיין ריעלטי קאמפאניע טרייט צו פער־שאכערען אין דזשוירזי סיטי אין די סוואמפס. בלאַטיגע סחורה...

בוקסענבוים. פונדעסטוועגען, ווען דיר זאל זיך איינגעבען אריינצוקריעגען אזא מין פרויעלע ווי מיינע, וואלסטו שוין געווען אלל־ראיט.

גינאַדמאַן. זיי זיינען דא אויפ'ן בושעל. מען מוז אבער צו זיי האבען דיין געשוואלענעם באנק־בוך.

בוקסענבוים. עס איז ניט אמת, גינאַדמאַן. נאטירליך, ווען איך בין רייך, וועל איך זיך ניט ענטזאגען פון צו פערשאפען פער־גנעניגענס מיין פרוי, מיין זיסער, מיין טהייערער פרידעלע'ן, וועלכע איך האב אזוי ליעב. אבער, גלויב מיר, ווען איך זאל ביי היינטיגען טאג זיין דער ארעמסטער מענש אין דער וועלט, וואלט דאס אויף איין האאר ניט געענדערט מיין פרידעלע'ס געפיהלען צו מיר. (לעגט ארויף די הענד אויף זיין פריינד'ס שולטערען, רעדט מיט פייער און בע־גייסטערונג) הער אויס, פערפראַרענער אלטער בחור, האסט בעדארפט פיהלען ווי היים, ווי ברענענד מיין פרידעלע'ס קושען זיינען... האסט בעדארפט פיהלען, ווי איהר הארץ קלאפט ווען זי נעהמט מיך ארום, און ווען זי ענגט זיך מיר אויפ'ן האלז.. האסט בעדארפט זעהן, ווי איהרע אויגעלעך ווערען מיט טרערען פערלאפען, ווען עס דאכט זיך איהר נור אז איך בין צו איהר ניט אזוי אויפמערקזאם...

גינאַדמאַן (שלאגט איהם איבער). האב רחמנות, הער אויף צו רעדען, איך וועל דאך באלד צוואווינען זיך אויפ'ן קול!... (קוקט איהם אן) צום ערשטען מאל אין מיין לעבען זעה איך ווי אן עזעל ווערט בעגייסטערט.

בוקסענבוים. לענגער בין איך קראנק געוועזן... וואלסטו זעהן ווי די פרוי האט געסאפערט — זי איז באלד משוגע געוואַרען פון אנגסט און קלעמעניש...

גינאַדמאַן. זי האט זיך פערטראכט, אז דו קענסט זיך נאך

אַבטראָגען, און זי האָט זיך נור געוואָלט בעוואָרענען מיט א גוטער צואה פון דיר.

בוקסענבוים. נאָך אַלעמען איז דאָס שוין צופיעל פרעך פון דיין זייט. שליידערען אויף מיין פרידא'ן בעשולדיגונגען, וועלכע דו קענסט אין קיין פאַל ניט בעווייזען.

גינאָדמאַן (שלאָגט איהם איבער). רוהיגער, רוהיגער, מיין פריינד. ווער זאָגט דאָס דיר, אַז איך קען מיינע ווערטער ניט איבער־צייגען?

בוקסענבוים. הא?

גינאָדמאַן. אדרבא, איך נעהם זיך טאַקע אָן דיר צו איבער־צייגען, אַז אַלע מיינע רייד, אַלע מיינע סברות זיינען פינקטליך און ריכטיג, אזוי ווי עס איז ריכטיג און פינקטליך דער אַקאונט אין דיין באַנק־בוך.

בוקסענבוים (אביסעל אויפגערעגט). דו פערקריכסט שוין אביסעלע צו ווייט.

גינאָדמאַן. זאָרג זיך ניט פאַר מיר, איך בין איבער מיינע ווערטער א פאָלקאָמענער בעל־הבית, און ווען איך זאָג עפּעס, בין איך דערפאַר פעראַנטוואָרטליך.

בוקסענבוים (מעהר און מעהר אויפגערעגט). אָל ראַיט. גאָ עהעד, סער!

גינאָדמאַן. איך האָב שוין אַמאָל אזא מין טריק אָבגעטהאָן. דו ביזט ניט דער איינציגער נאַר אויף גאָט'ס גרויסער וועלטעלע... איך האָב שוין אַמאָל געעפּענט א פערבלענדעטען מאַן די אויגען: ער האָט אויך געגלויבט אין „טרייהייט פון א פרוי“, איך האָב דעם גלויביגען פאַר אַן אפיקורס געמאַכט...

בוקסענבוים (אונגעדולדיג). גאָ עהעד. איך וויל נור וויסען אין וואָס דיין טריק בעשטעהט.

גינאָדמאַן. מיר וועלען רעדען. אָבער פריהער הייס דער־לאַנגען א טרונק און עפּעס צובייסען...

בוקסענבוים. וועסט טרינקען א גלעזעל ביער?

גינאָדמאַן. ווארום ניט?

בוקסענבוים. וועסט צובייסען מיט א שטיקעל לימבורגער קעז?

גינאָדמאַן. עני טהינג וויל דו.

בוקסענבוים (רופט אין טהיר, וועלכע פיהרט צום קיך). דזשעני!

דזשעני (אריינקומענדיג). איהר דאַרפט מיך, מיסטער בוקסענבוים?

בוקסענבוים. דערלאַנג אהער אַ באָטעל ביער, צוויי גלעזער, אַ פּאָאַר שטיקלעך ברויט, און מאַך אַ הערינג צום פערבייסען.

דזשעני. אָלל ראַיט.

גינאָדמאַן (וועלכער האָט דזשעני'ן זעהר אויפמערקזאַם בעטראַכט). סעי, דזשעני, האָסט שוין אַ חתן?

דזשעני (קוקט איהם אָן קאָמיש) אַ חתן? (שיסט אויס אין אַן אונשולדיגען הילכיגען געלעכטער) אַ חתן!... (קייכט פון געלעכטער).

גינאָדמאַן. נאַ דיר, לאַכט זי זיך אויס פון דעם גאַנצען עסק.

בוקסענבוים. זעהר נור די מויד, וואָס לאַכסטו, גולם? אַ מענש פרעגט דיך, אויב דו האָסט אַ חתן, וואָס־זשע האָסטו זיך צולאַכט? זאָג, האָסט אַ חתן?

דזשעני. שור, אַזאַ שטיק גאָלד זאָל איך האָבען.

גינאָדמאַן. האָסט ליעב דיין חתן?

דזשעני (פערשעהמט). שור!

גינאָדמאַן. שענקט דיר דיין חתן שעהנע פּרעזענטען?

דזשעני (אונשולדיג). פון וואַנען זאָל ער נעהמען פּרעזענטען — אַ פּריץ האָט פערלאָרען?....

גינאָדמאַן. ער פערדיענט דען ניט?

דזשעני. אַ גוטע קרענק פערדיענט ער.

בוקסענבוים (שטעלט אַרויס אַ צונג זיין פריינד).

גינאָדמאַן. ווי אַזוי־זשע וועסטו מיט איהם חתונה האָבען, אַז ער פערדיענט גאָר נישט?

דזשעני. אַזוי לאַנג וועט מיין חתן ליעגען אויף איין זייט, ווי לאַנג איך וועל מיט איהם נאָך ניט חתונה האָבען. אַז ער יועט קריגען אַ גוטען סטעדי דזשאַב, וועלען מיר זעהען.

בוקסענבוים. געה שוין, געה אין קיך און דערלאַנג אהער וואָס איך האָב דיר געהייסען.

ד ז ש ע נ י (גערט צום קיך, ווען זי איז שוין אין טהיר, טהוט זי א זאג:) א חתן... (שטיקט זיך פון געלעכטער. אב).

ב ו ק ס ע נ ב ו י ם (צו זיין פריינד). נו, הכלל, איך וויל הערען דיין טריק.

ג י נ א ד מ א ן. זאלסט אבער נים חרטה האבען.

ג י נ א ד מ א ן (בעגרייפט ניט) אויף וואס חרטה האבען?

ג י נ א ד מ א ן. פערשטעהסטו מיך, דער שפאס קען זיך מאנכעס מאל ענדיגען זעהר ערנסט...

ב ו ק ס ע נ ב ו י ם. נור ניט געשראקען זיך, ווערסט מיין פרידא'ן פון וועג ניט אראבפיהרען. ווערסט בלייבען מיט א נאז...

ג י נ א ד מ א ן. דאס בלייבט נאך אונז צו זעהען. אלזא, הער אוים. וואס דו האסט צו טהאן איז פאלגענדעס.

ב ו ק ס ע נ ב ו י ם (נייגיעריג). יעס, איך הער.

ג י נ א ד מ א ן. ווען קומט פרידא דיינע?

ב ו ק ס ע נ ב ו י ם. זי קען אונטערקומען יעדע ווייל.

ג י נ א ד מ א ן. אלל ראיט. דעם טריק מוזטו אליין שפיעלען. דארפסט אויף איהר מאכען דעם איינדרוק, אז מיט דיר האלט עס זעהר ניט פרעהליך... איך מיין דא דיינע ריעל-עסטייט ביזנעס און דיין באנק-בוך...

ב ו ק ס ע נ ב ו י ם. אלל ראיט, איך פערשטעה.

ג י נ א ד מ א ן. דארפסט איהר געבען צי פערשטעהן, אז דו ביזט אן ארעמאן געווארען: דיינע אלע הייזער, און אויך אט די הויז, וואו דו וואהנסט יעצט, אלעס איז ניט מעהר דיינס; מען וועט דאס אלעס אבנעהמען, איהר ציערונג, די מעבעל, אלעס, אלעס וועט מען צונעהמען, איהר וועט מוזען מופען אין א פאאר ארעמע טענעמענט-רומקעס; זי וועט מוזען געהן אין שאפ ארבייטען, און דיר בלייבט נור איין זאך — צו ווערען א דזשעניטאר...

ב ו ק ס ע נ ב ו י ם. ווערסט בלייבען מיט א נאז, לימבורגער קעז. מיין פרידא וועט מיט מיר אומעטום געהן. ווען מיר וועט אויסקומען ארונטערלאזען זיך אין א בייסמענט און ווערען הויזקיפער, וועט זי זיין א צופריעדענע הויזקיפערין.

ג י נ א ד מ א ן. דיין גלויבען אין דיין פרוי איז נאבעל און כמעט ריהרענד, דערפאר גיב איך דיר פולען קרעדיט. נור אויב דו האסט

רעכט, וועלען מיר שוין באלד זעהען... דו דארפסט נור זעהן שפּיעלען די ראָלע געטריי.

בוקסענבוים. פערלאָז זיך אויף מיר!

גינאָדמאן. יעצט העך ווייטער מיין פּלאָן... דיין פרידא האָט דאָך מיך ניט איבריג ליעב. ווי מיינסטו?

בוקסענבוים. ווער האָט דיך דען יא ליעב?

גינאַאדמאן. נו, יא, איך ווייס... אלזאָ, הער אויס ווייטער: דערצעהל איהר, אז דאָס איז נור דורך מיר, וואָס דו ביזט אזוי רואינירט געוואָרען.

בוקסענבוים. ווייטער, ווייטער.

גינאָדמאן. איך האָב דיך בעשווינדעלט, ווי דו ביזט גרויס. איך האָב דיך פאר אן אָרעמאן געמאכט.

בוקסענבוים. נישט דערלעבען וועסטו דאָס...

גינאָדמאן. מען קען גאָר נישט וויסען, וואָס עס קען זיין... אלזאָ, הער, שילדער מיך אין די שווארצסטע פארבען: דערצעהל איהר, אז איך האָב געמוזט פון ניו יאָרק אנטלויפען, אז דו וואָלסט מיך ווי א הונד דערשיסען ווען דו פאקסט מיך, נור...

בוקסענבוים. צו וואָס האקסטו דאָס א טשייניק?

גינאָדמאן. וועסט באלד פערשטעהן. זאָג איהר, אז איך בין יעצט שטיין רייך...

בוקסענבוים. וועסט פגר'ן א קבצן...

גינאָדמאן. אבער נישט קיין עזעל... הער־זשע אויס, דיין ראָלע איז געענדיגט. יעצט וועל איך נעהמען שפּיעלען מיין ראָלע. ווען דו וועסט אלעס צוגרייטען ווי געהעריג איז, וועל איך שוין פער־פערטיגען פאר דיין פרידע'לען א קליין בריוועלע.

בוקסענבוים (אונרוהיג). וואָס פאר א בריוועלע?

גינאָדמאן. אזא מין ליעבעס־בריוועלע...

בוקסענבוים. ווער? דו? דו, צו מיין פריידע'ן? (לאכט).

גינאָדמאן. זעה אקאָרשט אויב דאָס איז ניט צומאָל דיין לעצטער געלעכטער...

בוקסענבוים (הערט זיך צו). פרידא קומט...

גינאָדמאן. מוזען מיר אונזער פלאָן אָבלעגען.

בוקסענבוים. ווארום אָבלעגען?

גינאַדמאַן. איך טאָר דאָ ניט געפינען זיך...

בוקסענבוים. זי דאַרף ניט וויסען, אַז דו ביזט דאָ... געה אַריין אין מיין רום, און שטעק דאָרט ביז די קאָמעדיע וועט זיך ענדיגען.

גינאַדמאַן. יעס, יעס, אַזוי דאַרף דאָס טאַקע זיין... אָבער דיין קלוגע דיענסטמויד... זי וועט דאָך אויסזאָגען... זי פערפערטיגט דאָך דאָרט מסתמא דעם הערינג פאַר אונז ביידען...

בוקסענבוים. אָלל ראַיט, איך וועל דאָס שוין פיקסען.

גינאַדמאַן. דאַכט זיך ביי דיר אין רום איז דאָ אַ טהיר, דורך וואַנען איך זאָל קענען דרויסען אַרויסגעהן, אַזוי אַז דיין פרוי זאָל מיך ניט זעהען...

בוקסענבוים. געווים, דו ווייסט דאָך די טהיר צו דער וועראַנדע. נור וואוהין ווילסטו דאָס געהן?

גינאַדמאַן. איך דאַרף דאָס אַלעס צוגרייטען, דעם בריעף מיין איך. איך מוז קריגען אַ מעסענדזשער באָי, ער זאָל דעם בריעף ברענגען... מיין בריעף, מיין ליעבעס־בריעוועלע, מיין איך...

בוקסענבוים. קענסט טהאָן וואָס דו ווילסט... פרידאַ וועט גאָרנישט וויסען. נו, בעגראָב זיך וואָס שנעלער. איך רוף אַריין דזשעני'ן, זאָגען איהר וואָס מען דאַרף.

גינאַדמאַן. גלייך! איך וועל שוין נעלם! (כאַפּט זיין הוט און אויבערמאַנטעל, ווענדעט זיך צו זיין פריינד:) הער־זשע, איך ערלויב דיר אויף אַ ווײַלע צו פערגעסען זיך, אַז דו ביזט אַן עזעל... מוזט דיין ראָלע שפּיעלען אויסגעצייכענט. איך וועל זיך שוין צו־הערען.

בוקסענבוים. אָלל ראַיט! אָלל ראַיט! (רופט) דזשעני! דזשעני!! (גינאַדמאַן געהט אַריין אין אַ זייטיגען צימער. דזשעני טראָגט אַריין ביער, ברויט, הערינג, גלעזער).

דזשעני (מעהר פאַר זיך). אויב מיין חתן פּערדיענט... (לאַכט) אויב ער שענקט מיר פּרעזענטען? פּפּפּררעזענטען! (קייכט פון געלעכטער) אוי, איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען!... (שטעלט אוועק די זאַכען, זוכט מיט די אויגען גינאַדמאַנען, וואונדערט זיך קאָמיש וואָרום זי זעהט איהם ניט).

בוקסענבוים. וועמען זוכסטו?

ד זש ע נ י. וואו איז אויסגערונען אייער פריינד?

ב וק ס ע נ ב ו י ם. ער איז אוועקגעגאנגען.

ד זש ע נ י (פערוואונדערט). דורך וואנען? דורכ׳ן סילינג?

ב וק ס ע נ ב ו י ם. קוק נור אן די גערעטעניס... עס איז עפּעס דיינע ביזנעס?... זאג נור, איז פרידא געקומען?

ד זש ע נ י. שור, זי טהוט זיך פערנאנדער ביי זיך אין רום.

ב וק ס ע נ ב ו י ם. האסט איהר ניט געזאגט, אז אימיצער איז דא?

ד זש ע נ י. זי האט צו מיר ניט גערעדט.

ב וק ס ע נ ב ו י ם. הער־זשע, דזשעני, אז דו ווילסט ביזטו דאך א גאנץ קלוגע מיידעל.

ד זש ע נ י (פערשעהמט). שור!

ב וק ס ע נ ב ו י ם. נו, וואס דען, מען זעהט דען ניט? הער־זשע, דזשענעלע: אז פרידא וועט דיך פרעגען אויב אימיצער איז דא געוועזען, זאלסט זאגען: קיינער ניט.

ד זש ע נ י. און דער מאן וואס איז נעלם געווארען?

ב וק ס ע נ ב ו י ם. נישט דיינע ביזנעס. פרידא דארף ניט וויסען, אז אימיצער איז דא געוועזען. פערשטעהסט?

ד זש ע נ י. שור.

ב וק ס ע נ ב ו י ם. וואס וועסטו זאגען דער מיסעס, ווען זי וועט דיך פרעגען אויב אימיצער איז דא געוועזען?

ד זש ע נ י. קיינער ניט, נור א מאן וואס איז אזוי ווי אויס־גערונען...

ב וק ס ע נ ב ו י ם. אט האסטו דיר... זאג נור, דזשעני, אין דער היים, ביי דיין טאטען און מאמען, זיינען דא נאך אזעלכע חכמים ווי דו, אדער דו ביזט איינע?

ד זש ע נ י. איך האב נאך דריי שוועסטער און צוויי ברידער. איין שוועסטער האט א חתן. (לאכט).

ב וק ס ע נ ב ו י ם. קוועליעט זי וויטער... הער־זשע, דזשעני, וואס איך זאג דיר אן: זאלסט ניט וואגען צו דערצעהלען דער מיסעס, אז דא איז אימיצער געוועזען, דו הערסט, גולם. דו דארפסט פערשטעהן וואס איך זאג דיר, גלאמפּ!

ד זש ע נ י. שור!

בוקסענבוים. שור, ווייטער שור, אלעס איז ביי איהר שור. זעה־זשע, זאלסט פרידא'ן ניט זאגען, אז דא איז אימיצער געווען.

דזשעני. אלל ראיט.

פרידא (הינדער דער סצענע). דזשעני! דזשעני!...

בוקסענבוים. געה, די מיסיס רופט דיך. געדענק: קיין איין ווארט, אז דא איז אימיצער געווען... זאלסט שווייגען.

דזשעני. שור. (געהט צו דער טהיר, ווען זי איז אין טהיר) אויב מיין חתן פערדיענט... (לאכט) א פיינער פערדיענער. (לאכט און געהט אב לאכענדיג).

בוקסענבוים אי, האב איך א דיענסט... (כאפט בעהאלטען די ביער, די גלעזער און דעם הערינג. פרידא טרעט אויף).

פרידא (פרעהליך און פריי). אה, אלבערט'ל, בין איך מיעד!... (זעצט זיך ביי איהר מאן אויף די קניע, נעהמט איהם פאר'ן האלז ארום) איך האב אזוי פיעל זאכען אנגעקויפט, אבער האב איך פער־ספענדט געלד — א האלל לאט. אה, האו טאירד אי עם. (טהוט שטיפעריש א שפרונג און שרייט:) אלבערט, שנעלער, אוי, שנעלער, שנעלער!

אלבערט (ערשראקען). וואס? וואס איז געשעהן?

פרידא. האב רחמנות, שנעלער, וואס שטעהסטו ווי א דאמע?

אלבערט. וואס ווילסטו? איך ווייס דאך ניט וואס דו ווילסט...

פרידא (שרייט). אי, עס ווערט מיר ניט גוט! מענשען, ראטע־וועט, מיין מאן ווייסט ניט וואס איך וויל!... (שרייט) שנעלער, אלבערט, שנעלער!

בוקסענבוים. וואס איז מיט דיר, פרידא?

פרידא (קוקט איהר מאן אריין אין די אויגען). פערשטעהסט ניט אן מיין פנים, וואס מיר פעהלט?

בוקסענבוים. זאל איך שטארבען, אויב איך פערשטעה עפעס...

פרידא. קעש! געלד! מאכט אקארשט אוים א טשעק, מיסטער!

בוקסענבוים. אוי, ביזטו ווילד, פרידא!

פרידא. און א געזונדען טשעק... מען דארף האבען א סך געלד, מיסטער בוקסענבוים.

בוקסענבוים (שטאמעלט). עה, פרידא, איך האב געוואלט מיט דיר עפעס רעדען...

פרידא. פריהער מאך אוים א טשעק, נאכהער וועלען מיר רעדען.

בוקסענבוים (ווערט ערנסט). הער אוים פרידא, עס איז זעהר ערנסט.

פרידא (פערשטאפט די אויערען). איך וויל גאר נישט הערען. פרוביר גאר נישט עפענען דעם מויל. אומזיסט דיין ארבייט, מוזט פריהער א טשעק דערלאנגען.

בוקסענבוים. פרידא, מיין טשעק קען דיר יעצט ווייניג נוצען ברענגען, פערשטעהסט ? !

פרידא (ווערט אין איין סעקונדע ערנסט און אויפמערקזאם, קוקט אן איהר מאן). וואס הייסט ?

בוקסענבוים. ווייל... ווייל, עה... פערשטעהסט... עה... איך האב אין באנק מעהר קיין אקאונט ניט.

פרידא. וואס עפעס מיט אמאל ?

בוקסענבוים. עס איז שוין ניט מיט אמאל.. .עס איז... (שטאמעלט) מיין אונגליק ציהט זיך שוין פון גאנץ לאנג... ניט מעהר, איך האב אלץ דיר ניט געוואלט דערצעהלען.

פרידא. וואס פאר אן אונגליק ? וואס האסטו מיר ניט געוואלט דערצעהלען ?

בוקסענבוים. פרידעניו, עס איז געקומען א צייט, וואס איך מוז דיר זאגען דעם גאנצען אמת... מיר זיינען ניט מעהר רייך... מיר זיינען ארעמע לייט...

פרידא. נו, ווי געפעלט דאס ווערען ? אט פלוצלינג היינט, ווען איך האב אין די דעפארטמענט סטארס איינגעקויפט אזוי פיעל זאכען אויף „סי א די”. פאלט איהם גאר איין ווערען אן ארעמאן...

בוקסענבוים. פרידא, מיר מוזען דאך ערנסט זיין...

פרידא. פאר די זאכען, וועלכע מען וועט פון וואנאמייקער'ן ברענגען מארגען, וועסטו דאך אם ווענינגסטען קענען בעצאהלען ?

בוקסענבוים. ניין, פרידא, איך וועל ניט קענען בעצאהלען.

פרידא. עס וועט דאך זיין א שאנדע...

בוקסענבוים. עס וועט ניט זיין קיין שאנדע, ווייל עס וועט ניט זיין ווער עס זאל זיך שעהמען...

פרידא. איך פערשטעה קיין איין ווארט ניט פון דעם, וואס דו רעדסט.

בוקסענבוים. מיר מוזען פון אונזער הויז נאך היינט אוועקמופען.

פרידא. וואס רעדסטו דאס, אלבערט?

בוקסענבוים. עס איז ניט מעהר אונזער הויז.

פרידא. נו, דו האסט דאך גענוג הייזער, וועלען מיר מופען אין דיינע עפעס אן אנדער הויז.

בוקסענבוים. ניין, פרידא, דו לעבסט אין טעות... דו מוזט וויסען דעם גאנצען אמת: איך האב מעהר קיין הייזער ניט, איך האב גאר נישט. דו ביזט יעצט פונקט אזוי ארעם ווי עס איז אונזער דיענסט... ניין, אונזער דיענסט איז רייכער פון אונז, זי איז קיינעם גאר ניט שולדיג, און איך בין בעגראבען אונטער א בארג מיט חובות.

פרידא (עס שיינט, אז זי בעגרייפט מיט איינמאל די גאנצע לאגע. אויף איהר געזיכט צייגט זיך טויט־שרעק, און זי פרעגט מיט א פערציטערטע שטימע) וואס טהוט זיך דא פארט? וואס איז געשעהן, אלבערט? דערצעהל אלעס, איך וויל אלעס וויסען.

בוקסענבוים. יא, פרידע'ניו, דו מוזט אלעס וויסען. ווייל וויטער פערלייקענען מיין אונגליקליכע לאגע איז שוין אונמעגליך.

פרידא (מיט פערבראכענע הענד). דערצעהל! דערצעהל!

בוקסענבוים. עס איז שוין באלד א יאהר צייט, אז די געשעפטען געהען אין דר'ערד...

פרידא (שלאגט איהם איבער). פלעגסט דאך בעריהמען זיך... ערשט נעכטען...

בוקסענבוים (שלאגט איהר איבער). יעס, ביז נעכטען האב איך נאך געהאט האפנונגען. מיר האט זיך אלץ גע'חלום'ט, אז איך וועל זיך קענען ארויספלאנטערען... נעכטען האט געפלאצט מיין לעצטע האפנונג... אויס, אלעס איז פערלארען, מיר זיינען ארעמע מענשען!...

פרידא (פערצווייפעלט). אלבערט, ווי איז דאס מעגליך?...

נו, און אז עס נעהט שלעכט אין ביזנעס, איז דען אלעס פערלארען?
היינט איז שלעכט, מארגען וועט ווערען בעסער!

בוקסענבוים. א, פרידע׳ניו, די לאנגע איז אזא, אז איך מוז אין גאנצען פון ביזנעס ארויס. איך טאר מיינע אויגען ערגעץ ניט ציינען. מען וועט מיך ארעסטירען, מען וועט מיך שלאגען, מען וועט מיך אויפעסען לעבעדיגערהייט.

פרידא. אלבערט, וואס טהוט זיך דא? עפעס קלינגט דאס אב פאר מיר ווי א בייזער חלום... זאג מיר, איך בעט דיך, איז אונזער לאגע ווירקליך אזא שרעקליכע?

בוקסענבוים. פיעל, פיעל ערגער ווי דו קענסט דיר נאר פארשטעלען. איך וועל מוזען אוועק ארבייטען אין שאפ.

פרידא (מיט שרעק). ארבייטען אין שאפ? דו?

בוקסענבוים. עס זיינען דא עטליכע חובות, וועלכע מען וועט מוזען אונטער אלע אומשטענדען בעצאהלען. איך רעכען, פרידא׳ניו, וועסט די ערשטע צייטען אויך מוזען געהן אין שאפ ארבייטען.

פרידא. א פיינעם תכלית מאכסטו פון מיר, מיין מאן. ניין, אלבערט, איך וועל זיך ליעבערסט דאס לעבען נעהמען, איידער געהן אין שאפ ארבייטען.

בוקסענבוים. נו, וועסטו ניט געהן. צווינגען וועל איך דיך ניט. אבער מופען וועלען מיר מוזען אין איין רום, העכסטענס אין צוויי רומקעס.

פרידא. ביזט משוגע געווארען, אלבערט, מיט אונזער מעבעל, מיט אונזער רייכע פארניטשור?

בוקסענבוים. נארעלע, מיר האבען ניט מעהר קיין פארניטשור. נארנישט בעלאנגט מעהר צו אונז. אלעס איז פערמארטגיידזשד. מען וועט אלעס צונעהמען.

פרידא (אויסער זיך פון ערשטוינען און אונגליק). ווען? ווען וועט דאס זיין?

בוקסענבוים. אפשר מארגען.

פרידא (ענטשלאסען). וועלל, איך וויל דערביי ניט זיין... (שרייט) נעהם מיך צו פון דאנען.. איך וויל אנטלויפען פון דאנען...

נישט פאר מיר זאל דאס געשעהן... דו הערסט, דו האסט זיך אליין פערשאלאטאנעוועט, קריך אליין ארויס, איך וויל פון גאר ניט וויסען!

בוקסענבוים. פרידא, איך האב געזעבענט— אין מיין גרויסען אונגליק— וועט מיר מיין געטרייע פרוי— מיין אייגציגער פריינד אויף דער וועלט—איך האב געזעבענט—וועסט מיך טרייסטען, וועסט מיר מוטה געבען...

פרידא. א, דול מיר ניט מיין קאפ!! סימפאטהיע זוכט ער! אויף וואס דארפסטו די סימפאטהיע? מעהר אז סימפאטהיע פעהלט איהם נישט!... דו גולט איינער, בעגרייפסטו כאטש דיין לאגע, ווייסטו כאטש ווער דו ביזט אצינד? יעדער איינער וועט דאך פון דיר לאכען... יעדער איינער וועט דאך אויף דיר מיט די פינגער ציייגען!... ווען דו האסט געהאט די פאאר דאלאר, האסטו געשפיעלט א שטיקעל ראלע, אבער יעצט, אוי, וועה איז מייגע יאהרען! בעגרייפסטו כאטש אויף וואס פאר א וועלט דו געפינסט זיך? סימפאטהיע זוכט ער! (לאכט מיט א פערצווייפעלטען גיפטיגען געלעכטער) סימפאטהיע.. די ווייב וויל ער שיקען אין שאפ... מאדאם בוקסענבוים, די נגידה, וועט געהן אין שאפ און מופען אין צוויי רומס, מיט איהר געראטענעם מאן. א ציערונג!... און אלעס וואס איהם פעהלט, איז סימפאטהיע!... (לאכט שרעקליך) א שטריקעלע, מיסטער בוקסענבוים, א שטריקעלע דארפסטו זוכען, ניט סימפאטהיע. (פויזע).

בוקסענבוים. און ווען דו וואלסט וויסען, ווער עס איז אין אונזער אונגליק שולדיג...

פרידא. א זארג איז מיר ווער — אבי מען האט דיך פיין אויסגעפיקסט!...

בוקסענבוים. אונזער א פריינד... א היימישער מענש...

פרידא. ווער מעגסטו מיינסטו?

בוקסענבוים. גינאדמאן.

פרידא (פרעגט איבער). גינאדמאן?

בוקסענבוים. יעס, מיסטער גינאדמאן. דורך פערשיעדענע ספעקולאציעס איז מיין גאנצער פערמעגען אין זיינע הענד אריבער. ער האט נאך איינינע בעשווינדעלט... דער שארלאטאן איז יעצט שטיין רייך — א מיליאנער.

פרידא (אזוי ווי פון שלאף). ווער, גינאדמאן?

בוקסענבוים. יעס, ער. בעטראכט נור, פרידא, וואס פאר א מין אויסוואורף מיר האבען פאר א פריינד געזעכענט...

פרידא. וואס אויסוואורף? ווער אויסוואורף? אז אזעלכע לעמעשקעס, ווי דו, לאזען זיך נארען, פאר וואס ניט? ער האט גאנץ גוט געטהאן...

בוקסענבוים. דער שווינדלער האט געמוזט פון ניו יארק לויפען! הלואי פאק איך איהם, דעם הונד! (שרייט אזוי, אז גינאָד־מאן זאל אין נעקסטען צימער אלעס גוט הערען) דעם פער'עיפוש'טען לימבורגער קעז; הלואי פאק איך איהם, דערשים איך איהם ווי א הונד!... (דזשעני צייגט זיך אין טהיר.)

דזשעני. מאדאם בוקסענבוים, עפעס א באי האט אייך א בריעף געבראכט. ערווארט אין קיטשען.

פרידא. מסתמא עפעס פון וואנאמייקערס... (פערביטערט) עס איז מיר גוט. (לויפט ארויס פון צימער).

דזשעני (זוכט עפעס מיט די אויגען).

בוקסענבוים. וועמען זוכסטו, גערעטענים?

דזשעני. וואו זיינען די באטעלס פון די ביער, און די דישעס?

בוקסענבוים. איך וועל דיר שוין שפעטער זאגען וואו דאס איז. געה דיר אין קיך אריין!...

דזשעני. זאל איך זאגען דער מיסים, אז קיינער איז דא ניט געוועזן?

בוקסענבוים. ווען זי וועט דיך פרעגען.

דזשעני. און אז זי וועט גאר ניט פרעגען?

בוקסענבוים. דארפסטו גאר ניט זאגען.

דזשעני. וועט דאך די מיסעס גאר ניט וויסען?

בוקסענבוים. וואס וועט זי ניט וויסען?

דזשעני. אז דא איז קיינער ניט געוועזן.

בוקסענבוים (צורייצט). אי, געה מיר צו אל־די־רוחות... ווען די מיסים וועט גאר ניט פרעגען, דארפסטו גאר ניט רעדען. פערשטעהסטו, לאנד־חכמה?

דזשעני. שור! (אב פון זייטיגען צימער. גינאָדמאן רוקט פארזיכטיג ארויס דעם קאפ, קוקט זיך ארום).

בוקסענבוים. קענסט אריינגעהן.

גינאַדמאַן (אריינקומענדיג אין צימער). נו, ווי גערט עס עפּעס מיט דיין געטרייער פרידאַ'ן?... איך האָב געהערט, ווי דו האָסט ביי איהר געבעטען סימפּאַטהיע, און זי האָט דיר נור געוואָלט געבען א שטריקעלע צום הענגען זיך... (מיט א טייפעלשען נצחון) דיין כשר'ע פרידע'לע, הא? (קלאַפּט זיין פריינד איבער'ן פּלייצע).

בוקסענבוים. דאָס איז נור אויף דער מינוט. שפּעטער וועט זי בעסער ווערען!...

גינאַדמאַן. נו, גאַנץ געוויס, ווי זי וועט זיך נור דערוויסען, אז די גאַנצע מעשה איז נור א שפּאַס געווען, וועט זי געוויס בעסער ווערען... (בייט דעם טאָן) אבער דער טריק איז נאָך ניט געענדיגט. אָט, מיר וועלען זעהן וואָס ווייטער וועט זיין. ווילסט וויסען, וואָס פאַר א בריוועלע מען האָט איהר דאָס יעצט דערלאַנגט?

בוקסענבוים. נו, איך וויים דאָך.

גינאַדמאַן. אָט איז א קאָפּיע פון דעם בריעף. ווילסט הערען?

בוקסענבוים. אָלל ראַיט, לעז.

גינאַדמאַן. פערשליס די טהיר.

בוקסענבוים (פערשליסט די טהיר).

גינאַדמאַן (לעזט פון א פּייפּער שטיל און פאַרזיכטיג). מיין טהייערע, מיין ליעבע פרידאַ!

בוקסענבוים. זעה נור די חוצפה! דו, לימבורגער קעז!...

גינאַדמאַן. שש! הער אוים. (לעזט פון בריעף) דאָס וואָס עס האָט לאַנגע יאָהרען געשטיקט מיין הארץ, קריג איך איצט מוטה צו ענטפּלעקען פאַר אייך... מאַדאַם, איך האָב אייך לאַנגע יאָהרען געליעבט ביז וואהנזין... איך האָב אָבער ניט געוואָגט אויסצודריקען מיינע געפיהלען פאַר אייך, ווייל איך האָב געוואוסט, אז איך קען אייך ווענינ גליק פערשאַפען... פרידאַ, איך בין יעצט רייך, פיעל רייכער איידער איהר קענט זיך גאָר פאָרשטעלען... אייער מאַן איז א רואינירטער מענש, און עס ערוואַרטען אייך אין לעבען נור צרות, שאַנדע און בעליידיגונגען. און אָט איז פאַר אייך א מאַן, וועלכער פערגעטערט און ליעבט אייך... וועלכער האָט א גאַנצען לעבען גע־טרוימט וועגען אייך... איין וואָרט אייערער, און מיר זיינען ביידע

די גליקליכסטע מענשען אויף דער וועלט... אום צו בעווארענען אייך, אז עס זאל אייך נאך אמאל ניט אויסקומען צו ליידען אזא מין ביטערען שיקזאל, צו וועלכען עס האט אייך אונבארמהערציג אונטערוואָרפען אייער מאַן, וועל איך מיין גאנצען פערמעגען, וועלכער איז יעצט אונ־געהויער גרויס, אַבשרייבען אויף אייער נאַמען. הונדערטער טויזענ־דער וועלען זיין אין אייערע הענד. איהר וועט קענען אראנזשירען אייער לעבען ווי איהר פערשטעהט, און אייך ערווארטעט גליק, גליק און גליק... הערט, טהייערע פרידא, צו דער צייט ווען איהר וועט לעזען מיין בריעף, געפין איך זיך אויף גרענד סענטראל דיפאָ, ווייל איך האב בעשלאָסען צו פערלאָזען ניו יארק אויף אימער. קומט גלייך, און מיר וועלען לויפען ביידע. אונזער לעבען וועט זיין אַן אייביגע לוסטרייזע. קומט די מינוט, ווייל די בעליידיגונגען און דער שפּאָט, וואָס ערווארטען אייך דורך אייער מאַנס רואינע, קענען אייך בעפאלען יעדע מינוט. רעטעט זיך, ליעבע פרידא!...

בוקסענבוים (שלאָגט איהם איבער). א קלאָג צו דיין קאָפּ, האסט דאך דאָ פערקאָכט א מיאוס'ע קאשע!

גינאָדמאַן. וועסט דאַס געזונטערהייט אויפעסען, און וועסט געבען דיין פרידא'ן אויף פערזוכען.

בוקסענבוים. ששש, פרידא קומט!

גינאדמאן (מיט א פערשטיקט קול). דערשפּיעל דיין ראָלע, איך וועל זיך שוין צוהערען און וועל סורפּרייזען דיין פרידא'ן אין דער ריכטיגער מינוט. (שנעל אָב אין זייטיגען צימער. בוקסענבוים שליסט אויף די טהיר. פרידא קומט אריין, זי קוקט אויס שטארק צו־טראָגען. טרעט אריין אין צימער מיט לאנגזאמע טריט. עס דאכט זיך, אז די פרוי וואנט ניט אויפצוהייבען די אויגען, זעצט זיך אוועק אין אַן ארם־שטוהל, פערשטעלט דאַס געזיכט מיט ביידע הענד, בלייבט אויף א ווייל זיצען ווי פערגליווערט).

בוקסענבוים (בעטראַכט זי א ווײלע אויפמערקזאם און רופט זי אַן ביים נאָמען) פרידא!

פרידא (טוט זיך א כאַפּ, אזוי ווי דערשראָקען). הא?

בוקסענבוים. וואָס איז דאַס פאר א בריעף געוועזן?

פרידא (ערשראָקען און צומישט). א בריעף?... גאָרנישט... אזוי... א בריעף...

בוקסענבוים. מאקע פון וואנאמייקערס?

פרידא (שטאמעלט צומישט). הא? פון וואנאמייקערס?... יעס, יעס... נא, ניט פון וואנאמייקערס... אזוי א בריעף... עס איז גאר נישט... (בלייבט פערטראכט. א זייגער שלאגט, זי שפרינגט אויף פערציטערט).

בוקסענבוים. וואס איז דער מעהר, פרידא, האסט זיך דערשראקען?

פרידא. ניין, איך האב זיך ניט דערשראקען... (דזשעני קומט אריין, ברענגט פרידא'ס מאנטעל און העט).

דזשעני. אט האט איהר אייערע קליידער, מאדאם בוקסענבוים.

בוקסענבוים (שפרינגט אויף). פרידא, וואוהין געהסטו?

פרידא (שטארק נערוועז). איך... געה... מוז א וויילע א געה טהאן דא צו א בעקאנטער.

בוקסענבוים (כאפט זי פאר די הענד, קוקט איהר אין די אויגען אריין). דארפסט זיך שעהמען, פרידא!

פרידא (בלאס ווערענדיג). שעמען? איך פערשטעה דיך ניט...

בוקסענבוים. דו לויפסט צום דיפא.

פרידא (שרייט אויס). בוקסענבוים!

בוקסענבוים (לאזט זי ניט רעדען). אנטלויפען מיט גינאדמאן... איך וויים אלעס... (שרייט) וואג ניט צו לייקענען... זאג דעם אמת!

פרידא (מיט פלאמענדע אויגען). איך געה וואוהין איך דארף, וואוהין איך געפין פאר נויטיג!

בוקסענבוים (שרייט). אנטלויפען מיט גינאדמאן!...

פרידא. און אז יעס, איז וואס? האסטו זיך געקימערט וועגען מיר, דיך ארט ניט, איך זאל אויסשטעהן ליידען, שפאט, בעליידיגונגען... אין שאפ זאל איך געהן...

בוקסענבוים (מיט א פערשטיקט קול) מיט גינאדמאנ'ען?!

פרידא (ארויסרופענד). יעס, איך האב איהם ליעב!..

בוקסענבוים (לאכט מיט א ווילדען געלעכטער). כא־כא־כא! גינאדמאנ'ען האט זי ליעב... דו אידיאט איינער!... (רופט) גינאדמאן!

גינאַדמאַן! (גינאַרמאַן קומט ארויס פון צימער, זיין פּנים פלאַמט פון נצחון).

גינאדמאן. איך בין דאַ, מיין פריינד, אזוי ווי געזאָגט, צו דער מינוט...

פרידא (דערזעהט גינאַדמאַנ׳ען, איהר פּנים קרימט זיך אויס, פאר טויט־שרעק לאָזט זי ארויס אַן אינסטינקטיווען אויסגעשריי: אַה!..

דזשעני (קוקט אַן גינאַדמאַנ׳ען). זעה נור, ער איז דאָך דאַ!... פון וואנען איז ער ארויסגעקראָכען?... (זי לאַכט הילכיג).

(פאָרהאַנג.)

די צוויי בעזונדערע טישען.

און איך וואונדער זיך, און איך טראכט אלץ ביי זיך: וועז איז דאס געשעהען? ווען האט דאס פאסירט? ווען איז די פינקט־ליכע צייט געווען, ווען איך בין אריבער צו די עלטערע, און זי, אנושא, איז פערבליעבען מיט די יונגע?

בלויז מיט א יאהר זיעבען צוריק האבען מיר זיך בעגעגענט, בעקאנט זיך און דאן זיינען מיר גלייכע חברים געוועזן.

איך בין דאן דריי און דרייסיג יאהר אלט געוועזן; זי איז געוועזן א מיידעל פון א יאהר עטליכע און צוואנציג, א קליין־געוויקסיגע, א בלאנדינקע. מיט זעהר שעהנע דונקעל־בלאנדע קוירלס, וועלכע זיי־נען איהר אין רינגען שטיפעריש־קאקעטיש אויף איהר ווייסען שטערן ארונטערגעפאלען.

אזא שטילע, אזא בעשיידען־צוריקגעצויגענע איז זי געוועזן, נור אויף איהרע שעהנע ליפען האט אימער גערוהט עפעס אזא ליכטי־גער, אזא רייצענדער שמייכעל, וועלכער האט מיך באלד משוגע גע־מאכט!

און דאן האט זיך עפעס גאר ניט געמערקט, אז איך בין פון אנושא׳ן עלטער מיט זיעבען אדער מיט אכט יאהר; ניט איך האב דאס געפיהלט און ניט זי האט דאס מיר אירגענד ווי גע־געבען צו פערשטעהן. גלייך זיינען מיר געזועזן; מיר זיינען בע־פריינדעט געווארען; מיר פלעגעןביידע צוזאמען זומער־נעכט אין די פארקס געארמט געהן; מיר האבען ביידע גלייך געלאכט, גע־שטיפט, נערעדט, געזונגען. און מיר האבען זיך אזוי גלייך גע־פיהלט, דאס מיר איז גאר קיינמאל נישט אויסגעקומען א טראכט צו טהאן וועגען דעם, דאס איך בין פון איהר עלטער מיט זיעבען אדער מיט אכט יאהר.

ס׳האט שוין געהאלטען דערביי, אז איך זאל זיך אין דער שעהנער

אנושא'ן פערליעבען. און זי האט גאר מיט א שעהנעם יונגען מאן חתונה געהאט.

און נאכהער האב איך אנושא'ן מעהר קיינמאל ניט בעגעגענט. געהערט האב איך, אז זי לעבט מיט איהר מאן נישט זעהר קיין גליק־ליכען לעבען; געוואוסט האב איך, אז זי האט מיט איהר מאן עפעס וואו אין ברוקלין פערמופט, איהר ריכטיגען אדרעס האב איך אבער אלץ ניט געקענט דערגעהן. און אזוי האב איך אן אנושא'ן אין גאנצען פערגעסען.

און עס איז אריבער א צייט פון זיעבען יאהר, פון זיעבען לאנגע יאהר. און איך האב זיך מיט אנושא'ן ווידער בעגעגענט.

מיינע פריינד, די שענקמאנס, איז איינגעפאלען צו פייערען דעם געבורטסטאג פון זייער עלטערע טאכטער דזשענני, א מיידעל פון א יאהר דריי און צוואנציג, האט מען פאר דער „אימעניניצע" אראנ־זשירט א „סורפרייז־פארטי", מען האט איינגעלאדען פיעלע געסט, און צווישען די איינגעלאדענע בין איך אויך געוועז.

און צווייערליי געסט זיינען געוועזן ביי די שענקמאנס: עלטערע מענשען, וועלכע זיינען געקומען אלס פריינד פון דזשענני'ס פאטער און מוטער, און אינגערע, באים און מיידלעך, וועלכע זיינען געקומען צו דזשענני'ן זעלבסט אלס איהרע חברים און חבר'טעס.

און צוויי בעזונדערע טישען זיינען געגרייט געווארען ביי די שענקמאנס. איין לאנגער טיש, פאר די עלטערע, איז געגרייט געוועזן אין דיינינג־רום, און דער צווייטער טיש איז געגרייט געוועזן אין פראנט־רום פאר די יונגע, פאר דזשענני'ס חברים און חבר'טעס.

מיך האט מען אוועקגעזעצט צווישען די עלטערע, צווישען די פאטערס, צווישען די מוטערס, ביי דעם טיש אין דייגינג־רום.

ביי אונזער טיש האט מען איינפאך אידיש גערעדט. דארט, אין פראנט־רום, האבען די יונגע ענגליש גערעדט. און מיר האט זיך גע־דאכט, אז דא אין הויז געפינען זיך יעצט צוויי וועלטען, צוויי גאנץ פערשיעדענע וועלטען. איין וועלט איז דארט אין פראנט־רום פער־טראטען, די צווייטע וועלט געפינט זיך דא אין דייגינג־רום, און צווי־שען דיעזע צוויי וועלטען עקזיסטירט גאר נישט קיין אלגעמיינעס.

דארטען האט מען געזונגען אמעריקאנער „סאנגס", געלאכט

„אמעריקאניש“, געטרונקען לעמאָנייד, געגעסען אייז־קרים און קענדי; ביי אונזער טיש האָט מען איךרישלעך א שנאַפּס געמאַכט, פּערביסען מיט א שטיקעל הערינג און צוגעוואונשען זיך איינער דעם צווייטען צו דערלעבען נחת פון די קינדער. און איך האָב זיך אויף מיין אָרט אין דייניגג־רום, צווישען די פּאַטערס און מוטערס, צווישען די עלטערע גאַנץ בעקוועם געפיהלט, נור ווען מיינע בליקען זיינען אמאָל אין פראָנט־רום פערקראָכען און געזעהען דעם צווייטען טיש מיט דער לוסטיגער, פרעהליכער יוגענד, פלעגט מיר פאר עפּעס ווערען שווער און אומעטיג אויפ׳ן הארצען און איך פלעג פיהלען ווי ארויסצושפּרינגען פון מיין טיש און אריבערגעהן אהין, אין דער יונגער וועלט.

איך בין יעצט פערציג אָהר אלט! דער קאָפּ אז שוין ניש׳קשה׳דיג גראָה, שוין א פאַטער פון א טאָכטער, וועלכע געהט אין היי־סקוהל, הייסט עס שוין אן עלטערער מענש. נור דאָס הארץ וויל פון דיעזע חשבונות ניט וויסען, עס ווילט זיך מיט דער „עלטער“ ניט אויסגלייכען. דאָס הארץ בענקט און לעכצט נאָך דער יוגענד, עס דאַכט זיך אַלץ, אפשר איז דאָס גאָר א טעות, אפשר בין איך נאָך גאָר ניט אַלט... דאָס הארץ הייסט נאָך חלום׳ען, נאָך טרוימען וועגען יוגענד.

און ווען איך האָב אזוי פון דער ווייטען אין פראָנט־רום אריינגעקוקט און האָב בעטראכט די יונגע געסט ביים טיש דאָרט, האָב איך בעמערקט א בעקאַנט געזיכט פון א יונגער פרויענצימער.

א בלאָנדינקע, אזא בעקאנטע, נאָר איך קען זיך ניט ערמאינערען וואו און ווען איך האָב זי בעגעגענט. און איך קוק און טראַכט אַלץ: וועט איז זי? אזוי בעקאַנט, אזוי בעקאַנט! ווער איז זי?

און איך בעמערק, אז אויך זי, די בלאָנדינקע, קוקט מיך אָן זעהר אויפמערקזאַם, אָט דאַכט זיך מיר, זי האָט מיך דערקאָנט... ס׳דאַכט זיך מיר, זי געפינט זיך אין א פערלעגענהייט און זי לאָזט ארונטער די אויגען, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט מורא געקראָגען פאר מיר...

און געטריבען פון נייגירינקייט פערלאָז איך דעם דייניג־רום טיש, קום אריין אין פראָנט־רום, געה צו צו דעם טיש פון די יונגע, מיט דעם צוועק נעהענטער אָנצוקוקען די בלאָנדינקע, וועלכע ס׳דאַכט זיך מיר צו זיין אזוי בעקאַנט און דאָך קען איך זיך ניט ערמאינערען ווער זי איז.

און בין איך שוין ביים טיש בעגרים איך די „אימיעניניצע“, וועלכע זיצט אויבען־אן און איז צווישען די אלע געסט ביים טיש מיין איינציגע בעקאנטע. די בעל שמחה'ניצע ענטפערט מיין בעגריסונג און רופט אויס מיין נאמען און שטעלט מיך פאר פאר די געסט ביים טיש.

און איך זעה ווי אלע ביים טיש בעטראכטען מיך אלס א פרעמדען, אלס ניט א געוואונשענעם גאסט, אלס איינעם, וועלכער בעלאנגט צום צווייטען טיש אין דיינינג־רום. עס פערדריסט מיר. א מארנע שווערקייט לייגט זיך מיר אויס אויפ'ן הארצען, איך בלייב א ווײלע שטעהן א פערלארענער. נור אט פאלען מיינע בליקען ווידער אויף דער בלאנדינקע, און איך זעה, אז זי זיצט ווי א פערלארענע, אז זי פיהלט זיך עפּעס זעהר נישט אנגענעהם און די אויגען האלט זי ארונטערגעלאזען, עפעס אזוי ווי זי וואלט מורא געהאט ארומצוקוקען זיך.

איך קוק זיך גוט אין איהר איין.

אנושא ! דאס איז דאך אנושא — דערמאן איך זיך און איך לויף צו איהר צו, און אין אן אויסברוך פון פרייד רוף איך זי אן ביים נאמען :

— אנושא ! מיר זיינען דאך חברים געווען.

איז זי זעהר בלאס געווארען.

— דערקענט איהר מיך ניט, אנושא ?

—יעס, געוויס — ענטפערט זי שטיל.

— וואס מאכט איהר ?

— אללרייט — ענטפערט אנושא אזוי קאלט, אזוי טרוקען.

און איך זעה, אז זי האט פאר זיך קיין ארט ניט, אז זי וואלט וועלען וואס שנעלער דעם געשפרעך מיט מיר ענדיגען.

איך בין אוועק פון טיש ווי אפגעגאסען מיט קאלטע וואסער.

איך האב געפיהלט, אז מיין בעגעגעניש איז פאר אנושא'ן געווען שווער און ניט אנגענעהם נור דערפאר, ווייל זי האט זיך נאך פאררעכענט אלס א יונגע, וועהרענד מיך האט זי שוין געזעהן ביים צווייטען טיש, אין דיינינג־רום צווישען די אלטע, און די ארימע האט זיך פשוט דערשראקען, אז ווען מען זאל עס חלילה דערגעהן, אז איך און זי זיינען בלויז מיט איניגע יאהר צוריק חברים געווען, וועט דאס

איהר, חלילה, נאָך דערנעהענטערען צו די דאָרט ביים צווייטען טיש אין דיינינג־רום, וואוהין איך בעלאנג שוין...

און דיעזע בעגעגעניש מיט אנושא׳ן האָט אויף מיר א שווערען איינדרוק געמאכט, און איך וואונדער זיך און איך טראַכט אלץ ביי זיך: ווי איז דאָס געשעהן? ווען איז געווען די פינקטליכע צייט, ווען צווישען מיר און אנושא׳ן איז פאָרגעקומען אזא מין צושיידונג, דאָס איהר קומט אוים צו זיצען אין פראָנט־רום ביים טיש צווישען די יונגע און מיין אָרט איז שוין געוואָרען אין דיינינג־רום צווישען די אַלטע?

א פארגעפיהל.

וואס שפיגראד האט מיר היינט דערצעהלט וועל איך קיין מאל ניט פארגעסען !

דאכט זיך אן איינפאכער אמת, אן איינפאכע גאנץ געוועהנליכע פאסירונג, דערצעהלט אזוי איינפאך, און דאך האט עס געמאכט אויף מיר אזא מין שטארקען איינדרוק.

א סימפאטישער יונגערמאן איז דער שפיגראד !

דאכט זיך, מיר קענען זיך בלויז פון דער ווייטען, מען בעגעגענט זיך אמאל אין א יובל, מען בעגריסט זיך, מען בייט זיך דורך מיט איינינע פריינדליכע ווערטער — דאס אלעס, און דאך איז ער אין מיין געדעכעניש עפעס אזוי ווי איינגעשניטען געווארען און איך זעה איהם אפט אין מיינע רעיונות א לעבעדיגען אזוי ווי ער שטעהט און געהט.

אט איז ער דער שפיגראד, אט איז ער פאר מיינע אויגען, א בחור פון א יאהר זיבען און צוואנציג, שטיל, בעשיידען, צוריקגעצויגען און אויף זיין סימפאטישען געזיכט איז אימער אזוי ווי אויסגעשפרייט עפעס אזא טיעפע, אזא אנגענעהמע און ריהרענדע מעלאנכאליע.

ער איז ניט קיין גליקליכער מאן אט דער שפיגראד, אויף אזוי פיעל וויים איך וועגען איהם.

און עלענד איז ער, אהן פריינד, אהן פערוואנדטע און פאר עפעס איז איהם אין לעבען נישט איבעריג גוט געגאנגען, און פאר וואס ער האט זיך ניט געהאט גענומען, איז איהם עפעס אימער דער שלים מזל אנטקעגען געקומען.

האט ער שוין געארבייט ביי סיגארס, געהאט א קענדי סטאר, געווען עפעס אין דזשולערי ביזנעס, האט איהם דערביי א פארטנער בעשווינדעלט, ווי ער איז ארוים, געווען אין דריי גודס ביזנעס און איז ארוים ריין ווי פון א פייער ; ער האט זיך שוין אמאל אוועקגעלאזען נאך די וועסט פרובירען זיין מזל, אפגעווען דארט עטליכע יאהר, און איז צוריק געקומען נאך ניו־יארק מיט דעם וואס ער איז אוועקגע־פאהרען.

אויף אזוי פיעל קען איך אַט דעם שפּיגראַד, אויף אַזוי פיעל ווייס איך וועגען איהם!

און ווען נור איך בעגעגען איהם און בעגרים איהם פריינדליך:

— העללאָ, מיסטער שפּיגראַד, ווי געהט עס עפּעס?

צייגט זיך אימער, אימער דער זעלבער אומעטיגער שמייכעל אויף זיין פּנים און אימער, אימער הער איך דעם זעלבען ענטפער:

— נישט אַם בעסטען. י נישט אַם בעסטען.

און אַן אַנדערש מאָל גיט ער צו טרויעריג פערטראַכט א דריק געבענדיג דערביי מיט די פּלייצעס:

— איך ווייס ווירקליך ניט וואָס דאָס איז, מענשען ארבייטען זיך ארויף אין אמעריקא, מען קומט צו עפּעס א שטיקעל תכלית, אנדערע ווערען רייך. עפּעס מיר געהט עס ניט, ס׳געהט ניט און א סוף!

איין מאָל, א ווינטער טאָג איז דאָס געווען, געה איך מיר אזוי פערטראַכטערהייט איבער׳ן גאַס. מיט אמאָל איך זעה: ער, שפּיגראַד, קומט מיר אנטקעגען... עפּעס אזא אומעטיגער, אזא פערטראַכטער, איך זעה — ער לויפט מיר באַלד פאַרביי און באַמערקט מיך ניט.

— העללאָ! מיסטער שפּיגראַד — רוף איך איהם אָפּ.

און ער איז געוואָרען אזוי צופריעדען וואָס ער האָט מיך בעגע־גענט, און מען האָט געקענט זעהן, אז דעם יונגענמאַן דריקט עטוואָס שווער אויף׳ן הארצען, אז ער האָט וואָס צו דערצעהלען, אז ער מוז אויסריידען פאַר אימיצען זיין שווער־געמיטה.

און אזוי איז דאָס טאַקע געווען.

נאָך דעם ווי איך און שפּיגראַד האָבען זיך דורכגעביטען מיט אייניגע געווייגליכע בעגריסונגס פראַזען, טהוט ער מיר פּלוצלונג א פרעג:

— גלויבט איהר אין א פאַרגעפּיהל?

מיט א וואונק און א דריק מיט די פּלייצעס האָב איך אויף שפּיג־ראַדס פראַגע אַן אונבעשטימטען ענטפער געגעבען.

— ווען איהר וואָלט נור וויסען וואָס מיט מיר האָט טאַקע היינט אָט דאָ בלויז מיט עטליכע שטונדען צוריק פּאַסירט — האָט שפּיגראַד געזאָגט צו מיר, און אויף זיין פּנים איז זיין געוועהנליכע מעלאַנכאָ־ליע געוואָרען טיעפער, שווערער, מעהר געהיימניספאָל, און זיינע אוי־גען, זיינע שמילע, גוטע אויגען זיינען מיט טרעהרען פערלאָפען.

און נאך דעם, ווי איך האב שפּיגראד׳ען מיט מיין בענעהמען זיך איבערצייגט, אז איך בין זעהר גערען איהם אויפמערקזאם אויס־צוהערען, האט ער פאר מיר גענומען זיין שוועד־הארץ אויסריידען:

„איהר הערט — האט שפּיגראד גענומען דערצעהלען — מיט א יאהר זיעבען צוריק האב איך זיך מיט א מיידעל בעקענט, אן איינפאך אידיש מיידעל, אבער אזא שטילע, אזא גוטע נשמה. אסתר האט זי געהייסען. מיך האט צו דער מיידעל זעהר געצויגען, און איך האב געזעהן, אז זי ליעבט מיך אויך זעהר גערען... גאר נישט, האבען מיר זיך אזוי ארומגעדולט עפּעס א יאהר צייט, ביז וואנען איהרע עלטערען האבען זיך אריינגעמישט, און גענומען פערלאנגען פון מיר עס זאל ווערען צווישען אונז א שידוך. איך האב געזעהן, אז אסתר איז אויך זעהר גערען מיט מיר חתונה צו האבען. איך האב די מיידעל אויך זעהר געגליכען, נור פונדעסטוועגען האב איך הייראטהען עפּעס מורא געהאט. איך האב דאן זעהר וועניג פערדיענט, דאכט זיך מיר ביי צוועלף דאלאר א וואך; נו, נעה האב חתונה, מיט אזעלכע פער־דיענסטען! האב איך מורא געקראגען, און אזוי ווי אין ניו־יארק האב איך פאר זיך ניט געזעהן קיין וועג ווי אזוי איך זאל עפּעס קענען נעהמען מעהר פארדיענען, האב איך זיך אוועקגעלאזען אין די וועסט“.

„אין די וועסט איז מיר עפּעס אויך ניט אם בעסטען געגאנגען. פונדעסטוועגען פלעג איך זיך מיט אסתר׳ען דורכשרייבען... עס איז אזוי אריבער א צייט פון א צוויי יאהר, און איך ווייס אליין ניט ווי אזוי דאס האט פאסירט — צי אסתר האט די ערשטע געסטאפּט מיר צו שרייבען, צי איך בין געווען דער ערשטער אויפצוהערען צו שריי־בען. ווי דאס זאל ניט זיין, מיר האבען זיך מעהר ניט איבערגע־שריעבען.

„אזוי האב איך זיך אין די וועסט אבגעפּלאגט נאך ביי צוויי יאהר ביז איך בין געקומען צוריק נאך ניו־יארק. איך האב עפּעס אלץ קיין גליקען אין ניו־יארק אויך ניט געמאכט. דערווייל האב איך וועגען אסתר׳ן פערלארען יעדען שפּור. איך האב גאר ניט געוואוסט וואוהין זי איז אהינגעקומען. מילא, האב איך וועגען איהר גענומען בישלאכוויז פערגעסען.

„נו, איהר ווייסט דאך, ווען מען איז א יונגערמאן, בענעגענט מען זיך מיט מיידלאך, האט דאס ביי מיר עטליכע מאל שוין געהאלטען

ביי א שידוך, אָבער הויבט זיך אָן מיט די מיידלאך אין ניו־יאָרק, גלייך פרעגט מען: „האו מאטש?“ וויפיעל פערדיענסטו? און איך האָב געזעהן, אז ביי די אלע דאָזיגע מיידלאך שפּיעל איך אליין עפּעס גאָר קיין ראָלע נים, דערהויפּט האָט מען אין זינען מיינע פערדיענסטען, און עס פלעגט מיר פון די אלע מיידלאך אָפּעקלען, און וואָס מעהר מיידלאך איך האָב דערקענט, אלץ מעהר האָט מיך אָנגעכאַפּט א ביינקען נאָך אסתר׳ן.

„אָט די אסתר האָט מיר גאָר קיין מאָל נים געפרעגט וויפיעל איך פערדיען. פערקעהרט, ווען איך פלעג איהר אַן אַנדערש מאָל געבען צו פערשטעהן, אז מיט מיינע פרנסות האָט מען נים קיין רעכט צו פערפיהרען זיך אויף א פערהייראַטען לעבען, געדענק איך, פלעגט זי ווערען פערלאָרען און פערשעהמט און זי פלעגט צו מיר זאָגען:

„און מיר איז אלץ איינס, ווען איך ליעב, וויל איך נים האָבען קיין חשבונות. וויפיעל גאָט גים, אזוי פיעל איז גענוג.“

„ערשט יעצט איז אסתר מיר טהייערער און טהייערער געוואָרען, און וואָס מעהר מיידלעך איך האָב בעגעגענט האָט זיך מיר מעהר אין הארצען איינגעגעסען דער ביינקען נאָך איהר.

„איך בין געווען זיכער ביי זיך, אז ווען איך זאָל זי פּרובירען א גוטען זוך טהאָן, וועל איך זי געפינען און ווען איך וועל זי יע אויסגעפינען, וועל איך זי טרעפען נים פערהייראַט. איך האָב געוואוסט, אז זי האָט מיך זעהר געליעבט און איך בין געווען זיכער, אז זי וואַרט אויף מיר.

„עפּעס אויף א קורצער צייט האָט מיר אין ניו־יאָרק דער מזל א שפּיעל געטהאָן. איך האָב פיין פערדיענט, געהאַט זעהר גוטע „פּראָספּעקטס“ און דאָס איז טאַקע געווען יענע צייט, ווען אזוי פיעל מיידלאך האָבען זיך צו מיר גע׳שדכנ׳ט. האָט זיך דאָס רעדעל מיינע אָבער באלד איבערגעדרעהט... און איך בין שוין ווידער געווען אויף צרות. האָב איך גענומען אלץ שטאַרקער און שטאַרקער ביינקען נאָך אסתר׳ן. פון דעסטוועגען האָב איך זי אויסזוכען נים געוואָלט. איך האָב אלץ געררעכענט מיט וואָס פאַר א פּנים וועל איך צו איהר קומען? אויסגעווען א וועלט, אזוי פיעל יאָהרען נים געצייגט זיך... און קום צוריק טאַקע מיט די זעלבע צוועלף דאָלאַר א וואָך, האָב איך זיך פּשוט געשעהמט. דערווייל איז אריבער נאָך א יאָהר, נאָך א יאָהר. ס׳האָט

מיר דערעסען אזא לעבען. אייביג עלענד, שטענדיג אין דער פרעמד, ווייטער א לאָזשי און ווידער א לאָזשי. ס'האָט זיך עפּעס אזוי צו־גענעסען, אז דער לעבען איז געוואָרען פּשוט ניט ניחה. און עס האָט זיך אלץ שטאַרקער און שטאַרקער גענומען בייגקען נאָך אסתר'ן. נאָך אלעמען האָב איך דאָך געוואוסט, אז אָט די אסתר'קע האָט מיך טאַקע באמת געליעבט, און איך האָב געהאָפּט, אז ווען נאָר איך זאָל ניט קומען צוריק צו איהר, וועט זי מיר נאָר ניט פרעגען קיין קשיות וועגען מיינע פּרנסות, האָב איך די לעצטע צייטען אָבגעמאַכט ביי זיך איין מאָל פאַר אלע מאָל אויסצוגעפינען איהר און מיט איהר חתונה האָבען.

„היינט האָט דאָס פּאַסירט... פאָהר איך אזוי מיט'ן טריין, און די גאַנצע צייט וואָס איך פאָהר, שטעהט מיר אסתר פאַר די אויגען... און די הארץ האָט זיך מיר עפּעס אזוי צואוועהטאָגט, איך האָב שוין לאַנג אזוי וועהטאָג ניט געפיהלט. שטיינער האָבען זיך מיר עפּעס ווי אויסגעלייגט אויפ'ן הארצען, אזעלכע שווערע שטיינער. מיר האָט זיך געדוכט עפּעס אזוי ווי די גאַנצע וועלט געהט פאַר מיר אונטער... און נאָר וויינען האָט זיך מיר געוואָלט... אין האַלז האָבען מיר די טרעהרען געשטיקט... און איך האָב אליין עפּעס ניט געקענט פערשטעהן וואָס דאָ טהוט זיך מיט מיר.

„איך בין געפאָהרען אין די בראָנקס און איך האָב בעדאַרפט ארונטערגעהן אין וועגדאָווער עווענוי... האָב איך זיך פערטראַכט און בין פערפאָהרען צוויי סטיישאָנס ווייטער.

„טרימאָנט עווענוי!" האָט דער קאָנדוקטאָר א געשריי געטהאָן, און מיר האָט עפּעס אזא שווערער פאָרגעפיהל א קלאַפּ געטהאָן אי־בער'ן הארצען.

„איך קום ארויס אויף דער פּלאַטפאָרמע, ווי עס קומט מיר אנט־קעגען א יונגע פרוי מיט צוויי קינדערלאַך: א בייבעלע אויף די הענד און א קליין מיידעלע האַלט זיך איהר אָן אָן דרעס.

„אסתר! — איך האָב דערקענט אסתר'ן!

„אזוי בלאַס, אזוי פערארימט און אזוי דערשלאָגען האָט זי אויס־געזעהן, און די קינדערלעך אזוינע בלאַסינקע, אויסגעדאַרטע....

„זי האָט מיך גלייך דערקענט און א ווייל האָבען מיר ניט גע־

קענט רעדען, וויילביידע גלייך האבען מיר מיט טרעהרען געשטיקט זיך.

„געהייראטה האט זי ניט מיט איהר פרייען ווילען. טאטע און מאמע און גוטע פריינד האבען זיך אריינגעמישט. לעבט זעהר אן ארימען לעבען. איהר מאן פערדיענט נאך ווייניגער פון מיר און לויט איהר רעדען האב איך געזעהן, אז זי האט מיך קיין מאל ניט פערגעסען, אז זי האט מיך נאך יעצט אויך ליעב.

„אט האט איהר וואס מען זאגט א פארגעפיהל“ — האט שפיגראד געענדיגט זיין ערצעהלונג.

און א שווערער, טיעפער טרויער איז געלעגען אויסגעשפרייט איבער זיין אימער מעלאנכאלישען אבער דאך גוטמוטהיגען פריינדליכען פנים און אין זיינע אויגען האבען טרעהרען געפינקעלט.

* * *

און וואס שפיגראד האט מיר היינט דערצעהלט, דאכט זיך מיר, וועל איך קיין מאל ניט פערגעסען . . .

די אויסנאַהמע.

דעם מאָל איז אַן אויסנאַהמע געווען . . .

דעם מאָל איז ישראל זלמן ניט ברוגז געוואָרען, און ביילקע זיין ווייב האָט ניט געהאַט קיין אורזאַכע פאַר וואָס איהר מאַן צו בעליידיגען. און אנשטאַט זיטצען ביים טיש פער'ברוגז'ט און אָנגעבלאָזען, האָבען זיי גאָר געשמייכעלט איינער צום צווייטען, און ביידענס פּנים'ער האָבען געשטראַהלט עפּעס אַזוי ווי די שכינה וואָלט אויף זיי ביידען גלייך גערוהט.

זאָגען אַז ישראל זלמן איז אַ זולל-וסובא, וואָלט געהייסען פּראָסט גענומען און אויסגעטראַכט אַ בלבול אויף אַ אידען. ער איז פּשוט אַ האָרעפּאַסנער איד, אַ מאַן, וועלכער זיצט אָפּ אַ גאַנצען טאָג אין שאָפּ ביי דער נעה-מאַשין, און ווען ער קומט אַהיים פון דער אַרבייט, וויל ער עסען, און ווען ער עסט שוין יע, וויל ער, אַז עס זאָל זיין וואָס צו עסען, און אַז דער עסען זאָל האָבען אַ טעם. דאָס איז אַלעס וואָס ישראל זלמן פערלאַנגט.

מען קען ניט זאָגען, אַז ביילקע ישראל זלמן'ס ווייב הויבט ניט אָן צו ווּיסען ווי אַזוי אָפּצוקאָכען אַ אַנשטענדיגען סאַפּער. אַזאַ בעהויפּטונג וואָלט איינפאַך געהייסען — גענומען און רכילות געזאָגט אויף אַ גוטער אידישער פרוי, און ווי קען גאָר אַזאַ זאַך געזאָגט ווערען וועגען ביילען, וועלכע איז שוין אַ פרוי נאָהענט פון פערציג יאָהר. שוין צוואַנציג יאָהר נאָך דער חתונה, און די גאַנצע צוואַנציג יאָהר טאָג איין טאָג אויס געשטאַנען אין קיך ביים אויווען און געקעכילט דיננערס און סאַפּערס, איז דאָך ניט שייך צו זאָגען, אַז ביילע קען ניט קאָכען. נאָר וואָס דען ? עס פּאַסירט אַמאָל, אַז ביילע, אָדער זי פערגעסט זיך, אָדער זי פערפּוילט זיך, און זי דערלאַנגט צום טיש פאַר סאַפּער אנשטאַט געריכטען, מכות שונאי ציון. אָדער עס טרעפט ביי איהר, אַז דער בראַטען כאַפּט אַזוי אַ געזונטען ברען, די פּאַטייטעס דערקאָכען זיך ניט און זייגען האַרט ווי די שטיינדלעך, אָדער די סופּ קאָכט

זיך אויס, און א מינוט פאר׳ן עסען סאפּער פיקסטביילע דעם „דעפּיציט“ אין דעם סוף מיט א גלאָז וואסער. וואָס אמת איז אמת: אזעלכע סיבות פאסירען יע אמאָל מיט ביילען.

און ווען מיט ביילע׳ס סאפּער פאסירט איינע פון איהרע סיבות, קען מען ניט זאָגען, אז ישראל זלמן, איהר מאַן, איז פון דעם שטאַרק בעגייסטערט. ער ווערט חלילה ניט בייז, מאכט ניט קיין סקאנדאַלען; נאָר ברוגז ווערט ער, זיצט ביים טיש אן אַנגעבלאָזענער, רעדט ניט אויס קיין וואָרט צו ביילקען, וועלכע ער האָט נאָך אַלעמען ליעב ווי דאָס לעבען.

טראָץ דעם וואָס ישראל זלמן שווייגט און דריקט ניט אויס זיין שוועך, פערביטערט הארץ מיט קיין איין איינציג וואָרט, פערשטעהט אָבער ביילע זעהר גוט, איהר מאַנ׳ס שווערען געמיטה, אויך שטויסט זי זיך אָן, ווארום דעם מאַן איהרען, איז אזוי די וועלט ניט ניחה, און עס פערהרדיסט ביילען ווארום איהר ישראל זלמן איז אזא מין קליינ־ליכער מענשעלע, וועלכער קען אויף א ווייב ברוגז ווערען איבער דער אכילה. אזא מין ברוגז ווערען פון א מאַן, קומט אויס ביי ביילען אלס א זעהר נידריגע האנדלונג. ווייטער פערדריסט איהר טאקע, ווארום איהר מאַן שפּיעלט עפּעס די ראָלע פון א גאנצען פּריץ, וועהרענד אויף איהר קוקט ער עפּעס ווי אויף א דיענסט, וועלכע איז מחויב צו „קאווירען“ איהם מיט׳ן עסען, און ביילע פיהלט זיך בעליידיגט, און אויך זי, בלייבט זיטצען ביים טיש א שווייגענדע און אן אַנגעבלאָ־זענע.

גלייך נאָך סאפּער געהט אַוועק ישראל זלמן אין בעט אריין, און שפּעטער א ווייל, נאָכדעם ווי ביילע ראמט אויף פון טיש, וואשט אויס די געשיער און געהט אויך אריין אין בעט און לעגט זיך שלאָפען ביים זייט פון איהר מאַן, רוקט זיך אָפּ פון איהר ישראל זלמן, כדי צו מאַכען איהר פערשטעהן, אז ער איז נאָך אַלץ ברוגז אויף איהר — א שטומער און דאָך שרייענדער פּראָטעסט!

אזוי קומט דאָס פּאָר צווישען ישראל זלמנ׳ען און ביילען אימער, ווען עס פאסירט נאָר איינע פון ביילע׳ס סיבות מיט׳ן סאפּער. נאָר היינטיגס מאָל איז געווען אן אויסנאַהמע.

דער בראטען איז צו׳שרפה׳עט געוואָרען. די סוף איז געווען היי־

לע וואסער, און דאך האט זיך ישראל זלמן געפיהלט אזוי אויפגעלעגט, אזוי גוט, אזוי צופריעדען ביים סאפער עסען.

עס איז אזוי געווען :

מיט א נאכט פריהער זיינען ישראל זלמן און ביילע אין א טהעא־טער געווען, און אין דאס אויפגעפיהרטע שטיק, וועלכע זיי האבען בייגעוואהנט איז פארגעקומען א סצענע, ווי אזוי דער ליעבהאבער האט זיך זיין געליעבטער אין אייביגער ליעבע ערקלעהרט.

אלזא, ווען קען מאן און ווייב דורכרעדען זיך וועגען א געזעהענע טהעאטער שטיק ? ווען מען געהט פון טהעאטער איז שוין שפעט, מען פיהלט זיך מיעד און פערמאטערט, און עס ווילט זיך שלאפען. ווען מען לעגט זיך אין בעט, איז דאך שוין געווים שפעט — שלאפט מען גלייך איין. און אין פריהמארגען לויפט דאך אוועק דער מאן צו דער ארבייט. ווען זשע רעדט מען ? אויף מארגען, ווען דער מאן קומט פון שאפ, הויבט זיך ערשט אן א רעדענעש וועגען דאס טהעאטער־שטיק, וועלכעס מען האט נעכטען אין טהעאטער געזעהן.

און ווי נאר ישראל זלמן איז פון שאפ געקומען, און איז אריין אין דיינינג־רום און האט זיך גענומען אביסעל איבערטהאן, איז ביילע גלייך ארויסגעקומען פון קיטשען, וואו זי איז זעהר ביזי געווען ביי איהר סאפער, און איז אויך אריין אין דיינינג־רום, און גלייך פער־פיהרט מיט איהר מאן א לעבהאפטען שמועס, וועגען דעם, וואס זיי האבען ביידע די פאריגע נאכט אין טהעאטער געזעהען.

ישראל זלמן האט שוין געוואלט זאגען צו זיין פרוי, אז זי זאל אויפהערען צו רעדען און געהן צוריק אין קיטשען צום סאפער, ווען ביילען פאלט איין א זאג צו טהאן :

— ישראל זלמן, האסט געזעהען ווי אזוי די אקטיארען ערקלעה־רען זיך אין ליעבע, עפעס אזוי מאדנע ?

— וואס הייסט מאדנע ? — פרעגט ישראל זלמן.

— האסט געזעהען — מאכט ביילע — עפעס געהט ער אלץ צו צו איהר פון הינטען ארום, און די גאנצע צייט, וואס ער האט זיך ער־קלעהרט אין זיין ליעבע, איז ער אלץ געשטאנען פון הינטער איהר. האסט געזעהען אמאל ?

— נו, וואס איז ניט אלץ איינס ? — לאכט זיך אויס ישראל זלמן

פון דעם גאנצען ענין — וואס איז די נפקא מינה, ווי אזוי, אבי ער האט געזאגט וואס ער האט דארט בעדארפט זאגען.

— אבער א מאן זאל גאר שטעהן פון הינטען — וואונדערט זיך אלץביילע — מיר דאכט זיך, ווען מיר האבען זיך ערקלעהרט אין ליעבע, ביזטו ניט געשטאנען הינטער מיר, ווי מיינסטו?

איז גראדע געפעהלען געווארען ישראל זלמנ׳ען, וואס די ווייב זיינע האט איהם דא געזאגט, און א קאקעטישער שמייכעל האט זיך צושפרייט אויף זיין פערהארעוועטען פנים, און ער פרעגט זיין ווייב:

— דו געדענקסט דען, ביילקע, ווען מיר האבען זיך אין ליעבע ערקלעהרט?

— האסט שוין פערגעסען מיין לאזשי אויף מאנראע סטריט? — פרעגט ביילקע פון איהר זייט, און ווארפט אויף איהר מאן א גנבה׳־שען, פיעל־בעדייטענדען בליק — האסט פערגעסען די שמאלע, גרינע כאלופקע, אויף מאנראע סטריט?

אויף מאנראע סטריט גאר? — ענטפערט ישראל זלמן — דאס איז דאך גאר געווען אין טשעררי סטריט.

— משוגענער! — שלאגט איבער ביילע איהר מאן — דו משוגע־נער, אויף טשעררי סטריט איז דאך שוין געוועזן נאך אלעמען.

— נאך אלעמען? — מאכט זיך ישראל זלמן אזוי ווי ער וואלט גאר ניט פערשטאנען וואס זיין ווייב מיינט מיט איהרע ווערטער — וואס הייסט: נאך אלעמען?

— און אויף ביילקעס פנים צינדען זיך פלוצלונג אן פלאמענדע רויטע קווייטען, און איהרע שווארצע אויגען שיינען אויף ווי צוויי בלישצענדע שווארצע בריליאנטען, און זי קוקט איהר מאן מיט א שטיעפערישען פיעלבעדייטענדען פארוואורף, און זי נעהמט צו איהם צו און דוקט איהם אראפ די העטקע איבער די אויגען, און רעדט ליעבליך, קאקעטיש:

— דו גראבער יונג, האסט פערגעסען טשעררי סטריט?

— איך געדענק, איך געדענק — קוקט אן ישראל זלמן זיין ווייב, און עס דאכט זיך איהם, אז זיין ביילע איז גאר אינגער און שעהנער

געוואָרען, און עס ציהט זיין האַרץ מיט ליעבע צו זיין אויפגעלעבטער פרוי, און ער זעצט זיך אַוועק אין ראָקינג טשער און נעהמט זי צו זיך אויף די קניע, און קושענדיג איהר אין די אויגען און אין פּנים, רעדט ער מיט ליעבע:

— איך געדענק,ביילינקע, איך געדענק אַלעס, איך געדענק וואָס עס איז געוועזען אויף מאַנראָע סטריט. איך געדענק וואָס עס איז געוועזען אין דער שעהנער רומקעלע אויף טשעררי סטריט... איך געדענק שוין אַלעס...

— נו, ביזטו אויך געשטאַנען פון הינטער מיר, ווען דו האָסט מיר געזאָגט צום ערשטען מאָל, אַז דו האָסט מיך ליעב? — פרעגט ביילקע, און זי פיהלט זיך גאַנץ בעקוועם ביי איהר מאַן אויף די קניע.

— אַט אַזוי ווי יעצט — ענטפערט ישראל זלמן — אַט אַזוי ווי יעצט האָב איך דיך גענומען צו זיך, אויף די קניע, אַרומגענומען דיר, געקושט דיר און געזאָגט דיר:

— „ביילינקע, איך האָב דיר ליעב!"

און דו נאַרישע האָסט גענומען דאַן וויינען... געדענקסט?

— שור געדענק איך — ענטפערט ביילע, — געוויס געדענק איך.

— און איך האָב דיר געבעטען, אַז דו זאָלסט אויפהערען וויינען — רעדט ישראל זלמן פערטרויערט, — האָסט מיך געפאָלגט. נאָכהער האָב איך דיר געזאָגט:

— „ביילקע, גיב מיר אַ קוש". האָסטו מיך טאַקע ווייטער געפאָלגט, געדענקסט?

— איך געדענק — ענטפערט ביילקע פערטראַכט — איך געדענק.

— טאָ פאָלג זשע מיר יעצט אויך, און גיב מיר אַ קוש — מאַכט ישראל זלמן אין צערטעלט, און קושט זיין פרוי.

— איך וויל ניט — רייצט זיך ביילע מיט איהר מאַן.

— יעס, יעס — רעדט ישראל זלמן מיט ליעבע.

און ביילקע גיט אַ קוש איהר מאַן.....

און פּלוצלונג שפּרינגט זי אויף מיט אַ ווילדען אויסגעשריי . . .

— אוי!

— וואָס איז? — שפּרינגט אויך אויף ישראל זלמן.

— דער סאַפּער — לויפט ביילע ווי אַ משוגענע אין קיטשען אַריין....

און ישראל זלמן האָט צו סאַפּער געהאַט אַ צועבראָכענעם בראָ־
טען. די סוף איז געווען ריינע וואַסער. דאָך האָט ער געגעסען מיט
אַפּעטיט. און, אנשטאַט ברוגז צו ווערען אויף זיין פרוי, האָט ער
גאָר די גאַנצע צייט פון זיצען ביים טיש, ביים סאַפּער, אַנגעקוקט
זיין ווייב מיט צערטליכקייט און ליעבע, און די נאַכט איז ישראל
זלמן ניט געגאַנגען שלאָפען אַ ברוגז'דיגער. ניט אַכטענדיג אויף דעם,
וואָס דער סאַפּער איז געווען אַזאַ ניט געראָטענער.

מיסטער באלאָטינ׳ס בייבי.

וואָס באלאָטין האָט געטהאָן מיט דער בייבי ווייסט קיינער ניט, קיינער ניט.

מאנכע פערזיכערען, אז ער האָט דאָס „עופה׳לע“ אָפּגעגעבען צום האָדעווען עפּעס צו א פעראָרימטע פאַמיליע און ער צאָהלט פאַר דעם וועכענטליך.

די וואָס זאָגען אזוי, ציהען זייערע שליסע פון דעם פאַקט, דאָס זינד יענעם טאָג, ווען באלאָטין האָט אויף א געהיימניספאָלען אופן בעפרייט זיך פון דער בייבי, לעבט ער פיעל עקאָנאָמישער און איז מעהר אין א דאָלאר אויסגערעכענט ווי דאָס איז געוועזען מיט איהם דער פאַל אירגענד ווען בעפאָר.

אנדערע פערזיכערען, אז ער האָט דאָס קינד אָבגעגעבען אויף אייביג עפּעס אין א געוויסען שטאָדטישען קינדער־אנשטאַלט. עס זיינען דאָ אויך אזעלכע בייזע צינגער, וועלכע מורמלען אונטער, אז דער מיסטער באלאָטין האָט אָבגעגעבען דאָס אָרעם בייבעלע עפּעס ערגעץ וואו אויף א זעהר פערדעכטיגען בייבי־פאַרם... נור אָט די אַלע ריידערייען זיינען ניט מעהר ווי ניט בעשטימטע סברות — גלאַט מענשען האָבען ניט וואָס צו טהאָן, ריידען זיי, אָבער אויף געוויס וואָס מיט באלאָטינ׳ס בייבי איז געוואָרען ווייסט טאַקע קיינער ניט.

וואָס אנבעלאַנגט דעם מיסטער באלאָטין זעלבסט, קען מען ביי איהם פאַר קיין פאַל ניט פועל זיין, ער זאָל איין איינציג וואָרט פון זיין מויל ארויסלאָזען וועגען דעם, וואו עס איז פערשוואונדען געוואָרען זיין בייבעלע.

אזוי איז זיך דער באלאָטין א גאַנץ בערעדעוודיגער יונגער מאַנטשיק. צו יעדער צייט און צו יעדען מינוט, איז ער גאַנץ גערן אין א געשפּרעך אריינגעהן, אָבער ווי נור ער דערשפּירט, אז אימיצער וויל דערגעהן פון איהם עטוואָס וועגען דעם פאַל מיט דער בייבי, ווערט ער מאָמענטאַל פערענדערט. זיין פּנים באַדעקט זיך מיט א שווערען וואָלקען, דער מויל ווערט איהם אזוי ווי מיט א שלאָס צוגעשלאָסען.

און שוין! און באַלאַטין ווערט פערשטומט ווי א פיש אין וואַ־
סער. און קיינער, קיינער ווייסט ניט אויף געוויס, וואו עס איז
אהינגעקומען און וואָס עס איז געוואָרען פון באַלאַטינ׳ס בייבי.

* * *

באַלאַטין איז אַן עלטערער בחור, שטאַרק סוטולעוואַט, דאַר,
קליין געוויקסיג, כמעט א קאַרליק און האָט נאָך צו דעם זעהר א
מיאוסען פּנים. וועלכער רעדט זעהר שטאַרק צו גונסטען דער טהעאָריע,
אַז דער שטאָלצער, שעהנער ר׳ מענש שטאַמט אָפּ פון אַן איינפּאַכע
אַפּע.

מחמת זיין ניט געראַטענעם פּנים און איבערהויפּט איבער זיין
זעהר קליינעם געוויקס איז דער אָרימער באַלאַטין ביי פרויען זעהר
א קנאַפּער מיוחס; מען דערצעהלט וועגען איהם, אַז אפילו גאַסען־
פרויען, וועלכע שלעפּען פאַר די פּאָלעס יעדען מאַן, וועלכער עס
טרעפט זיך נור אָן אין זייער וועג, קעהרען זיך אָפּ מיט פעראַכטונג
ווען עס קומט זיי אנטקעגען דער אָרעמער, קערפּערליך בעליידיגטער
באַלאַטין.

באַלאַטין, פערקעהרט, האָט די זעלבע פרויען, וועלכע האָבען
איהם נעבעך אזוי איגנאָרירט, ליעב געהאַט, פיעל מעהר ווי זיין
גאַנצען לעבען. עס האָט זיך געדאַכט אזוי ווי די נאַטור, וועלכע האָט
איהם אזוי בעליידיגט אין בעצוג צו זיין קערפּער און גע־
בראַכט צו דעם, אַז פרויען זאָלען איהם דערפאַר אזוי אויסוואַכען,
האָט נאָך צו דעם איבער דעם אָרעמען נפש עפּעס אזוי ווי א בייזען
שפּאַס געמאַכט און האָט אין זיין נישט איינגעגעבענעם, פון פרויען
פערהאַסטען קערפּער אריינגעגעבען א נשמה, וועלכע עס האָט גע־
ברענט פון א שטענדיגען גיהנום־פייער, אָנגעצונדען פון א בראַנד־
גליהענדער ליידענשאַפט צו פרויען.

און איהר קענט זיך שוין פאָרשטעלען, וואָס פאַר א מין אָפּ־
קומעניש דיעזען אָרעמען מענשעלע׳ס לעבען איז געוועזן.

און עס האָט איינמאָל פּאַסירט, אַז דעם אָרעמען באַלאַטין האָט
זיך איינגעגעבען צוציהען צו זיך די פריינדשאַפט פון איינער א
פריילין, א געוויסע ראָזעטאַ לעווין.

און די דאָזיגע ראָזעטאַ איז גראָדע געווען נישט קיין מיאוסע מיידעל — אַ ברונעטקע, מיט אַ פּאָאַר שעהנע שוואַרצע אויגען, זעהר בע'חן'ט. די מיידעל איז אַלט געווען אַ יאָהר דריי און צוואַנציג, נור אַזוי ווי זי איז געווען צאַרט געבויט און נישט קיין געוויקסיגע האָט זי אויסגעקוקט נאָך אינגער פון איהרע ריכטיגע יאָהרען.

באַלאַטינ'ען מיט זיין פריינדין האָט מען אָנגעהויבען באַגעגענען זעהר אָפט צוזאַמען, און טראָץ דעם, וואָס דער אַלטער בחור האָט פאַר קיינעם ניט פאַרגעשטעלט די מיידעל אַלס זיין כלה, האָט מען דאָך געגומען אונטערמורמלען, אַז צווישען די צוויי האָט זיך אַ ליעבע פערפיהרט.

עס איז נאַטירליך יעדען איינעם געווען אַ בייז־וואונדער, וואָס אַזאַ שעהן יונג מיידעל, וועלכע עס קען קריגען געגוג חתנים, פיהרט זיך ארום מיט אַזאַ ניט געראָטענעם אַלטען בחור. מען האָט זיי אָבער דאָך געזעהן כמעט אימער צוזאַמען און די, וועלכע האָבען זיך געוואונדערט, זיינען געבליבען ביי זייער וואונדערען זיך.

מען האָט געוואוסט, אַז מיט אַ גאַנץ קורצער צייט בעפאָר די דאָזיגע ראָזעטאַ לעווין האָט אָנגעהויבען ארומגעהן מיט באַלאַטינ'ען, איז די מיידעל „אויסגעגאַנגען" עפּעס מיט אַ הויכען, שעהנעם יונג... נור דער דאָזיגער יונג איז עפּעס פּלוצלונג ווי אין דר'ערד אריין און דאַן האָט מען דערזעהן די זעלבע ראָזעטען צוזאַמען מיט באַלאַטינען.

האָט דער עולם אויסגעדריקט פערשיעדענע, פערשיעדענע סברות; אַנדערע האָבען געוואָלט האָבען, אַז דאָס טהוט די מיידעל פאַר גרוים פערצווייפלונג . . . אַזוי ווי איינער האָט זי אוועקגע־וואָרפען, האָט זי פאַר צרות שוין ניט געבראַקירט אפילו מיט אַזאַ פערזעהעניש ווי דער באַלטין איז געווען.

אַנדערע האָבען געדיינקט, אַז די ברונעטקע טהוט עס אָפּ אַזאַ מין צו'להכעיס איהר פריהערדיגען געליעבטען... אָט זאָל ער ווי־סען אויף וועמען זי, ראָזעטע, האָט איהם פערביטען און זאָל ער פון דעם פעהדרוס האָבען.

מאַנכע האָבען אונטערגעמורמעלט, אַז דער באַלאַטין האָט איבער דער מיידעל עפּעס אַ כשוף אָפּגעטהאָן.

עס האָבען זיך אויך געפונען לצים, וועלכע האָבען געזאָגט, אַז דער אַלטער בחור האַלט דאָס די ברונעטקע ביי זיך אויף אַזאַ מין

דזשאב, ער צאָהלט דער מיידעל רעגעלע װעכענטליכע װיידזשעס פאַר ארומגעהן מיט איהם צוזאַמען און צייגען זיך צווישען לייטען א בעשטימטע צאָהל שטונדען אין טאָג, כדי צו שטעכען דעם עולם די אויגען און מאַכען די וועלט צו גלויבען, אז אין איהם האָט זיך האָך א מיידעל פערליעבט און צו דעם נאָך א גאַנץ שעהן מיידעל, האָ־פענדיג אפשר וועלען זיך אויך אנדערע מיידלעך פון דער ברונעטקע א גוטען ביישפּיעל אראָפּנעהמען און פאַלגליך וועלען זיי מיט איהם נעהמען אביסעל זיך מעהר אינטערעסירען. אָבער דאָס זיינען טאַקע ניט מעהר ווי סברות געווען.

אויף געוויס קען מען ביי באלאָטינען גאָר נישט דערוויסען זיך... דערט מען וועגען דער מיידעל, גיט ער ניט קיין קלאָרען ענטפער, באַטש קוילע איהם.

— ווער איז דאָס דאָזיגע מיידעל? — פרעגען איהם נייגעריגע.

— א מיידעל — ענטפערט באלאָטין.

— א כלה?

שוויינט באלאָטין.

— נו, זאָל זיין מיט מזל! — ווינשוועט מען דעם אלטען בחור. שוויינט ער טאַקע ווייטער.

— און ווען וועט מיט מזל חתונה זיין? — פרעגט מען דעם אלטען בחור.

— איך וועל אייך לאָזען וויסען — ענטפערט באלאָטין.

האָט זיך דער נייגעריגער עולם געוואונדערט און אונגעדולדיג געוואַרט מיט וואָס דאָ וועט זיך ענדיגען צווישען באלאָטינען און זיין מיידעל.

און פּלוצלונג האָט מען באלאָטינען ווייטער דערזעהן איינעם אליין, אָהן דער ברונעטקע זיינער, איינעם אליין, אן אומעדיגען, א פער׳חושך׳טען, א פערעלענדטען, א פערשטילטען.

די מיידעל בעגעגענט מען אויך, אָבער ניט מיט באלאָטינען... אליין געהט זי ארום... אויך ווי דערשלאָגען, עפּעס אויך אזוי פעראומערט.

— באלאָטין, — פרעגט מען דעם אלטען בחור — וואָס איז דאָס געוואָרען צווישען דיר און דער ברונעטקע?

בעציהט זיך דעם אלטען בחור'ס פּנים מיט א שווערען וואָלקען און ער שווייגט און ענטפערט גאָר נישט.

— שוין אוים ביי אייך? — פרעגט מען איהם ווייטער.

באלאָטין ענטפערט א וואָרט ניט.

— וואָס איז דער מעהר? צוקריגט זיך? — ציהט מען דעם פעראומערטען אַלטען בחור פאַר'ן צונג.

באלאָטין איז שטום ווי א פיש.

— ווער האָט וועמען אוועקגעוואָרפען? — פּרובירט מען זיך רייצען מיט באלאָטינען... טהוט ער א מאַך מיט'ן האַנד און טראָגט זיך אָפּ א פערשטילטער, א פערשטומטער.

און אין די גאַסען האָבען זיך גענומען ארומטראָגען קלאַנגען, אז מיט דער מיידעל, וועלכע איז א צייט צוזאַמען מיט באלאָטינען ארומגעגאַנגען, איז עפּעס ניט זעהר שעהן: מענשען האָבען גענומען באַמערקען, אז די מיידעל ווערט עפּעס פון וואָך צו וואָך פערדעכטיג דיקער אין טאַליע.

און ווען מען האָט דיזע קלאַנגען וועגען דער ברונעטקע דער־צעהלט באלאָטינען, האָט זיך דעם אלטען בחור'ס פּנים פערענדערט און איז ווי מיט ערד אויסגעמישט געוואָרען... מען האָט געקענט זעהן, אז דער מאַן ליידעט דורך גיהנום יסורים...

און פּלוצלונג איז ער אויפגעשפּרונגען, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט און אויפגערעגט אויסגעשריען:

— אהא! יעצט פערשטעה איך, יעצט פערשטעה איך אַלעס...

— וואָס אזוינס פערשטעהט איהר, באלאָטין? — פרעגט מען איהם.

— גאָר נישט, גאָר נישט... האָט אָבער באלאָטין זעהר נישט קיין דייטליכען ענטפער געגעבען.

און פאַר זיך רעדט ער אַליין:

— יעצט פערשטעה איך. יעצט פערשטעה איך, א קלאָג צו איהר...

און עס האָט טאַקע אויסגעקוקט נאָך זיין פּנים נאָך, אז ער האָט עפּעס בעגריפען, האָט עפּעס פערשטאַנען... וואָס עס איז פאַר איהם געווען א שווערע רעטעניש ביז עס איז צו איהם דער־גאַנגען די בשורה וועגען די מיאוס'ע קלאַנגען וועגען ראָזעטען.

האָבען זיך געפונען גוטע מענשען און געקומען צו באַלאַטינ'ען און געגעבען איהם אָנצוהערעניש, ער זאָל וויסען זיין, אז דער עולם דענקט, אז טאַקע ער זעלבסט איז דער יעניגער, וועלכער איז שולדיג אין זיין ברונעטקעס אונגליק.

און דאָ איז עטוואָס אונבעגרייפליכעס געשעהן. דער אלטער בחור האָט גאָר ניט געפּרובירט דעם אויסגעדריקטען פערדאכט פון זיך אָבצולייקענען. פערקעהרט, דערהערט אזא מין ניט שעהנע מיינונג וועגען זיך, האָט זיין פּנים אויפגעלויכטען, עפּעס אזוי ווי מען וואָלט איהם דערצעהלט, אז ער האָט אָפּגעטהאָן א גרויסע העלדענטהאַט, און דער עולם זעהט בעשיינפּערליך, אז דער באַלאַטין האָט גאָר גרויס נחת פון דעם, וואָס ער האָט זיך דערוואוסט, אז מען מורמעלט וועגען איהם אזוי מיאוס. עס האָט עפּעס ארויסגעקוקט, ווי ער וואָלט גאָר דערפיהלט זיך זעהר שטאָלץ איבער דער בעשולדיגונג, וועלכע מען ווארפט אויף איהם ארויף...

— איז דאָס אמת, באַלאַטין, וואָס מען דענקט? — פרעגט מען איהם.

שמייכעלט ער און שווייגט.

— באַלאַטין, עס איז דאָך א מיאוס'ע מעשה — קוקט מען איהם אָן מיט פאָרוואורף.

עס אַרט איהם ווי די וואַנד.

— זי שווייגערט דאָך — רעדט מען צו איהם דייטליכער.

— נו, שווייגערט זי — ענטפערט באַלאַטין.

— מען זאָגט דאָך, אז פון דיר.

שווייגט באַלאַטין און לייקענט זיך ניט.

— וואָרום־זשע, שעהנער מענש, הייראטסטו מיט איהר ניט?

ענטפערט באַלאַטין ניט, נור מען זעהט טאַקע ווייטער, אז ער האָט פערגעניגען, אז ער פיהלט זיך מעשה העלד איבער דעם, וואָס מען בעשולדיגט איהם אין אזא מין מיאוס'ען פערברעכען.

און די, וועלכע האָבען אזוי גערעדט צו באַלאַטינ'ען, און האָבען געזעהן זיין בענעהמען זיך, זיינען זיכער געווען, אז די מיאוס'ע בעשולדיגונג וועגען איהם מוז טאַקע זיין אמת... ווען ניט, וואָלט דאָך א מענש געשריען גוואַלדען, אז ניט... ער שווייגט דאָך. ער לייקענט זיך ניט. איז דאָך טאַקע א בעוויז, אז עס איז אמת...

— וואס־זשע איז ער אזוי צופריעדען? — האט דער עולם גע־דריקט מיט די פּלייצעס — גענומען א מיידעל אונגליקליך געמאכט... וויל פון איהר ניט וויסען. און פּיהלט זיך נאך מעשה העלד.

— פוי, — האט דער עולם פון דעם אלטען בחור אפּגעקעהרט זיך — פוי, ווי שענדליך!... אט דער מיאוס'ניק... אט די מאנקי... אט דער קריפּעל.. פערפיהרט אויך א מיידעל, נו ווי געפעהלט עס וועמען?

— וועלל, אט הפּנים אין א העסליכען קערפּער קען זיך געפינען נור א העסליכע נשמה — איז דער עולם וועגען באלאטינ'ס פער־דארבענהייט איבערצייגט געווארען

און דאך איז באלאטין אונשולדיג געווען. אבער אויף דער גאנצער וועלט האבען זיך געפונען נור דריי פערזאנען, וועלכע האבען זעהר גוט געוואוסט, אז באלאטין איז ריין ווי אן אמת'ער צדיק אין בעצוג צו דער פעראומגליקטער ברונעטקע. דיזע דריי פערזאנען זיינען געווען: דער ערשטער טאקע נישט קיין אנדערער ווי באלאטין זעלבסט, די ברונעטקע איז געווען די צווייטע און יענער וואוילער יונג, מיט וועמען די ברונעטקע איז אומגעגאנגען בעפאר זי האט פריינדשאפט געשלאסען מיט דעם זעלבען באלאטינ'ען, איז געווען דער דריטער, און די אלע דריי האבען געשוויגען...

געוואוסט האט די ברונעטקע, אז איהר בעטריגער איז דער וואוילער יונג, וועלכער האט זי אוועקגעווארפען נאך דעם ווי ער האט איהר בעטראגען און איז ווי אין וואסער אריין. אבער זי האט גע־שוויגען... צו וואס האט זי געזאלט ווארפען די שולד אויף איינעם, וועגען וועמען זי האט קיין בעגריף ניט געהאט וואו ער געפינט זיך?

פון דעם וואוילען יונג, וועלכער איז נעלם געווארען, האט מען דאך געוויס גאר ניט געקענט דערוויסען זיך.

און באלאטין האט געשוויגען און האט זיך ניט געלייקענט... ווארום?

ער האט טאקע געוואוסט, אז ער איז אונשולדיג, אבער דער אל־טער בחור, וועמען עס איז אפילו ניט אימער געלונגען צו קריגען פאר בעצאהלט די געמיינסטע ליעבע פון א געוויינליכער געפאלענער פרוי, האט טיעף אין הארצען זיך געפרעהט פון דעם, זיין פערקלעמטע בעליידיגטע נשמה האט געפיהלט א פערגעניגע

אפילו פון א פאלשער מיינונג, דאס איהם האט זיך דאך איינגעגעבען צו געניסען די ליעבע פון א מיידעל.

און באלאטין האט זיך געפיהלט זעהר געשמייכעלט איבער דער פאלשער בעשולדיגונג, וועלכע מען האט אויף איהם געווארפען...

אט זאל א צווייטער מיינען, אז ער איז אויך ניט אבי ווער, אדרבה זאל דער עולם טראכטען, זאל מען זיך פארשטעלען, אז אויך איהם האט זיך א פרוי איבערגעגעבען און נאך וואס פאר א פרוי: א יונגע, א שעהנע מיידעל...

אי, וואס מען קוקט אויף איהם קרום, וואס ער האט די דאזיגע מיידעל בעטראגען? נו, וואס ארט עס איהם? הלואי וואלט דאס נור אן אמת געווען!

און באלאטין האט געשוויגען און ער האט ניט געלייקענט...

האט אבער עטוואס גאנץ אונערווארטעטעס געשעהן!

אין איין שעהנעם טאג, ווען באלאטין איז געזעסען ביי זיך אין זיין צימער, האט ער דערהערט עפעס א מאדנעם רעש אהינטער'ן טהיר. ס'האט זיך איהם געדאכט, ווי אימיצער רייבט זיך ארום דער טהיר פון זיין צימער און מען שושקעט זיך עפעס... פלוצלונג האט זיך די טהיר א האסטיגען עפען געטהאן און מיט אימפעט זיינען אריינגעלאפען עפעס אן אלטער גרויער איד און אן אלטע אידענע, וועלכע האבען געטראגען אין די הענד עטוואס, וואס עס איז געווען „פערקוטעט“ אין שמאטעס.

דער איד האט מיט ווילדע בליקען אנגעקוקט דעם אלטען בחור, און עפעס מיט א מאדנער פערשטיקטער שטימע געפרעגט:

— דו, הא?... ביסט דו דאס דער באלאטין... יא... דו?

— יעס, איך — האט געענטפערט דער פערוואונדערטער באלאטין אונרוהיג און ערשטוינט קוקט ער אן זיינע מאדנע אורחים...

— בעסער וואלט געווען, ווען דו זאלסט איינגעהמען א מיתה משונה פריהער איידער דו ביזט געבארען געווארען — ענטפערט דער איד און ער ציטערט אין גאנצען אזוי ווי פון קעלט.

שטעהט באלאטין א פערטומעלטער פון איבערראשונג און ווייס ניט וואס דו טהוט זיך.

— וואס האסטו געהאט צו מיין טאכטער? צוואויינט זיך די אידענע — ווארום האסטו איהרע יונגע יאהרען איבערגעשניטען?

— ווארום האסטו מיט איהר חתונה ניט געהאט, ממזר? — ציטערט אימער דער אלטער איד.

— געשטארבען דיין קרבן, געשטארבען מיין ראזעטעלע — קלאגט זיך די אידענע—געשטארבען אין דעם פינסטערען קינדבעט... א ירושה דיר געלאזען.

און די אידענע רעדט מעהר ניט, וויקעלט פונאנדער דאס בּאַנ־דעלע, און באלאטין האט דערהערט א געוויין פון א ניי־געבארענער בייבעלע...

און אין א סעקונדע האט דער אלטער בחור בעגריפען ווער זיינע אורחים זיינען, ווער עס איז געשטארבען, וועמעס בייבי דאס איז און אין וואס מען בעשולדיגט איהם... און קאלטע טראפּענס שוויים זיינען ארויסגעקומען איבער באלאטינ'ס גאנצען קערפּער.

— ווער זייט איהר? — האט דער צום טויט דערשראקענער באלאטין געשטאמעלט צו זיינע געסט.

— ער מאכט זיך, אז ער ווייסט גאר ניט, דער ממזר — ציטערט דער אלטער אזש פאר כעס.

— ראזעטעלע'ס טאטע און מאמע זיינען מיר — ברעכט אויס די אלטע אידענע אין א פערשטיקטען יאמער—אז אך און וועה איז צו אונזערע קעפּ!... געשטארבען איז דיין קרבן... וואלסט כאטש צו איהר לויה געהן...

— אבער וואס האט דאס מיט מיר צו טהאן? — ציטערט ווי א בלאט דער ארעמער באלאטין.

— שווייג, שארלאטאן — דריקט צוזאמען די קולאקעס דער אלטער איד — שווייג, איך וועל דיך ווי א הערינג צורייסען! — און ווענדענדיג זיך צו דער אלטער אידענע, שרייט דער איד:

— גיעב איהם אוועק דאס קינד... זאל ער זיך מיט דעם האלטען.

און באלאטין זעהט ווי די אלטעטשקע לעגט אוועק אויף זיין בעט טאקע א לעבעדיגע בייבי...

דעם אלטען בחור האט דער לשון אבגענומען פאר שרעק.

— קום אהיים — מאכט דער איד צו דער אידענע, — קום, זאל ער זיך מיט דעם ווערגען.

— נעהמט עס צו — איז באלאטין ענדליך צו זיך געקומען —

נעהמט עס צו... וואָס האָט דאָס מיט מיר צו טהאָן? דאָס איז ניט מיין בייבי... איך ווייס פון גאָרנישט...

— שטיל, שאַרלאַטאַן! — וואַרפט זיך צו דעם פּערציטערטען אַלטען בחור דער אויפגערעגטער אַלטער איד — שטיל!... עס זיינען דאָ הונדערטער עדות.

— וועלכע עדות? וואָס עדות? — קוקט באַלאַטין אָן דעם שרעקליכען אידען.

— עס וועט גאָר ניט העלפען, שורקע — טרייסעלט זיך מיט זיין גאַנצען גוף דער אַלטער איד — עס וועט דיר ניט העלפען... עס זיינען דאָ הונדערטע עדות... מען האָט דיר געזאָגט... האָסט ניט געלייקענט... אַלע ווייסען..

— אָבער וואָס האָט אייער טאָכטער געזאָגט? — שטאַמעלט דער פּערציטערטער באַלאַטין — וואָס האָט זי געזאָגט?... זי ווייסט דאָך דעם אמת!

— וואָס זאָל זי זאָגען?... זי האָט נעבעך געשוויגען, וועה איז מיינע יאָהרען! — וויינט ביטער די אַלטע אידענע.

— וואָס האָסטו וואָס צו טענה'ן צו דעם מערדער? אהיים קום, צו אונזער ברמנן קום — שלעפּט דער איד די אידענע... אוןביידע לויפען זיי אַרויס פון צימער.

און באַלאַטין זעהט, אַז דאָס בייבעלע איז טאַקע ביי איהם אויפ'ן בעט געבליבען...

* * *

עפּעס עטליכע טעג האָט מען געזעהן דעם אַלטען בחור אַרומ־שלעפּענדיג זיך מיט דער בייבי.

יעצט האָט ער ניט מעהר די בייבי. וואו ער האָט עס אהינגע־טהאָן, ווייס קיינער ניט...

עס איז אַ סברה, אַז די בייבעלע האָדעוועט זיך עפּעס ביי אַ פּעראָרעמטער פאַמיליע און באַלאַטין צאָהלט דערפאַר... נור אויף געוויס ווייס מען ניט...

די דיענסטמיידעל און די באָרדערין.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב מיין פריינד אנושקין אין מיין הויז געבראַכט, מיט דעם אבזיכט צו בעקענען איהם מיט מיין פרוי, און צו געבען איהם די געלעגענהייט צו ווערען אונזערער א היימישער מענש.

ווען איך און מיין גאַסט זיינען אין שטוב אריין, און איבער'ן לאַנגען קאָרידאָר צום פּאַרלאָר־רום געגאַנגען, און ווען אונז איז אויסגעקומען פערבייגעהן די אָפענע טהיר פון קיך, האָט אנושקין אין קיך מיין דיענסט דערזעהן, און מיר האָט זיך געדאַכט, אז מיין גאַסט האָט עפּעס א פיעלבעדייטענדען שמייכעל געטהאָן; ווייטער אביסעל איז אונז אויסגעקומען פערבייגעהן אן אָפענע טהיר פון זייטיגען צימער, וואו מיינע א באָרדערין וואָהנט; די באָרדערין איז אינוועניג אין צימער געוועזן. אנושקין האָט אויף איהר א בליק געוואָרפען, און איך האָב ווידער בעמערקט, ווי איבער מיין גאַסט'ס געזיכט האָט דורכגעשוועבט א פיעלבעדייטענדער שמייכעל.

זיינען מיר אין פּאַרלאָר־רום אריין, און גלייך פרעגט מיך מיין פריינד:

— ווער איז די פרוי ביי אייך דאָרטען אין קיך?

— מיין דיענסט — ענטפער איך.

— און די, דאָרט אין צימער, וועלכען מיר זיינען איצט פערביי־געגאַנגען?

— אונזער באָרדערין — ערקלער איך, און נאָך אמאָל בעמערק איך אויף מיין גאַסט'ס געזיכט א פיעלבעדייטענדען שמייכעל.

און מיין גאַסט פרעגט מיך ווייטער:

— צו וואָס דאַרפט איהר זיי?

— ועמען?

— אייער דיענסט און אייער באָרדערין?

— וואָס הייסט, צו וואָס? — האָב איך שוין ווירקליך פער־

וואונדערט מיין גאַסט אַנגעקוקט — ווייסט איהר דען ניט, צו וואָס מען האַלט א דיענסט אין הויז?

— געוויס ווייס איך.

— טאָ וואָס־זשע פרעגט איהר?

— אזוי זיך — ענטפערט מיין גאַסט, און גלייך לעגט ער צו:

— נו, און די באַרדערין?

— ס'איז דאָ ביי אונז אין הויז אַן איבעריגער צימער, פאַר וועל־כען מיר האָבען קיין געברויך ניט, מיר האָבען געהאַט א בעקאַנטע פריילין, וועלכע האַט זיך געגויטיגט אין א לאַזשי, וועלל, האָבען מיר אונזער איבעריגען צימער איהר אָפּגעגעבען — ערקלער איך מיין גאַסט, ווי אזוי איך קום צו האָבען ביי זיך אין הויז א באַרדערין.

— דאָס אַלעס? — מאַכט מיין גאַסט און ווידער צייגט זיך אויף זיין געזיכט א פיעל־בעדייטענדער שמייכעל.

פון מיין גאַסט אונפערשטענדליכע פראַגען, פון זיין זאָנדערבאַ־רען בענעהמען זיך, פון זיין מאָדנעם, פיעל־בעדייטענדען שמייכלען, איז מיר ארויף א געדאַנק, אז ער מוז מיך פערדעכטיגען דער שוואַרץ יאָהר ווייסט אין וואָס. איך האָב זיך גענומען פיהלען בעליידיגט, און איך וואָלט שוין וואהרשיינליך געפונען א וועג, ווי אזוי מיין בעליידיגונג אויסצודריקען, ווען אין צימער איז מיין פרוי אריין — מיין קליינטשינקע, שעהנע, זיסע סאָפּעלע!

האָב איך זיך אָן אַלעס פערגעסען, און האָב גלייך מיין גאַסט פאַר מיין פרוי פאָרגעשטעלט; און נאָך דעם ווי מיר אַלע דריי האָבען א לענגערע ווייל אָנגעגאַנגען מיט אַן אלגעמיינעם געשפּרעך וועגען פערשיעדענע פערשיעדענהייטען, איז מיין פרוי ווידער ארויס פון צימער.

און מיין גאַסט האָט צו מיר געזאָגט:

— איהר האָט זעהר אַן אנגעזעהענע, סימפּאַטישע, שעהנע פרוי.

— יעס, אזוי דענק איך אויך — האָב איך געענטפערט.

און פּלוצלונג טהוט מיר מיין גאַסט א פרעג:

— פאָהרט איהר ווען עס איז אוועק פון דער היים?

— וואָס מיינט איהר מיט דעם? — וויל איך אביסעל קלעהרער פערשטעהן מיין גאַסט'ס פּלוצליכע פראַגע.

— איך מיין, ערקלערט זיך אנושקין דייטליכער, איך מיין,

פאסירט דאס, אז אייך קומט אוים פערלאזען אייער היים און אפ־רייזען אויף א לענגערע צייט, ווענען ביזנעס אדער ווענען אנדערע אנגעלעגענהייטען?

— יעס. — האב איך געענטפערט. — א פאאר מאל אין יאהר קומט מיר אוים ווענען ביזנעס טאקע אבצופאהרען פון דער היים, און מאנכע מאל בין איך אזוי אבוועזענד אייניגע וואכען צייט.

און איך בעמערק, ווי מיין גאסט׳ס פנים האט פלוצלונג פיעל בעדייטענדער אויפגעשיינט, און אט געהט ער צו מיר צו, לעגט זיינע הענד אויף מיינע פלייצעס ארויף, קוקט מיך אן ווידער מיט א פיעל־בעדייטענדען שמייכעלע, און זאגט צו מיר:

— אויב אזוי, איז שוין רעכט.

—וואס איז רעכט? — פרעג איך איבער אן ערשטוינטער.

— דארפט איהר טאקע האבען אי א דיענסט, אי א באָרדערין — גיט מיר מיין גאסט גאר אזא מין מאדנעם ענטפער.

— אנושקין! — האב איך ענטריסטעט אויסגעשריען — וואס איז דאס פאר א מין ריידען, איך פערשטעה אייך ניט.

— אט וועל איך אייך דערצעהלען, וואס מיט מיר האט די וואך פאסירט — ענטפערט מיר מיין גאסט גאנץ געלאסען — און איהר וועט שוין דאן פערשטעהן אלץ, וואס איך האב געזאגט צו אייך ווענען אייער באָרדערין.

— בין איך טאקע נייגעריג צו הערען, — האב איך געענטפערט

— ווארום אייער ארט רעדען האט מיך ווירקליך ערשטוינט.

אנושקין האט זיך אוועקגעזעצט, פעררויכערט א סיגאר און, נאכדעם ווי ער איז פערבליבען אויף אייניגע סעקונדען אזוי ווי א פערלארענער אין רעיונות, האט ער מיר פערטראכטערהייד געפרעגט:

— האב איך אייך אמאל דערצעהלט עפעס ווענען איינער א מיידעל, ווענען איינער א ביטרים ק.?

— ביטרים ק.? — האב איך איבערגעריעדט דעם נאמען, וועל־כען מיין גאסט האט דערמאהנט, און, נאכדעם ווי איך האב אייניגע סעקונדען גאר נישט געקענט עראינערען זיך ווענען דיעזען נאמען, האב איך געענטפערט:

— ניין, מיר דאכט זיך, אז איך הער צום ערשטען מאל אזא נאמען.

און מיין גאסט האט ווידער גערעדט אימער פערבלייבענדיג פערטראכט:

„א בלאנדינקע, זעהר א שעהנע, די האאר ליכטיגע, ווי זונען־שטראהלען און ווייך ווי זייד. בעקאנט האב איך זיך מיט איהר אויף א סאציאליסטישען קאנצערט, און ביי דעם ערשטען מאל, וואס איך האב זי נור אנגעבליקט, בין איך שוין משוגע געווארען פאר איהר, און וואס נעהענטער איך בין מיט איהר בעקאנט געווארען, דעסטא שטארקער, דעסטא הייסער האב איך זי געליעבט. אך ביטרים, ביטרים, ווי איך האב זי ליעב געהאט. וויפיעל שעהנע זומער־נעכט איך פלעג מיט איהר פערברענגען אין די געהיימניספולע, פערבארגענע אלעען פון פערשיעדענע ניו יארקער פארקס, וויפיעל מאל איך האב זי געקושט און געצערטעלט אזוי שטארק, אזוי ליידענשאפטליך, ביז מיין בענעהמען זיך פלעגט עררייכען דעם אויער פון א פערשלאפענעם פארק־פאליסמען, און איך און מיין ביטרים פלעגען קריגען אן „ארדער" צו פערלאזען דעם פארק און אהיים געהן. אך, די שעהנע זומער־נעכט צוזאמען מיט ביטרים׳ען. איך וועל זיי קיינמאל, קיינמאל ניט פערגעסען. עפעס ביי דריי יאהר צייט בין איך אזוי מיט מיין בלאנדינקע ארומגעגאנגען. איך האב אימער געדענקט, אז מיין ביטרים איז געטריי און ערנסט אין איהרע געפיהלען צו מיר, פונקט ווי איך בין צו איהר געוועזן. אבער הפנים איך האב א טעות געהאט.

„איך האב אנגעהויבען בעמערקען, אז מיין בלאנדינקע ווערט צו מיר קיהלער, און זעהט ווי ווייט מעגליך מיין געזעלשאפט אינגאנצען אויסצומיידען. ביז עס איז אריבער א לענגערע צייט, און איך האב מעהר ביטרים׳ען ניט געטראפען. מיין הארץ איז צובראכען געווארען פון טראכטען וועגען דעם, וואס עס איז אייגענטליך געשעהן מיט ביטרים׳ען. ביז אין א געוויסען, שעהנעם טאג דערגעהט צו מיר א גוטע בשורה, אז מיין בלאנדינקע האט חתונה געהאט עפעס פאר איינעם א מיסטער מירקין.

„פאר פערהייראטהע פרויען האב איך דרך ארץ, און איך האב ביי זיך געטראכט: אויס, ביטרים איז פאר מיר אזוי גוט ווי געשטארבען!

„א הארץ ווייסט אבער ניט פון קיינע פילאזאפישע בעשליעסע,

און וואס לענגער איך האב ביטרים'ען ניט געזעהן, דעסטא שטארקער האט זיך געלאזט פיהלען מיין בענקען נאך איהר, דעסטא פוסטער און וויסטער איז מיר אויפ'ן הארצען געווארען.

„איך האב אויפגעזוכט ביטרים'עס בעקאנטע, און איך האב זיך גענומען נאכפרעגען ווי איהר געהט עס עפעס אין איהר פערהייראטהען לעבען.

— „ניש קשה" — ענטפערט מען מיר.

— „האט זי ליעב איהר מאן?" — פרעג איך מיט א פערציטערטען הארצען.

— „אזוי ווי מען ליעבט א מאן" — ענטפערט מיר איינער פון די בעקאנטע.

— „עס איז שוין דא א קינד — דערצעהלט מיר א צווייטער

— „און זי מאכט פאר איהם א פיין לעבען, געהט עס מיט!"

— „צו־שטארק האט זי איהם הפנים ניט ליעב" — בעמערקט א דריטער פון די בעקאנטע, צו וועמען איך בין געקומען נאכפרעגען זיך וועגען מיין טהייערער ביטרים.

„און מיר ווערט אזוי גוט, אזוי זים אויפ'ן הארצען פון אזעלכע גוטע בשורות, און איך טראכט ביי זיך: ווער ווייסט, אפשר איז נאך ניט אלעס פערלארען, עס קען דאך זיין, אז פערהייראטה איז דאך ניט אזוי ווי געשטארבען.

„און מיין פאנטאזיע, אויפגעלעבט, אויפגעמינטערט פון די גוטע האפנונגען, נעהמט שוין פאר מיר שילדערען אין טויזענדער פערהעליבע בילדער, ווי אזוי די ליעבע צווישען מיר און מיין בלאנדינקע ווערט בענייט, אויפגעלעבט, און וואקסט, און בליהט הינטער די פלייצעס פון איהר מאן. אזוי פאנטאזירענדיג, הויב איך זיך שוין אן צו אינטערעסירען ווער ביטרים'עס מאן איז, און איך פרעג מיינע גוטע באקאנטע:

— „כאטש עפעס א רעכטען מאן האט זי, די ביטרים?"

— „איהר קענט ניט מירקינ'ען?" — קוקט מען מיך אן פערוואונדערט.

— „ניין, איך ווייס ניט ווער דער מירקין איז".

— „ער איז דאך א בעקאנטער אנארכיסט" — דערצעהלט מען מיר.

— „יעם?" — „ווער איז ער?"

— „א געלערענטער מאַן, האַלט אַפּט לעקציעס" — דערצעהלט מען מיר די ווייטערע שבחים פון דעם מירקינ'ען. און מיר ווערט זעהר זויער אויפ'ן הארצען, וואָס ביטרים'עס מאַן איז עפּעס א גאַנצער מאַכער, אודאי וואָלט איך בעסער געוואָלט הערען, אז ער איז עפּעס א שטיקעל גאַרנישט. מילא, פערפאַלען. פיהל איך זיך שוין ניט אזוי יום־טוב'דיג. אָבער דאָ פאַלט מיר איין א פרעג טהאָן:

— „לעקציעס האַלט ער? וועגען וואָס?"

— „אין מעהרסטע פעלע"—דערצעהלט מען מיר—„לעקטשורט ער וועגען פרייע ליעבע".

— „האַ, וואָס? פרייע ליעבע גאָר?" — כאַפּ איך זיך אָן פאַר דער נייער בשורה אזוי ווי איינער וואָס טרינקט זיך כאַפּט זיך אָן פאַר א שטרויעלע — „וואָס הייסט פרייע ליעבע?"

— „ער איז אזא מענש, וועלכער איז זעהר פערקאָכט אין פרייע ליעבע" — ערקלערט מען מיר ווייטער, ווער אָט דער מירקין איז...

— „און ער מיינט דאָס טאקע באמת?" — פרעג איך איבער.

— „געוויס" — בעקום איך אַן ענטפער. — „ער איז זעהר א ראדיקאַלער, און זעהר א פרייער מענש".

— „גוט" — טראַכט איך ביי זיך, און ס'ווערט מיר פּשוט ליכטיג אין די אויגען. אויב אזוי, אויב מיין ביטרים'ל האָט אריינגעכאַפּט אזא פרייען מאַן, איז דאָך גאָר ניט אזוי געפעהרליך, וואָס זי איז פערהייראַטה".

„און איך געפין אוים מיין ביטרים'עס אדרעס. און פול מיט אמונה, פול מיט בטחון לאָז איך זיך אוועק אויף דעם אדרעס פון מיין געוועזענער בלאָנדער געליעבטער.

„ווען איך בין געקומען צו דעם בעשטימטען נומער, און האָב אין בריעף־קאַסטען איבערגעלעזען דעם נאָמען: מירקין, האָט מיר עפּעס מאָדנע א קלאַפּ געטהאָן אין הארצען.

„מיט א פערציטערטען הארץ, האָב איך דעם עלעקטרישען באַטען א דריק געטהאָן...

„טיק־טיק־טיק" — הער איך דעם ענטפער פון אפּסטערז, קום איך אריין אין האָלל און נעהם קלעטערען איבער די טרעפּען, און ווען איך קום ארויף אויפ'ן דריטען פלאָאָר, הער איך הינטער א טהיר

צו די פראנט מיין ביטרים'עם שטימע, און מיין הארץ נעהמט קלא־פען האסטיג און פעסט, אזוי ווי זי וואלט וועלען ארויספאלען. מיט א פערהאלטענעם אטהעם קלאפ איך אן אין דער טהיר, הינטער וועל־בער איך האב געהערט די שטימע פון מיין געוועזענער געליעבטער, און עס ענטפערט מיר א באסאווע מענער שטימע:

— „קאם אין!"

„דאס איז ער, ביטרים'עס מאן" — האב איך א טראכט געטהאן און בין אין הויז אריין.

„אנטקעגען מיר איז געקומען א הויכער מאן, א ברונעט, מיט א גרויסען פליישיגען פנים, אין בריללען, מיט א פליעך אויפ'ן קאפ; און אין דער זעלבער סעקונדע, וואס איך האב דיעזען מאן דערזעהן, האב איך איהם שוין געהאסט, און פאר ביטרים'ען האט מיר מיין הארץ גענומען וועה טאן.

— „מיסטער מירקין?" — האב איך געפרעגט.

— „יעס סער".

— „מיין נאמען איז אנושקין — שטעל איך זיך פאר.

— „אנושקין?" — פרעגט מיך איבער דער הויכער ברונעט.

— „יעס, אנושקין" — זאג איך נאך אמאל ווער איך בין און גיב צו:

— „אייער פרוי קען מיך זעהר גוט".

„און ווען איך האב זיך אזוי רעקאמענדירט, האב איך גלייך בעמערקט אן אונפריינדליכען אויסדרוק אויף דעם הויכען ברונעט'ס פליישיגען פנים.

— „קומט אריין" — האט ביטרים'עס מאן מיך איינגעלאדען אינעווענינ אין הויז אריין, און זיין קול האט עפעס דערביי אפגע־קלונגען אזוי הארט, אזוי קאלט, אז עס איז מיר געווארען פראסטיג־קאלט אויפ'ן הארצען.

„און אט בין איך שוין אין דיינינג־רום אריין. ביטרים איז מיר געקומען אנטקעגען — מיין ביטרים! מיין טהייערע ביטרים! שעהן און ליעב ווי אימער, נור עטוואס בלאסער איז זי געווען און ארום די ליפען האבען זיך א פאר קנייטשעלעך מיר אין די אויגען געווארפען.

— „ביטרים!" — האב איך אויסגעשריען — „אה, ביטרים'ל!"

„איז מיין ביטרים נאך בלאסער געווארען און ווארפענדיג א שנעלען, צושראקענעם בליק אויף איהר מאן, האט זי צומישט שטאמ־לענדיג געענטפערט:

— „אה, מיסטער אנושקין, וואס פאר א גאסט!"

„מיסטער" אנושקין, מיין ביטרים רופט מיך „מיסטער". די זעלבע ליפען, וועלכע האבען מיך אמאל אזוי הארציג געקושט און אנגערופען מיך מיט די צערטליכסטע ליעבעס־נעמען... די זעלבע ליפען רופען מיך יעצט „מיסטער", אזוי ווי מען רופט א פרעמדען מענשען, פון וועמען מען וויל זיך האלטען אויף א געוויסער ווייטקייט.

„און א קאלטער וועהטאג האט מיין הארץ שארף אויף דורך און דורך דורכגעשטאכען, און מיר האט זיך פערוואלט גלייך, אהן נאך א ווארט אויסצורעדען, פון הויז ארויסלויפען. איך האב זיך אבער באלד קאנטראלירט און האב ביטרים'ן אבגעצאהלט מיט דער זעלבער מטבע, ענטפערענדיג אויף איהר „מיסטער אנושקין":

— „וואס זשע מאכט איהר פארט, מיסעס מירקין?"

— „אה, א דאנק" — האט ביטרים געענטפערט, און איך האב געזעהן, אז זי איז פון מיין „מיסעס מירקין" שמערצליך געטראפען געווארען.

„מען האט מיך איינגעלאדען צו סאפער. איך האב די איינלא־דונג אנגענומען, און ווען מיר זיינען ביים טיש געזעסען, האב איך זיך ווידער אויף א ווייל פערגעסען, און אנריהרענדיג ביטרים'עס שעהנע האאר, וועלכע זיינען יעצט אביסעל דונקעלער געווארען, האב איך געזאגט:

— „אייערע האאר זיינען נאך אימער אזוי ווייך, אבער דונקע־לער, פיעל דונקעלער זיינען זיי געווארען".

— „יעס" — האט ביטרים זיך פערלארען און שטאמלענדיג געענטפערט, און זי האט איהר שעהנעם קאפ פון מיין האנד אפגע־קעהרט, אבער מיר האט זיך געדאכט, אז אין איהרע אויגען האב איך א טרעהר בעמערקט.

„און דא זייען מיינע בליקען געפאלען אויף ביטרים'עס מאן, אויף דעם בעריהמטען „פרייע־ליעבעניק", מיסטער מירקין.

„גרויסער גאט, וואס פאר א פנים! דער נאז האט זיך אויסגע־

צווינגען, די שווארצע דיקע באקען זיינען בלאס געווארען, די ליפען האָבען עפּעס גאָר יעדען קאָליר פערלאָרען, און ער האָט דורך די אויגענגלעזער אויף מיר א בליק געוואָרפען. וועה, וויפיעל שנאה, וויפיעל האס! מיר האָט זיך געדאכט, אז דער מאן וויל מיך אויפעסען לעבעדיגערהייט.

„שוין! בין איך שוין געוואָרען זעהר פאָרזיכטיג אין מיין האַלטען זיך און אין מיין ריידען צו ביטרים'ען.

„שפּעטער א ווײלע איז מירקין וועגען עפּעס ארויס פון צימער. און ווי נור איך און ביטרים זיינען אליין פערבליבען, האָט זי זיך ארומגעקוקט ווי א צושראָקענע חיה, עפּעס אזוי ווי וועלענדיג איבערצייגען זיך צי מיר זיינען גאנץ אליין געבליבען, האָט געכאפּט מיין האנד האסטיג־פיבעריש אין איהרע הענט און האָט צו מיר געזאָגט מיט א פערשטיקטער שטימע פול מיט געבעט:

— „אנשוקין, האָב רחמנות האַלט זיך ווייטער פון מיר... מיינער וועט מיר נאכער די טעג און די יאָהרען פערפינסטערען... ער איז זעהר אייפערזיכטיג, ער קען ניט פערטראָגען, אז איך רייד אוים א וואָרט מיט א מאן".

— „מען האָט דאָך מיר דערצעהלט, אז ער איז זעהר א ראדיקאַלער מענש, א מענש וואָס פרעדיגט פרייע ליעבע?!"—האָב איך איבערגעשלאָגען מיין געוועזענע געליעבטע.

— „דאָס איז נור „געפּאָנפּעט" — האָט ביטרים געענטפערט מיט א ביטערען שמייכעל — „דאָס פרעדיגט ער אַלץ פאַר א צווייטען, ער אליין, ברודער'ל, וויל פון דעם ניט וויסען".

„מירקין איז צוריק אין צימער אריין.

„ מיט די שנעלקייט פון א בליץ האָט זיך ביטרים פון מיר אָפּגעקעהרט און געענדיגט איהר רעדען:

— „יעס, מיסטער אנושקין, אזוי איז דאָס!"

„און מיט א צובראָכענעם, צואוועהטאָגטען הארצען האָב איך פערלאָזען די הויז פון מיין ביטרים, פון מיין געוועזענער געליעבטער, און פון דער יעצטיגער מיסעס מירקין.

„שטעלט זיך פאָר מיין פרייד, ווען מיט איינינע חדשים שפּעטער דערגעהט צו מיר א ידיעה, אז דער מיסטער מירקין איז עפּעס

וועגען ביזנעס אבגעפאהרען ווייט אין די וועסט אויף אייניגע וואכען צייט און די מיסעס מירקין איז פערבליבען אליין.

„שופר של משיח — איז פאר מיר אזא בשורה געוועז.

„פטור געווארען פון דעם שווארצען לץ“ — האב איך ביי זיך געטראכט — „מיין ביטרים׳ל איז אליין, איינע אליין. יעצט וועט זי שוין זיין פריי, יעצט וועט זי שוין פאר קיינעם ניט דארפען מורא האבען“.

„און איך האב זיך שוין פארגעשטעלט ווי איך קום צו מיין „בעפרייטער“ געליעבטער, איך צערטעל זי, איך קוש זי און קיינער איז נישטא אויף די אויגען, און קיינער שטערט אונז נישט, און אזוי האבען מיך מיינע בעפליגעלע גערדאנקען אוועקגעטראגען העט, העט ווי ווייט.

„און איך בין אנטלאפען צו מיין ביטרים׳ען, און ווען איך האב דעם עלעקטרישען באטען געדריקט, און ווען מען האט מיט א „טיק־טאק“ געענטפערט, איז מיין הארץ פול געווארען מיט פרייד; באלד בין איך ווי משוגענער איבער די טרעפען געלאפען און מיט א פער־ציטערט הארץ אין טהיר אנגעקלאפט.

— „קאם אין!“ — הער איך ביטרים׳עס שטימע.

„און איך עפען די טהיר און איך פליה אין הויז אריין און עס קומט מיר אנטקעגען ביטרים און בעגריסט מיך:

— „אה, מיסטער אנושקין“...

„ווייטער „מיסטער“, פינסטער ווערט מיר אין די אויגען און עס קומט מיר ארויף א פערדאכט, אז פיליכט איז שוין ביטרים׳עס מאן, צו מיין פינסטער מזל, צוריק פון זיין רייזע געקומען, און איך פרעג מיט א פערשטיקטען אטהעם:

— „אייער מאן איז שוין געקומען צוריק?“

— „נאך ניט“ — ענטפערט ביטרים און איך בעמערק, אז זי פיהלט זיך עפעס אונרוהיג.

„געה איך צו איהר צו נעהענטער און פרעג שטיל:

— „וואס איז דער מעהר, ביטרים?“

— „ש־ש־ש“ — ענטפערט מיר ביטרים מעהר מיט׳ן וואונק ווי מיט ווערטער און ציינט מיר אן אויפ׳ן קיך.

— „וואס איז דען?“ — פרעג איך.

— „א דיענסט" — ווינקט צו מיר ביטרים.
— „א דיענסט?" — פרעג איך איבער.
— „יעס, מיין מאן האט אריינגענומען פאר זיין אבריוזען".
— „צו וואס?"
— „עס זאל מיר זיין לייכטער דאס לעבען" — מאכט צו מיר ביטרים מיט א ביטערען שמייכעל, און שטילערהייד גיט זי צו — „א שומר!" נעהמט די אויגען ניט ארונטער, וועט אלעס, פערשטעהט איהר, אפרערצעהלען דעם מאן".
„איך בין געבליבען שטעהן ווי א פערשטומטער מיט א פערבי־טערטען, מיט א פערפינסטערטען הארצען.
„און רעדענדיג גאנץ הויך זאגט צו מיר ביטרים:
— „קומט אריין, קומט אריין מיסטער אנושקין".
— „יעס, יעס" — ענטפער איך — „איך געה מיסעס מירקין".
„און איך בין עקסטרא אוועק אין סאמע פארלאר־רום, כדי צו געפינען זיך וואס ווייטער פון קיך. און ווען איך האב זיך יעצט געווענדעט צו מיין געוועזענער געליעבטער און נור אויסגערעדט דאס ווארט:
— „ביטרים!"
„האט זי מיך האסטיג איבערגעשלאגען מיט א שארפען וואונק:
— „ש־ש־ש!"
— „וואס איז שוין ווייטער?" — פרעג איך דערשראקען.
— „א באַרדערין" — ציינט מיר ביטרים אויף א זייטיגער טהיר און רעדענדיג שטיל, אזוי אז קוים וואס איך הער איהרע ווערטער, זאגט זי ווייטער: — „ער האט אריינגענומען פאר זיין אפרייזען... זי געהט מיר נאך יעדען טריט... לאזט מיך אין ערגעץ אליין ניט געהן..."
— „אין דיינינג־רום איז דא נאך אימיצער ווער עס היט אייך?"
— האב איך מיט א פערשטיקטען אטהעם געפרעגט.
— „געוויס" — ענטפערט ביטרים.
— „ווער?"
— „די באַרדערינ'ס א פאטער... קומט כלומרשט זיטצען צו זיין טאכטער, דאס איז אבער נאך א שומר פאר מיר".

* * *

מיין גאַסט האָט געענדיגט זיין ערצעהלונג און איך האָב פון אונ־טער מיין ברוסט פריינעלאָזען דעם געלעכטער, וועלכער האָט מיר געשטיקט די גאַנצע צייט וואָס דער אָרעמער אַנושקין האָט גערעדט, און אַזוי לאַכענדיג האָב איך צו מיין פריינד געזאָגט:

— ניין, אַנושקין, ביי מיר אין הויז איז דאָס ניט אַזוי דער פאַל, מיין דיענסט און מיין באַהדערין זיינען ניט קיין שומרים.

אָבער הערט נור, צווישען אונז זאָל דאָס בלייבען, ווען עס איז אין צימער ווידער אריינגעקומען מיין פרוי און מיר האָט זיך גע־דאַכט, אַז מיין גאַסט בעטראַכט זי אַביסעל צו־פיעל אויפמערקזאַם, און דאַביי האָב איך זיך נאָך דערמאָנט, אַז נעכסטע וואָך דאַרף איך אָברייזען פון דער היים אויף אייניגע וואָכען, איז מיר בשעת מעשה געוואָרען גוט און רוהיג אויפ'ן הארצען טאַקע נור דערפאַר, ווייל עס זיינען דאָ אין הויז ביי מיר, אי אַ דיענסט, אי אַ באַהדערין.

דאס בילד וואס האט ניט געוואלט פערלארען געהן.

ווי אזוי דאס איז געשעהן, קען איך זיך ביז היינטינען טאג ניט ערקלערען. עס איז אבער דאך אזוי געווען, און ווען איך טראכט וועגען דעם, פיהל איך ווי קאלטע טראפענס שוויים קומען מיר ארויס איבער מיין גאנצען קערפער.

איך האב אמאל א מיידעל געליעבט, דאס איז געווען מיין ערשטע ליעבע, און איך בין אימער געניינט צו דענקען, אז דאס איז אויך געווען מיין איינציגע ערנסטע ליעבע; מיר דאכט זיך, עס איז געווען יענע ליעבע, וועלכע עס קען נאר פאסירען איין מאל אין לעבען, ווייל דאס איז אזא געפיהל, וואס עס ציגדט אן אייער גאנצען וועזען מיט אזא מין פלאם-פייער, דאס אייער נאך-ניט-אנגעגריפענע הארץ ווערט איבערגעברענט און איז שוין נאכהער ניט ביכולת אזא מין פייער דורכצושטעהן.

קריינע ווילנער — האט זי געהייסען! אזא קליינטשינקע מיידעלע, א ברעקעל נפש איז זי געווען, א מארמאר-וויים קיילעכדיג זים פנים'ל האט זי פערמאגט, א שעהן געפארמירטען קאפ און לאנגע, לאנגע זיידען-בלאנדע האאר; אזא שטיפערקע, א פרעהליכע, א לעבעדיגע, עפעס ווי א שעהן זומער-פייגעלע, און איהר רעדען און איהר לאכען האט געציטערט און געטרילט, אזוי ווי דאס קלינגען פון זילבערנע גלעקעלעך... גרויסער גאט, ווי איך האב די מיידעלע געליעבט!

לאנג, לאנג, וועה ווי לאנג איז עס שוין זייט דאס דאזיגע האט פאסירט!

איך בין שוין יעצט אן אלטער מאן. דער קאפ מיט זילבער בעדעקט, און ערוואקסענע קינדער קוקען אן שפאסיג דעם אלטען טאטען, ווען עס פאלט איהם אמאל איין צו דערצעהלען די ערפאה־רונגען פון זיינע אינגערע יאהרען. דאס יונגוואַרג קען זיך גאר ניט פארשטעלען, אז אויך פאפא איז אמאל יונג געווען. און עס קומט זיי ווירקליך פאר זעהר קאמיש, ווען דער „אלטער“ נעהמט אמאל פאנטאזירען וועגען זיין לאנג-פערשוואונדענער יוגענד; און ווען דעם

אלטענ'ס פערטרוימטע אויגען ווערען דערביי מיט טרערען פערלאָפען, שטיקט די קינדער א לוסטיגער געלעכטער...

לאנג, לאנג, ווערה ווי לאנג עס איז שוין זייט דאָס האָט פּאסירט!

יונג בין איך דאן געווען, נאָך גאָר א קינד און אויך די קליינטשינקע קריינעלע איז נאָך גאָר א קינד געווען! איך האָב זיך דאן צוגעגרייט אָנצוקומען אלס שילער אין דער מאָהליוווער פעלד־שערסקער שולע און זי — קריינע, האָט זיך אויך צוגעגרייט האלטען עקזאמען, דאכט זיך מיר, אין פערטען אָדער פינפטען קלאס פון דער מאָהליוווער פּרויען־גימנאזיע. אונז ביידען איז אויסגעקומען א געוויסע צייט צו זיין קוואַרטיראנטען אין איין און דעמזעלבען הויז; אזוי האָבען מיר זיך ביידע בעקענט, בעפריינדעט, ביז אונזער פריינדשאַפט איז אין א געפיהל פון ברענענדער ליעבע אריבער.

ווי יונג איך בין דאן געווען, האָב איך שוין פיעל־יעניג געוואוסט וועגען דער דאמאָלסדיגער רוסישער סאָציאליסטישער פאָלקס־בעוועגונג. ביי מיר האָט מען געקענט קריגען צום לעזען א מאָל א פער־באָטענעם ביכעל, אויך האָט מען מיר פערטרויט אייניגע זאכען, וועגען וועלכע פיעלע אנדערע פון מיינע חברים האָבען ניט געהאַט די זכיה צו וויסען. און אויף וויפיעל איך עראינער זיך, איז דיזע „וויכטיגקייט" מיינע, די דאָזיגע אויסנאהמע פון מיין פּערזאָן גע־גען פיעלע אנדערע, געווען די הויפּט־אורזאכע פון קריינע'ס פריינד־שאַפט צו מיר — פון דער פריינדשאַפט, וועלכע איז נאכהער אין ליעבע אריבער.

אין איין שעהנעם טאָג איז אויף אונזער קוואַרטיר עפּעס פּלוצלונג געקומען צו פאָהרען א הויכער בייזער איד; דאָס איז געווען קריינע'ס פאָטער, און האָט אָהן איבריגע צערעמאָניעס צוגענומען מיין קריי־נעלע און איז מיט איהר נאָך אין דעמזעלבען טאָג אָבגעפאָהרען אהיים, אין שקלאָוו — א שטעדטעל טאקע ניט ווייט פון מאָהילעוו.

איך קען זיך פאַר קיין פאַל ניט עראינערען, וואָס אייגענטליך איז געווען די אורזאכע, וואָס קריינע'ן האָט איהר פאָטער אזוי פּלוצלינג צוגענומען פון אונז. מיר דאכט זיך אָבער, אז דאָס האָט געהאַט א שייכות מיט איהר ליעבע צו מיר; יעדענפאַלס געדענק איך, אז מיין יונג הארץ איז דאן זעהר טיעף, זעהר שווער פערוואונדעט געוואָרען.

עס עהאינערט זיך מיר, ווי איך בין א צייט ווי א משוגענער ארומגעגאנגען. מיינע עקזאמענס האב איך שוין נאטירליך ניט אויסגעהאלטען, און דיזער ערשטער אונגליקליכער ראמאן מיינער איז געווען אויך דער ערשטער איבערברוך אין מיין לעבען.

איך האב פרובירט קריינע'ן בריעף שרייבען, איך האב אבער קיינמאל פון איהר קיין ענטפער ניט געקראגען...

האט זי מיך פערגעסען? האט זי פון מיר מעהר ניט געוואלט וויסען? אדער האט מען פיליכט מיינע בריעף איהר ניט אבגעגעבען, און איהר הארץ איז אויך איהר אויסגעגאנגען פון בענקען נאך מיר, אזוי ווי מיין הארץ איז נאך איהר אויסגעגאנגען? — דאס האב איך קיינמאל ניט דערוואוסט זיך.

יאהרען זיינען אריבער, איך האב אין מיין ווייטערען לעבען פיעלע אנדערע ראמאנען דורכגעמאכט, איך האב געליעבט און געהייראטה, אבער דאס, וואס איך האב געפיהלט צו דער קליינטשינקער קריינעלע'ן, האב איך שוין נאך אמאל ניט דורכגעפיהלט...

עס איז אמת, אן אלטער מאן זאגט דאס אייך, עס איז אמת, אז ליעבען שטארק, ליעבען פלאמענד, קען מען נור איין מאל אין לעבען.

איך האב דאך אין מיין יוגענד אזוי פיעל מאל געליעבט, און דאך געדענק איך אפילו ניט ווי עס האבען אויסגעקוקט אט די אלע העלדינען פון מיינע פערזענליכע ראמאנען, ווערהענד זי — קריינע'ן — האב איך קיינמאל, קיינמאל ניט פערגעסען, און ביז היינטיגען טאג, ביז דעם טאג פון גרויען עלטער, שוועבט זי פאר מיינע אויגען, עפעס אזוי ווי דאס וואלט ערשט נעכטען געווען, ווען מיר האבען זיך אויף אייביג צושיידט.

אט איז זי, קריינע, ווי א לעבעדיגע... איך זעה פאר מיינע אויגען יעדען שטריך פון איהר געזיכט; ווען איך וואלט א מאהלער געווען, וואלט איך, דאכט זיך, געקענט אוועקזעצען זיך און איהר שעהן געזיכט אויסמאהלען, אט אזוי לעבעדיג, אט אזוי דייטליך שטעהט זי פאר מיינע אויגען. און נאך, דאכט זיך מיר, ווי איך הער איהר ציטערענדע, טרילענדע זילבער־אבקלינגענדע שטימע.

שפעטער מיט פיעלע, פיעלע יאהרען, ווען איך בין שוין אין

אמעריקא געוועז, ווען איך בין שוין פערהייראטה געוועז, איז צו מיר דערפלויגען א געראס, א ידיעה וועגען קריינע'ן, וועגען מיין ערשטער געליבטער.

קריינע האט קיינמאל ניט געהייראטה. זי האט זיך איבערגעגעבען דער רוסישער רעוואלוציאנערער בעוועגונג. געזעסען פיעל מאל אין פערשיעדענע אסטראגען, ביז מען האט זי אויף קאטארגע פערשיקט; זי האט זיך אבער געראטעוועט פון איהר לעבעדיגען טויט אויף עפעס א וואונדערבארען אופן, איבערגעגאנגען דעם גרענעץ, און איז ערגעץ פערשוואונדען געווארען אין דער ווייטער, ברייטער, ברייטער וועלט, און קיינער האט מעהר ניט געוואוסט, וואוהין זי איז אהינגעקומען, וואס פון איהר איז געווארען.

און יעצט, הערט וואס מיט מיר האט פאסירט!

יעדען זונטאג קויפען אן מיינע קינדער די היגע דיקע שעהן־אילוסטרירטע זונטאגדיגע ענגלישע צייטונגען. מאנכע פון דיעזע צייטונגען גיבען אלס פרעמיום שעהן־אילוסטרירטע זשורנאלען. אין איין מאל, אין א געוויסען זונטאג, איז דער פאדער־בלאט פון איינעם פון אזעלכע זשורנאלען אילוסטרירט געוועזן מיט א בילד פון א שעהנעם פרויען־ביוסט.

וואהרשיינליך האט אימיצער פון מיינע קינדער דעם פאדער־בלאט פון דעם זשורנאל אבגעריסען, ווארים ווען איך האב צום ערשטען מאל דערזעהן דאס בעטרעפענדע בילד, האט זיך עס געוואלגערט אויף דער פאדלאגע, אין א ווינקעל נעבען א „סטים רעדיאייטאר“.

איך בין אזוי געזעסען אין עס־צימער נעבען גרויסען טיש און האב מיין אנבייסען געגעסען, ווען מיינע בליקען זיינען געפאלען אויף דיעזען פרויען־בילד... עטוואס בעקאנטעס האט מיר א קלאפ געטהאן איבער מיין הארצען, דאכט זיך מיר עפעס א בעקאנט פנים! און ווי לעבעדיג עס קוקט מיך אן! דאכט זיך מיר די אויגען קוקען מיך אן מיט אזוי פיעל געבעט, מיט אזוי פיעל רחמנות...

— וואס ליעגט עס פאר א בילד אויפ'ן פלאר? — האב איך געזאגט צו מיין פרוי.

— וואו? — האט מיין פרוי געפרעגט.

— אט, זעה, נעבען דעם „סטים רעדיאייטאר“ אויפ'ן פלאר.

מיין פרוי האָט אַ בליק געוואָרפען אויף דעם בילד און אויך זי האָט בעמערקט:

— זעהר נור, פונקט ווי אַ לעבעדיג פּנים.

און מיינס אַ קינד האָט ערקלערט, אז דאָס בילד איז ארויסגע־ריסען פון אַ זשורנאַל פון אַ היינטיגער ציימונג.

די אייביגע איילעניש נאָך פּרנסה האָט מיך באַלד צו אַ גע־וויסער בעשעפטיגונג אַוועקגעיאָגט, און איך האָב אָן דעם מערק־ווירדיגען בילד פערגעסען.

יעדען זונטאג פאַרנאַכט קלייבט געוועהנליך צוזאַמען מיין פרוי אַלע צואוואָרפענע בלעטער פון די אינדערפריהעדיגע צייטונגען; מאַכט פון דעם אַ באַנדעל, לעגט עס אַוועק אין קיך אונטער'ן וואַש־טאָב און מאָנטאג פריהמאָרגענס, ווען דער הויזקיפּער רופט אויס נאָך די „גאַרבעדזש", לעגט זי אַוועק דעם באַנדעל בלעטער אויפ'ן „דאַמב־ווייטער", דער הויזקיפּער נעהמט עס אַוועק, און שוין! איז מען פּטור פון די דיקע זונטאגדיגע צייטונגען, פון וועלכע דאָס גאַנצע הויז איז אַ גאַנצען זונטאג פערפּלייצט; אַזוי איז זיך מיין פרוי נוהג יעדען זונטאג, און אזוי האָט זי אויך געטהאָן דיזען זונטאג.

ווען איך בין אָבער מאָנטאג פריה געזעסען ביים טיש און גע־געסען מיין פריהשטיק, זיינען מיינע בליקען ווידער אויף דעם בעט־רעפענדען פרויען־בילד געפאַלען. דאָס אָבגעריסען „קאָווער" איז יעצט ווידער געלעגען אויף דער פּאָדלאָגע, אָבער שוין אין זאַאַל, אין אַ ווינקעל נעבען דער פּיאַנאָ; און ווידער האָט דאָס בילד אַזוי ווי אַ לעבעדיג געזיכט ארויסגעקוקט, און די אויגען האָבען אַזוי שאַרף, אזוי לעבעדיג מיך אָנגעקוקט, דאָס איבער מיין גאַנצען לייב איז אַ קאַלטער שוידער אריבער...

— זעה נור, — האָב איך געצווינגען מיין פרוי'ס אויפמערקזאַמ־קייט — ווידער דאָס נעכטיגע בילד, עפּעס אַזוי ווי אַ לעבעדיג פּנים.

מיין פרוי האָט זיך אומגעקעהרט, דערזעהען דאָס בילד, און זי זאָגט צו מיר:

— ווי קומט עס ווידער אהער, איך האָב עס דאָך נעכטען ביי־נאַכט מיט מיינע אייגענע הענד אין באַנדעל פּייפּער איינגעבונדען, און פריהער אַ ווײַלע האָב איך דעם גאַנצען באַנדעל אויפ'ן „דאַמב־ווייטער" פאַר'ן הויזקיפּער אַוועקגעשטעלט.

און אזוי רעדענדיג, האָט מיין גוטע פרוי אויפגעהויבען דאָס בילד, צוזאַמענגעוויקעלט מיט נאָך איינציגע שטיקלעך פּאַפּיער, וועלכע האָבען זיך ארומגעוואַלגערט אין פערשיעדענע ווינקלען פון הויז, האָט דאָס אוועקגעטראָגען אין קיך און אונטער'ן וואַש־טאָב אוועקגעשמיסען — דאָס אַלעס האָב איך צוגעקוקט מיט מיינע אייגענע אויגען.

אויף מאָרגען ביינאַכט, נאָך אַבענד־ברויט, ווען איך בין ווענען עפּעס אריינגעקומען אין דעם האַלב־פערדונקעלטען זאַאַל, האָט פון א ווינקעל פון הינטער דעם גרויסען „ראָבער פּלענט“ ווידער אויף מיר א בליק געטהאָן דאָס בעקאַנטע בילד.

לעבעדיג איז יעצט געוועזן דאָס בילד, לעבעדיג ווי אימער, און די אויגען האָבען מיר אין סאַמע הארצען עפּעס ווי מיט געוואַלד אריינגעריסען זיך...

א שרעק איז מיך בעפאַלען, א מאָדנער אונבעגרייפליכער שרעק!

איך האָב האַסטיג די „עלעקטריק“ אָנגעצונדען און פון דעם שטראָם ליכט האָט דאָס בילד פערלאָרען א טהייל פון דער לעבעדיגקייט; אָבער ווען איך האָב דאָס בילד אויפגעהויבען און א ווײַלע אָנגעקוקט, האָב איך געפיהלט עפּעס אזוי ווי פון דעם וואָלט זיך צו מיין הארצען געצויגען א שווערער, אן אונבעגרייפליך שווערער אָנגרייפענדער אוטעם.

און וואָס לענגער איך האָב אויף דאָס בילד געקוקט, אַלץ שאַרפער, אַלץ אָנגרייפענדער איז געוואַקסען דער שטיקענדער אוטעם אין הארצען.

טרערען זיינען מיר צו די אויגען צוגעקומען, מיר האָט זיך פאַר עפּעס וויינען פערוואָלט.

וואָס איז דאָס פאַר א מין בילד? — האָב איך זיך געטראַכט — וואָס פאַר א מין כשוף שטעקט אין דעם? וואָרום קוקט עס מיך אָן מיט אזוי פיעל רחמנות, מיט אזוי פיעל בענקעניש? וואָרום ציהט עס מיין גאַנצע נשמה מיט אזא מין אונבעגרייפליכער קראַפט? איז דיעזעס בילד פון אימיצען ארונטערגענומען? עקזיסטירט אזא מין געזיכט? לעבט, אָדער האָט ווען עס איז געלעבט די פּערזאָן, פון וועלכער דער אָריגינאַל פון דיעזער בילד איז געצייכענט אָדער פאָטאָגראַפירט געוואָרען? אָדער האָב איך אמאָל אין מיין לעבען

דיזע פרוי וואו בעגעגענט? ווארום מאכט אויף מיר דיזעס בילד אזא מין טיעפען, אזא מין שווערען איינדרוק?

— זעה נור, ווי קומט צו דיר ווידער דאס בילד? — האט מיך מיין פרוי איבערגעשלאגען אין מיין פערטראכט זיין — איך האב דאך דאס היינט פריהמארגענס נאך אמאל אויפ'ן „דאמב־ווייטער" אוועקגעלעגט. וואו האסטו דאס גענומען?

דערצעהל איך מיין פרוי, אז דאס בילד איז אין זאאל אויף דער פארלאגע געלעגען.

— ווי קען דאס זיין? — קוקט מיך אן פערוואונדערט מיין פרוי — איך האב דאך דאס מיט מיינע אייגענע הענד ארויסגעווארפען.

— ביזטו זיכער? — פרעג איך.

— געוויס, איך האב עס געזעהן אין באנדעל, בשעת עס איז שוין געלעגען אויפ'ן „דאמב־ווייטער". — פערזיכערט מיר מיין פרוי.

— און איך האב עס געפונען דא אין פראנט־רום אויפ'ן פלאר

— פערזיכער איך מיין פרוי פון מיין זייט.

— עפעס טאקע אזוי ווי שדים װאלטען זיך מיט דעם געשפיעלט.

— דריקט מיין פרוי מיט די פלייצעס — עפעס א בשוף־בילד!

און פון מיין פרוי'ס איינינע ווערטער ווערט מיין שרעק טיעפער און געהיימניספולער.

און איך טראכט ביי זיך: „וואס איז דאס טאקע פאר א מין בילד? א בילד, וועלכעס עס וואלט עפעס אזוי ווי ניט וועלען פערלארען געהן? און איך פיהל ווי עס גרוילט מיר, ווי עס שוידערט מיר...

איך האב דאס בילד מעהר ניט פערווארפען. איך האב עס אין מיין דעסק פערשלאסען, און אבגעמאכט ביי זיך, ביי דער ערשטער געלעגענהייט צו געהן אין דער רעדאקציע פון דעם זשורנאל, פון וועלכען דיזעס בילד איז אבגעריסען געווארען, און פרובען אויסגעפינען, פיליכט ווייסט מען דארט פון וואנען און פון װעמען דיזעס בילד נעהמט זיך.

מיט איינינע טעג שפעטער האב איך גענומען דאס בילד, דאס בשוף־בילד, וועלכע האט פאר קיין פאל ניט געוואלט פון מיין הויז פערלארען געהן, און איך בין אוועק אין דער רעדאקציע, וואו איך האב ערווארטעט מיין נייגעריגקייט צו בעפריעדיגען.

ווען אן אנגעשטעלטער אין דעם אפיס פון דער רעדאקציע האט מיך געפרעגט וואס איך פערלאנג, האב איך געצייגט דאס בילד און געפרעגט:

—איז דער אריגינאל פון דיעזען בילד געמאלען געווארען אין דיעזער רעדאקציע?

— יעס סער. — האב איך אן ענטפער בעקומען.

— קען איך זעהן דעם ארטיסט, וועלכער האט דיעזעס בילד געצייכענט?

— צו וואס דארפט איהר איהם? — האט מען מיך געפרעגט.

איך האב זיך אויף א וויילע פערלארען, אבער באלד בין איך געקומען צו זיך און איך האב געענטפערט:

—ווען איך וועל רעדען צו דעם ארטיסט, וועל איך איהם געוויס ערקלערען מיינע גרינדע, ווארום איך האב איהם געזוכט צו קענען.

דער אנגעשטעלטער האט מיר דאן וועגען מיין נאמען געפרעגט און איך האב געענטפערט:

— איך דענק ניט אויב מיין נאמען איז וויכטיג צו וויסען, ווייל עס איז גאר קיין צווייפעל ניט, דאס ניט איך קען דעם ארטיסט, וועלכען איך וויל זעהן, און ניט דער ארטיסט קען מיך.

דאך פון פארמאליטעט וועגען האב איך מיין „קארד" דערלאנגט דעם אנגעשטעלטען פון אפיס. דער לעצטער האט מיר העפליך געבעטען זיצען, אוועק צו זיין דעסק, און א וויילע צו אימיצען דורכ'ן טעלעפאן גערעדט.

נאכדעם ווי עס איז אריבער א צייט פון איינינע מינוטען, האב איך געזעהן ווי פון א זייטינער טהיר קומט צו מיר צו א הויכער בלאנדער מאן, וועלכען איך האב דערקענט אלס א רוס.

„דאס איז ער, דער ארטיסט, און ער איז א „רוס" — האב איך א טראכט געטהאן. און פאר עפעס האט מיר א שטארקען קלאפ געטהאן איבער'ן הארצען.

דער הויבער בלאנדין איז צו מיר צוגעקומען. א וויילע מיך נייגעריג אנגעקוקט מיט זיינע גרויסע טיפיש־רוסישע בלויע אויגען, און ער האט מיך געפרעגט אין גוטען ענגליש, דאך מיט אן אקצענט, וועלכער האט ארויסגעגעבען דעם „פרעמדען":

— ווילט איהר מיר זעהן?

— אויב איהר זייט דער ארטיסט, וועלכער האט געשילדערט דעם אריגינאל פון דיעזען בילד. — האב איך געציינט דאס בילד, וועלכע איך האב מיט זיך געבראכט.

נאך דעם ווי דער ארטיסט האט א וויילע דאס בילד אנגעקוקט, האט ער פערטראכט געענטפערט:

— יעס סער, דאס בין איך.

— אויב איהר וועט מיר ענטשולדיגען פאר מיין צופיעל פריי־הייט, וועלכע איך נעהם זיך — האב איך גענומען שטאמלען, אימער־פיהלענדיג זיך עטוואס פערלארען — ווען איהר וואלט נור וועלען זיין אזוי פריינדליך און בעפריעדיגען מיין נייגיערינקייט, וואלט איך וועלען וויסען, אויב דיעזעס בילד איז אין אייער פאנטאזיע בעשאַ־פען געווארען, אדער איהר האט פאר זיך א וועלכען־עס־איז מאדעל געהאט.

דער ארטיסט האט מיך א וויילע אנגעקוקט שארף און איבער־ראשט, דאך האט ער מיך זעהר זעהר העפליך געפרעגט:

— קען איך וויסען צו וואס איהר זוכט אזעלכע אויסקינפטע?

איך האב אבגעכאפט דעם אטהעם, אנגענומען זיך מיט מוטה, און האב גענומען דערצעהלען די אמת'ע אורזאכע, וועלכע עס האט מיך אין דיעזען אפים געבראכט.

אנפאנגס האב איך מיין ערצעהלונג איבערגעגעבען מיט אן אב־הענדיגער שטימע און אין צובראכענע ניט־דייטליכע פראזען, איך האב אבער באלד בעמערקט, אז מיין שילדערונג מאכט זעהר א טיע־פען איינדרוק אויף דעם ארטיסט; דאן האב איך זיך גענומען פיהלען היימליכער, רוהיגער, און איך האב מיט א קלארער, פעסטער שטימע פינקטליך איבערגעגעבען מיינע אלע איינדריקע פון דעם בעטרעפענדען בילד.

און אזא שטארקען איינדרוק האבען מיינע ווערטער געמאכט אויף דעם ארטיסט, דאס א לאנגע ווייל, נאך דעם, ווי איך בין אנשווייגען געווארען, איז ער געבליבען שטעהן א פערשטומטער, פער־לארענער אין ערשטוינונג; ענדליך האט ער מיך בעטראכט מיט א לאנגזאמען נייגיעריגען בליק און ער האט געענטפערט:

— יעס, איך האָב פאַר זיך אַ מאָדעל געהאַט. עס איז אַ בילד פון אַ רוסישער אידישער פרוי.

— אַ רוסישע אידישע פרוי? — האָב איך אויטאָמאַטיש איבערגעפרעגט און איך האָב געפיהלט, ווי מיין הארץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּען.

— יעס סער, אַ רעוואָלוציאָנערין.

—האָט איהר זי געקענט? — האָב איך געפרעגט, און איך האָב געפיהלט, ווי עס נעהמען מיר אַלע גליעדער ציטערן.

— ניין, איך קען זי ניט — האָט דער אַרטיסט געענטפערט — איך האָב דאָס בילד געצייכענט נאָך אַ פאָטאָגראַפּישען בילד, וועלכעס איז געווען איבערגעדרוקט אין אַ פאַריזער זשורנאַל; מען האָט דיעזע אָרעמע פרוי געפונען דאָרט אין אויפגעהאַנגענע, זי האָט זעלבסטמאָרד בעגאַנגען און איז געשטאָרבען אין עלענדע, אין איינזאַמע, אַ פערגעסענע...

אין אונדייטליכער, אין אונבעשטימטער אָבער שטיקענד־שווערער פאַרגעפיהל האָט ווי אין צוואַנגען מיין הארץ ארומגעכאַפּט, אַ קעלט איז מיר אריבער איבער מיין גאַנצען קערפּער, איך האָב דערפיהלט ווי איך ווער בלאַס, און איך האָב געפרעגט מיט אַ פערהאַלטענעם אָטהעם:

— איהר נאָמען? ווייסט איהר דער פרוי'ס נאָמען?

— יעס, — האָט דער אַרטיסט געענטפערט — עס איז איינע אַ קריינע ווילנער.

— מיין קריינעלע! — האָב איך אויסגעשריען און איך האָב אייניגע מינוטען ניט געקענט אַ וואָרט אויסרעדען פון אויפרעגונג און פאַר טרערען, וועלכע האָבען מיר אין האַלז געשטיקט.

איך האָב געקראָגען דעם פראַנצויזישען זשורנאַל, פון וועלכען דאָס בעטרעפענדע בילד האָט זיך גענומען.

יעס, דאָס איז געווען מיין אָרעמע, מיין אונגליקליכע קריינע ווילנער — מיין ערשטע געליעבטע.

* * *

און ווי אַזוי דאָס האָט אַלעס פּאַסירט, קען איך זיך ביז היינטיגען טאָג ניט ערקלערען. געניינט בין איך צו טראַכטען פיליכט האָט מיין לילינקע — מיין דריי־יאָהריגע מיידעלע — פאַר עפּעס

ליעב בעקומען דאָס בילד און האָט עס אונבעמערקט צוריק אין צי־
מער געבראַכט, יעדעס מאָל נאָך דעם ווי די מוטער האָט עס ארויסגע־
וואָרפען. פיליייכט האָב איך אינסטינקטיוו דערקענט אייניגע שטרי־
כען פון דעם געזיכט, וועלכעס איז מיר אמאָל אין מיין לאַנג־פער־
געגאַנגענער יוגענד אזוי ליעב, אזוי טהייער געוועז, און דערפאַר איז
דאָס מיין הארץ אויפגעציטערט געוואָרען!

אָבער וואָס האָט בעדייטעט דער שרעק, דער שווערער אומעט,
וועלכען דיעזעס בילד האָט אויף מיר אָנגעוואָרפען?

וואָרום האָט זיך מיר ווייגען פערוואָלט, ווען איך האָב דיעזעס
בילד צום ערשטען מאָל אין מיין האנד גענומען? איך קען זיך דאָס
ניט ערקלערען — איך קען ניט...

און דאָס בילד, וועלכעס האָט ניט געוואָלט פערלאָרען געהן,
האָב איך איינגעפאַסט אין א שוואַרצער ראַמקע, און זי הענגט יעצט
איבער מיין בעט אין מיין שלאָפצימער!

עס הויבט זי אָן צו פערדריסען.

די לעוויגס הויבט שוין אָן שטארק צו פערדריסען אויף זייערע אמאָליגע פרייע אידעען. זיי ווייסען אָבער ניט ווי אזוי זיי קענען זיך איצט העלפען.

אין זיינע יונגע יאָהרען איז לעווין געווען אן איבערגעגעבענער אַנארכיסט, און אויך אַניוטע — זיין איצטיגע פרוי און זיין דאמאָלס־דיגע כלה — פלעגט אין איהרע פרייע שטונדען בעזוכען אַנאר־כיסטישע מיטינגען און פלעגט רעגעלמעסיג אַנוועזענד זיין אויף אַנאַרכיסטישע לעקציעס. אָבער דאָס מיידעל האָט באמת גאָר ניט אויסען געווען אזוי דאָס אַנארכיזמוס, ווי זי האָט אויסגעקוקט אויף א געלעגענהייט צו פערפיהרען א ליעבע מיט א פאַסענדען שעהנעם יונגענמאַן.

די געווינשטע געלעגענהייט איז ענדליך געקומען, און אין אַניוטע׳ן האָט זיך פערליעבט לעווין. ווען דאָס מיידעל האָט געזעהן, וואָס פאַר א געטרייער איבערגעבענער אַנארכיסט איהר געליעבטער איז, האָט זי זיך ניט פיעל געהאַמפּערט און אויך געוואָרען א געטרייע אַנארכיסטקע.

ווען די געטרייע אַנארכיסטען האָבען געהייראַטה, האָבען זיי געהאַנדעלט לויט זייערע אַנארכיסטישע פּרינציפּען און האָבען קיי־נע צערעמאָניעס ניט געמאַכט, איינפאַך גענומען א דירה, געקויפט אביסעל מעבעל און צוזאַמען אין דיעזער דירה איינגעקליבען זיך. דאָס איז געווען זייער האַכציים.

לעווין איז געווען זעהר שטאָלץ מיט זיין פּרינציפּיעלער האַנד־לונג; ער האָט זיך געפיהלט גוט און בעפריעדיגט, אזוי ווי עס פיהלט זיך בעפריעדיגט אן אמת־פרומער איד, ווען ער איז מקיים א גרויסע מצוה. און וואָס אַנבעטרעפט אַניוטע׳ן, האָט זי טיעף אין הארצען ניט געפיהלט אזוי יום־טוב׳דיג איבער דעם, וואָס איהר חתונה איז פאַר־געקומען אזוי איינפאַך, אזוי וואָכעדיג.

וועלכע מיידעל טרוימט ניט וועגען איהר חתונה, וועגען דער וויכטיגסטער געשעהנים אין איהר לעבען? און די דאָזיגע זיסע

טרוימען זיינען אימער פאנטאסטיש־שעהן, גלענצענד, טריאומפירענד, רייך אין קלאנגען און קאלירען!

יעדע מיידעל טרוימט זיך אייגענארטיג. איינע חלום'ט וועגען איהר שעהנער שנעע־ווייסער חופה־קלייד; א צווייטע זעהט אין איהר חלום די חופה, אונטער וועלכער זי און איהר חתן ווערען גע־פיהרט פון עלטערען, ברידער, שוועסטער און פערוואנדטע; א דריטע טרוימט וועגען א רייך־פערפוצטען זאאל, וועגען מוזיק, וועגען מחותנים, וועגען פיעלע געסט; פערשיעדענארטיג זיינען אזעלכע טרוימען, אבער זעלטען וועלכע מיידעל עס שטעלט זיך פאר, אז איהר חתונה,—דער וויכטיגסטער, דער פאעטישסטער, דער העכסט־אינטערע־סאנטער מאמענט פון איהר לעבען, — וועט פארקומען שטיל, איינ־פאך, וואכעדיג, אזוי ווי עס איז, צום ביישפיעל, פארגעקומען די לעווינס חתונה.

אויך אניוטע האט געטרוימט וועגען איהר חתונה. אין איהרע טרוימען האט זיך דאס מיידעל גאר ניט פארגעשטעלט אזא מין וואכעדיגע איינפאכע האכצייט, אזוי ווי ביי איהר איז פארגעקומען, און די יונגע פרוי האט איצט טיעף אין הארצען ניט געפיהלט זיך בעפריעדיגט, עטוואס האט איהר אויסגעפעהלט, נאך עפעס האט דאס הארץ געבענקט; אבער איהר לעווינ'ען האט זי זעהר ליעב גע־האט און האט איהם געהאלטען פאר א פיעל העכערען וועזען פון זיך זעלבסט, דעריבער האט אניוטע איהר בענקענים פערשטיקט ביי זיך אין הארצען, און מיט איהר בענעהמען זיך האט זי געסטארעט זיך צו מאכען דעם איינדרוק, אז אויך זי איז פונקט ווי איהר מאן פרינציפיעל איבערצייגט, אז נור אזא מין חתונה, ווי זיי האבען גע־האט, איז פאסענד, שעהן און גוט.

אניוטע און לעווין האבען אין ניו יארק קרובים געהאט. און ווען די דאזיגע קרובים האבען זיך דערוואוסט וועגען דער פאאריל'ס אנארכיסטישע חתונה, איז מען געקומען מיט טענות און מיט גע־וואלדען:

— סטייטש, וואס איז דאס עפעס? — האט זיך געבייזערט א קרוב פון אניוטע'ס צד — וואס הייסט א באי און א מיידעל נעה־מען, מיר־ניט־דיר־ניט, און קלייבען זיך אריין אין איין דירה און

שוין! און עס הייסט שוין, אז מען איז מאַן און ווייב! וואָס איז דאָס עפּעס פאַר א מין הפקר־וועלט?!

— מילא, איהר זייט „געבולבעטע“ און ווילט ניט קיין אידישע חתונה, נו, דאַרף מען ניט. — האָט זיך געקאָכט א צווייטער קרוב — איז ניט קיין אידישע חתונה! איז דאָך אויף דעם אין אַמעריקא דאָ א „דזשאַדזש“, א „סיטי־האָלל“! איז ניט קיין חתונה, נעהמט ארויס מעררידזש לייסענס, עפּעס א שטיקעל צעטעל, א כתובה'לע!

— עס איז דאָך פּשוט א חרפּה! — האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס א דריטער קרוב.

און לעווין האָט אַלע קרובים אָבגעענטפערט, אז די אמת'ע ליעבע דאַרף ניט די הסכמה ניט פון רבנים, ניט פון גלחים, און ניט אפילו פון סיטי האָלל, און דעם בעגייסטערטען אַנאַרכיסט'ס אַרגומענטען זיינען געווען אזוי שאַרף, אזוי שטאַרק, אזוי איבערצייגענד, דאָס די קרובים האָבען באַלד אזוי ווי פערגעסען צו רעדען.

און אַניוטע האָט זיך דערווייל געטהאָן איהר זאַך. ארגומענטירען מיט די געסט האָט זי איבערגעלאָזט צו איהר מאַן; זי איז געווען מעהר ווי זיכער, אז איהר לעווין איז פאַר אזא מין אונטערנעהמונג פיעל פּאַסענדער פון איהר זעלבסט, האָט זי געלאָזט איהם ארומרייסען זיך מיט די פּראָטעסטירענדע קרובים. אליין האָט זי גענומען דערווייל צוגרייטען א שעהנעם טיש פאַר די געסט; באַלד זיינען געשטאַנען אויפ'ן טיש טהעע, פרוכטען, טאָרט, לעקעך, ביסקעטס, זיסע מאַנדלען, און אביסעל משקה האָט אויך ניט געפעהלט.

די געסט האָבען זיך ארומגעזעצט ביים טיש און האַלב ברוגז'דיג גענומען צובייסען.

— נו, אַט האָט איהר א חתונה! — האָט אַניוטע געזאָגט פרעהליך אויפגעלעגט. די קרובים זיינען מילדער געוואָרען און גענומען רעדען טאַקע ווידער צום פונקט, אָבער שוין אביסעל פריינדליכער:

— מען קען נאָך איצט אויך געהן אין קאָורט „טרויען זיך“ — האָט איין קרוב געגעבען אן עצה.

אַמעריקא איז א פרייע מדינה. — האָט א צווייטער קרוב גערעדט — מען קען טהאָן וואָס מען וויל. אָבער געדענקט, קינדערלעך, איהר

וועט חרטה האבען. איהר וועט מיט אייערע יעצטיגע נארישע חלומות אייער לעבען ניט דורכפיהרען.

— מילא, מיט זיך אליין קענט איהר טהאן וואס איהר ווילט — האט א דריטער קרוב געוואדענט די אנארכיסטישע פאאר־פאלק — אבער עס וועלען דאך קומען קינדערלעך אויף דער וועלט... און אייערע קינדער וועט מען אפשר פעררעכענען פאר אונגעזעצליך איבער דעם, ווייל איהר האט קיין שום חתונה ניט געהאט.

לעווין האט ווייטער גערעדט, ווייטער ארגומענטירט, און איז טאקע ווייטער געבליבען. אבער ביי אניוטע'ן האבען זיך אוועקגעלעגט די ערשטע שווערע שטיינער אויפ'ן הארצען.

א פאאר יאהר שפעטער איז ביי די לעווינס געבארען געווארען זייער ערשטלינג, א געזונד אינגעלע, אן עכט־ריכטיגער אנארכיסטעלע. און אויף דער סצענע זיינען נאך אמאל ערשיענען לעווינ'ס און אניוטע'ס גוטע קרובים מיט נייע טענות:

„מען זאל א אידישען ברית מאכען".

— פאר קיין פאל ניט, דאס וועט איהר ביי מיר קיין מאל אין לעבען ניט פועל'ן. — האט לעווין גאר ניט געוואלט הערען וועגען אזא מין פארשלאג — איך האלט ניט פון אזעלכע ווילדע בארבארישע צערעמאניעס, ווי דער אידישער ברית איז.

— עס איז גאר ניט אזוי בארבאריש — האט איינער פון לע־ווינ'ס פערוואנדטע געפרואווט דעבאטירען מיט דעם אנארכיסט. די גרעסטע דאקטוירים ערקלערען איצט, אז אזא אפעראציע, ווי דער אידישער ברית פערלאנגט, איז גאר זעהר געזונד פאר א קינד.

אויף דעם האט לעווין מיט א געלעכטער געענטפערט, אז עס זיינען דא אויף דער וועלט א שעהנע ביסעל פעלקער, וועלכע ווייסען ניט פון דעם אידישען ברית און עס קוקט גאר ניט אויס, אז די דא־זיגע אלע פעלקער זאלען זיין שוואכער פון אונזערע גבורי ישראל.

דאן האט איינער פון די קרובים געזאגט צו לעווינ'ען:

— מילא, דו ביזט אן אנארכיסט, האלסטו ניט פון אידישקייט, אבער ווי אזוי ווייסטו וואס דיין קינד וועט זיין? פיליכט וועט דיין זוהן דוקא וועלען זיין א איד?

— ווען מיין זוהן וועט אויסוואקסען, וועט ער זיך קענען זיין, וואס ער וויל. איך בין אבער ניט מחויב ארויפצולייגען אויף מיין

קינד א שטעמפעל פון אידישקייט. — האט אויף דעם לעווין גע־
ענטפערט.

אזוי האט לעווין גערעדט.

נו, און אניוטע?

אניוטע האט זיך אין דער דיסקוסיאן גאר ניט ארייגעמישט.
זי האט געשוויגען.

דעם אנארכיסט'ס יונגע פרוי האט זיך זעהר ניט געוואלט איינ־
רייסען מיט איהרע און מיט איהר מאנ'ס קרובים. זי האט אבער
גוט געוואוסט, אז ווען זי זאל אפילו וועלען געהן דאנעגען איהר מאנ'ס
רצון, וועט איהר דאס קיין מאל ניט געלינגען, און זי האט בעסער אין
גאנצען געשוויגען.

די קרובים זיינען אבער דאך ברוגז געווארען. זיי האבען בע־
טראכט דעם אנארכיסט'ס יעצטיגע האנדלונג, אלס א פערלאנג, אלס
א וואונש פון זיי אבצוזאגען זיך, פערפרעמדט ווערען.

אוועק זיינען זיי בייז און טיעף בעליידיגט.

מיט א יאהר שפעטער, ווען מיסים לעווין האט געבראכט אויף
דער וועלט א צווייטען זוהנעלע, איז שוין קיינער ניט געקומען צו
זאגען דעות די אנארכיסטען, אויב זיי זאלען מאכען אדער ניט מא־
כען א ברית.

און עס האבען זיך אוועקגעצויגען די יאהרען און עס זיינען
אנגעקומען אנדערע צייטען, אנדערע אומשטענדען, און לעווינ'ס
אמאליגע ברענענדיגע אידעען האבען גענומען ביסלעכווייז אבקיהלען
זיך ביז עס איז פון זיי גאר קיין שום שפור ניט פערבליעבען.

קיין איבריג אויפגעקלערטער אנארכיסט איז לעווין אייגענטליך
קיינמאל ניט געווען, ער האט זיינע אלע פרייהייטס־אידעען מעהר
מיט זיין הארץ ווי מיט'ן קלארען פערשטאנד בעגריפען. איצט האט
ער געזעהן ווי כמעט אלע פון זיינע אמאליגע לעהרער, די, וועלכע
האבען אזוי היים זיינע בלוטען אנגעצונדען, האבען זיך ביסלעכווייז
אבגעטרייסעלט פון דעם גאנצען „אנארכיזם" און זיינען זיך געווארען
גערוועהנליכע קליינטשינקע פראקטישע מענשעלעך... איינער פון
זיי איז געווארען א בעריסער — א דאקטאר, פון א צווייטען איז
אויסגעפראנען געווארען א פערגליווערטער „לענדלארד", און א דריי־
טער האט גאר גענומען געבען געלד אויף געשמאקע פראצענטען. דאס

האָט אויף לעווינ׳ען אזוי געווירקט אז זיין אייגענער פייער אין זיין אייגענעם הארצען האָט גענומען צאַנקען און צאַנקען...

און עס זיינען אָנגעקומען קאַלטע צייטען, פּראַקטישע יאָהרען!

די אמאָליגע בעגייסטערונג, וועלכע האָט דעם אַנאַרכיסט דאָן ארומגערינגעלט, איז פערשוואונדען, עס איז מעהר ניט געווען צו בעגעגענען דעם אמאָליגען פלאַקער, דעם אמאָליגען ברען, די אַלע אמאָליגע לעווינ׳ס חברים זיינען ערגעץ פערשוואונדען געוואָרען. די יאָגעניש נאָך דער פּרנסה האָט זיי צושליידערט און צוואוואָרפען; מען זעהט זיי מעהר ניט, נישטאָ קיינער!

און לעווינ׳ס ענטטוישטע נשמה האָט גענומען שטיקען א געפיהל פון פוסטקייט, א געפיהל פון עלענד!

לעווין, אלס אַנאַרכיסט, פלעגט אימער טענה׳ן און שרייען די אַלט בעקאַנטע פראַזע, אז פאַר אזוינס, ווי ער, זיינען ניטאָ קיין קריסטען אָדער אידען, אַלע זיינען מענשען... אַלע זיינען גלייך... אָבער דעם אמת גערעדט, פלעגט דער אַנאַרכיסט אפילו אין זיינע אינגערע יאָהרען, אין די הייסע, אין די ברענענדיגע צייטען טיעף אין הארצען, בסוד סודות, פיהלען זיך עפּעס לאַ־עליכם׳דיג ווענען זיין „אינטערנאַציאָנאַליזם“; עפּעס פלעגט זיך איהם דער צונג פערטשעפּען, ווען ער פלעגט וועלען פערזיכערען, אז ער איז ניט קיין איד; עס פלעגען בשעת מעשה ארויפשווימען אין זיין געדעכניס די גוטע פרומע אידישע מאַמע, דער בייזער ערנסטער אָבער דאָך אָרענטליכער און געטרייער אידישער טאַטע, דאָס אידיש שטעדטעלע, זיין אמאָליג קינדערש־אידיש לעבען מיט טויזענדער פערשיעדענע זיסע, ליעבע, וואַרעמע אידישע זכרונות. און טאַקע אין דערזעלבער מינוט, ווען זיין אַנאַרכיסטישער צונג פלעקט פּראָקלאַמירען פאַר דער וועלט אז ער, לעווין, האָט מיט אידישקייט גאָרנישט וואָס צו טהאָן, פלעגט ער טיעף אין הארצען פיהלען, אז ער זאָגט ניט דעם ריינעם אמת... נור גאָר נישט — עס איז געווען אזא צייט, אַלע האָבען אזוי געשריען, אַלע זיינען חברים, אַלע זיינע ווענגווייזער, זיינע לעהרער, האָט ער אויך מיט׳ן שטראָם געלאָזט זיך שווימען און גערעדט דאָס, וואָס אַלע ארום איהם האָבען גערעדט.

אָבער איצט, ווען עס זיינען אָנגעקומען די נייע צייטען, ווען זיינע חברים האָט דער פּראַקטישער פּרנסה־ווינד צוטראָגען, ווען זיינע

אלע לעהרער האבען איהם מיאוס פערראטהעז, איצט האט לעווין שוין ניט געהאט צוליעב וואס און צוליעב וועמען צו פערשטיקען די שטי־מע, די אמת'ע שטימע פון זיין ריינעם הארצען, און קיינער האט שוין מעהר קיין זכיה ניט געהאט צו הערען, אז לעווין זאל דערצעהלען א מעשה, אז ער איז ניט קיין איד.

און דער אמת, דער נאקעטער אמת, אויף וועלכען לעווין האט אין זיינע אנארכיסטישע יאהרען די אויגען צוגעמאכט, האט יעצט איהם אבלאכענד אנגעקוקט אין זיין גאנצער נאקעטקייט.

די קריסטען, וועלכע ער האט אלס ברידער, אלס גלייכע בע־טראכט, האבען איהם גענומען אלץ הארטער און בייזער געבען צו פערשטעהען, מאכען צו פיהלען, אז זיי לאכען זיך אויס פון זיין ברודערשאפט, און ווילען פון איהם ניט וויסען, טאקע נור דערפאר, ווייל ער איז א איד.

אויך האט מעהר ווי איין מאל פאסירט, אז אין ערטער, וואו לעווין האט געזוכט בעשעפטיגונג פאר זיך, האט מען איהם ענטזאגט ווייטער דערפאר, ווייל ער איז א איד.

און לעווינ'ס צוויי קינדערלעך, טאקע די זעלבע צוויי אינגע־לעך, איבער וועלכע פאפא און מאמא האבען פערלארען אלע קרובים, ווייל מען האט ניט געוואלט אויף זיי „ארויפלעגען דעם שטעמפעל פון אידישקייט", די צוויי „באיטשיקעס" זיינען שוין איצט אויסגע־וואקסען, געהען אין סקול, שפיעלען זיך אין גאס, און ווי אין סקול אזוי אין גאס לאזט מען פיהלען לעווינ'ס קינדערלעך, אז זיי זיינען אידען. און אפט, ווען די קינדערלעך קומען אין הויז און מסור'ן פאר'ן פאטער, אז מען רופט זיי „שיני", ווערט דעם געוועזענעם אנאר־כיסט'ס הארץ אויפגעפלאמט פון א טיעפען, ברענענדען אידישען גע־פיהל, און ער הייסט, און ער לערנט זיינע צוויי קינדער צו געהן אין גאס און ענטפערען:

„יעס, ווי אר שינים ענד ווי אר פראוד אוו איט! (יא, מיר זיינען „זשידעס" און מיר זיינען שטאלץ אויף דעם).

און דער עמפפינדליכער לעווין האט זיך זאנדערבאר געביטען. אנשטאט א געטרייען ערנסטען אנארכיסט איז ער גאר געווארען א געטרייער נאציאנאליסט.

און די לעווינס ערציהען זייערע קינדער מעהר אידישלעך. מען

האלט פאר זיי א מלמד, וועלכער לערנט מיט די קינדער לשון קודש, דערצעהלט זיי וועגען אידישער געשיכטע, וועגען אידישע פאלקס־טראדיציעס, און ביי דעם געוועזענעם אנארכיסט האדעווען זיך צוויי אמת'ע אידען.

און טאטע און מאמע זיינען באמת צופריעדען, כמעט שטאלץ אויף דעם, וואס זייערע צוויי אינגעלעך ווערען ערצויגען אזוי אידיש־לעך. זיי ווייסען דאך אבער וועגען זייער אמאליגער „נארישקייט“: די ארימע אינגעלעך האבען דאך קיין אידישען ברית ניט געהאט, און ביי די עלטערן ליעגען שווערע שטיינער אויפ'ן הארצען טאקע דער־פאר, ווייל זייערע קינדער האבען ניט אויף זיך „דעם שטעמפעל פון אידישקייט“. עס פערדריסט זיי זעהר שטארק אויף זייער אמאלי־גען פרייען אויפפיהרען זיך, נור זיי ווייסען ניט ווי אזוי זיי קענען זיך העלפען

אויך פערדריסט זעהר שטארק לעווינ'ען ווארום ער האט ניט געהייראטה מיט זיין פרוי, ווען ניט אידישלאך, איז וועניגסטענס אין געריכט . . . עפעס וואלט זיך דער מענש פיהלען זיכערער פאר זיך און איבערהויפט פאר דער צוקונפט פון זיינע צוויי קינדערלעך, ווען אין דער אייזערנער קעסטעלע, וואו עס ליעגען זיינע פאפירים, וועלכע ער האט אויף זיין לעבען ארויסגענומען, אום צו פערזיכערען זיין פאמיליע פון נויט, אין פאל ער וועט שטארבען, ווען אין דיעזער קעסטעלע וואלט אויך געלעגען א געזעצליכע אנצייגעניס, אז צווישען איהם מיט זיין ליעבער, זיין טהייערער אניוטע'ן איז פארגעקומען א געזעצליכע הייראטה . . .

עס פערדריסט די לעווינס אויף זייער אמאליגען פרייען אויפ־פיהרען זיך . . . נור זיי ווייסען ניט, ווי אזוי צו העלפען זיך.

פארגרעסערט אייער לייברערי

די ערשטע צוויי בענדער

פון

ז. ליבין

ארויסגעגעבען פון „פארווערטס“.

ענטהאלטען 84 פון זיינע בעסטע ערצעהלונגען אונטער
די אפטהיילונגען :

דער סוועט שאפ.
דער אייביגער איד.
ביטערער שפאס.
זומער אין קאונטרי.
דעם ארבייטער׳ס פרוי.
און פערשיעדענעס.

פרייז, $1.00 — — — — — — — — פארטא 30 סענט.

צו בעקומען אין אלע בוך־סטארס אדער דירעקט פון

Jewish Daily Forwad, 175 East B'dway

NEW YORK, N. Y.

קאַטאַלאָג

פון „פאָרווערטס"־אויסגאבען

בעלעהרענדע ביכער און אָריגינעלע שריפטען.

ז. ליבין'ס געוועהלטע ווערק, 1טען און 2טען באנד — $1.00
די געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער בעוועגונג,
ארויסגעגעבען פון די פעראייניגטע אי. געווערק. $1.00
אב. קאהאן'ס „היסטאָריע פון די פערייניגטע שטאאטען"
1טער באנד — — — — — — — — — — — — — $1.00
2טער באנד — — — — — — — — — — — — — $1.00
מאָררים ראָזענפעלד'ס שריפטען, 3 בענדער — — — $1.00
אב. קאהאן'ס „נשמה יתורה" און „פענני'ס חתנים" — 75 ס.
אויגוסט בעבעל'ס „די פרוי און דער סאָציאליזמוס" — 60 ס.

איבערזעצטע ראָמאַנען און ערצעהלונגען.

גיו דע מאָפאסאן'ס ערצעהלונגען, איבערזעצט פון לעאָן קאָברין
1טער באנד — — — — — — — — — — — — — 50 ס.
2טער באנד — — — — — — — — — — — — — 50 ס.
3טער באנד — — — — — — — — — — — — — 65 ס.
עמיל זאָלא'ס ראָמאן „צוויי־פיסיגע־חיה", איבערזעצט
פון מ. זאמעטקין — — — — — — — — — — — 40 ס.
עמיל זאָלא'ס ראָמאן „געלד" איבערזעצט פון ל. קאָברין 25 ס.
גראף טאָלסטאָי'ס „קרייצער סאנאטא", איבערזעצט פון
אב. קאהאן — — — — — — — — — — — — — 25 ס.

בראָשורען.

סאָציאליסטישע.

א. בענענסאָן'ס, „די ריכטיגע בעדייטונג פון סאָציאליזמוס"
איבערזעצט פון מ. זאמעטקין, אין 2 טהיילען — 40 ס.
אב. קאהאן'ס „רפאל נעריצך" — — — — — — — 25 ס.
ב. פייגענבוים'ס „רעליגיאָן און סאָציאליזמוס" — — 20 ס.
אלעקסאנדער יאָנאס „דער רעפּאָרטער און דער סאָציאליסט"
איבערזעצט פון ב. וולאָדעק — — — — — — — 10 ס.

ליטעראַרישע.

שלום אש'ס דראמא „אונזער גלויבען" — — — — — 15 ס.